STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01771

GEULE

L. Kurland

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לייב קורלאנד

גאולה

דערציילונגען

M. Millberger
PARIS, 3-III-69

לייב קורלאנד

גאולה

דערציילונגען

אונזער קיום

ביי דער פעדעראַציע פון יידישע געזעלשאַפטן

פאַריז תשכ"ט — 1969

ליב קורלאַנד   **ג א ו ל ה**   דערציילונגען

הילע : מאַרעק האַלטער

צייכענונג : מיכאל מילבערגער

דאָס בוך הייילקט דעם אָנדענק פון טראַגיש־
פאַרשניטענעם

י ר מ י ה ו   י ה ו נ ת ן   ש אַ ב אַ ן

דעם זון פון שרה און אבא שאבאן און ברודער
פון מרדכי־מיכאל שאבאן, פון יאָהאַנעסבורג.

L. KURLAND

GEOULA

(Nouvelles)

Supplément à « NOTRE EXISTENCE »
REVUE LITTERAIRE - PARIS
N° 94-95 - JUIN 1969

דער מחבר דאַנקט דעם „וועלט־פאַרבאַנד פון די בערגען־בעלזענער״
פאַר דער הילף ביים אַרויסגעבן פון דעם דאָזיקן בוך.

די לעצטע שיף

— 1 —

די גאַסן־לעמפּ זענען געהאָנגען ווי תמיד איבער די קעפּ, אָבער אַן לעבן, ווי אַ שוואַרצע באַנד אויפן בגד פון אַן אָבל.
פרעמדע מענטשן אין אַ פרעמדער שטאָט.

די מענער האָבן זיך געקענט פון פריער. דער געמיינזאַמער גורל פון רעקרוטן אין דער זעלבער אָפּטיילונג און געציילטע טעג אויפן פראָנט האָבן זיי דערנענטערט. און דער זעלבער גורל, וואָס וואָלט זיי דערוואָרט, אין פאַל ווען זיי ווערן געכאַפּט דורך די דייטשן, האָט זיי צונויפגעשמידט מיט קייטן פון קרובהשאַפט. און נאָך אַ זאַך האָט זיי געבונדן און צונויפגעהאַלטן, דהינו — אַ געוויסע רעזערוו פון געלט ביי איינעם, און ביים צווייטן — אַ רעוואָלווער.
אוןביידע זאַכן זענען געווען לעבנס־וויכטיק אויף די וואָגל־וועגן, וואָס האָבן געפירט פון פראָנט צו אַ מקום־מקלט, צו אַ פּאָרט. אויף די וועגן, וואָס זענען געווען באַלייגט מיט פליטים, וועלכע זענען געלאָפן, געפאָרן ווי ווילדע, וואָס ווייטער פון שונא, וואָס ווייטער פון פראָנט, וועלכער דערנענטערט זיך כסדר. קיין באַנען זענען שוין נישט געגאַנגען. די ליניעס זענען געווען באַשעדיקט דורך באָמבעס, סאַבאָטאַזש־אַקטן. האָט מען געמוזט לויפן צופוס, אַרויפכאַפּן זיך אויף אַ פאַרנדיקן אויטאָ, פערד און וואָגן, פאַרשאַפן זיך אַ רעדל, אַ מאָטאָציקל.
בכדי בייצוקומען די רשעות פון מענטשן אין בהלה, האָט מען אָפּט באַדאַרפט איינס פון די ביידע: אָדער געלט, אָדער דעם רעוואָלווער. אַזעלכע אַרגומענטן האָבן געווירקט אַפילו ביי איינעם, וואָס איז שוין געווען אַ רשע נאָך פון פריער.
אַ דאַנק איינעם פון די דאָזיקע צוואַנגס־מיטלען איז זיי געלונגען צו פאַרשאַפן זיך אַ מאָטאָציקל און אויסצופרעסן בענזין אויף

אַ נאַרמאַלן פּרייז. אויפן זעלבן אופן האָבן זיי געפּועלט ביים פּאָסט־דירעקטאָר פון לאַ ראַשעל, דער פּאָרט־שטאָט וואָס איז געשטאַנען אין פּלאַמען, ער זאָל קלאַפּן אַ דעפּעשע צו דער פרוי פון איינעם פון זיי, קיין ליאָן, אַז זי זאָל קומען קיין באַיאָן, בכדי צוזאַמען זיך פון דאָרטן צו ראַטעווען. און ענלעך האָבן זיי באַצוווּנגען דעם פּאָסט־באַאַמטן פון אַ שטעטל דרום־צו פון באָרדאָ צו שיקן דעם זעלבן טעקסט פון אַ טעלעגראַמע, אויפן זעלבן אַדרעס. טאָפּלט איז שטאַרקער. און דאָס זעלבע אויף אַ דריט אָרט, מער דרום־צו. דריי־פאַך — איז נאָך שטאַרקער. און ווען אַ באַדינער פון אַ בענזין־סטאַציע האָט אָפּגעזאָגט, אַפילו אויפן שוואַרצן פּרייז, אָנצופילן דעם ליידיקן מאָטאָר־רעזערוואַר, האָט ווידער דער רעוואָלווער געבראָכן יעדן ווידערשטאַנד.

אָבער נישט דאָס געלט און נישט דער רעוואָלווער האָבן געקאָנט בייקומען די מידקייט, די אויסגעמאַטערטקייט און שלעפּערדיקייט פון שלעפּן זיך דריי מעת־לעת נאָכאַנאַנד אויף די וועגן פון וואַנדער און שרעק. האָבן זיי געטראַכט: עס וואָלט געווען גוט, ווען זיי קאָנען אַזוי באַזאָרגן זיך אַן אויטאָ, איינטוישן דעם מאָטאָציקל אויף אַן אויטאָ, און אַזוינאָך דערפאָרן די קנאַפּע 100 קילאָמעטער קיין באַיאָן! אָבער ווו נעמט מען אַן אויטאָ?

פלוצים האָבן זיי באַמערקט פונדערווייטנס אַ שאָטן, וואָס דראַפּעט זיך באַרג־אַרויף אַנטקעגן דער שקיעה — האָבן זיי מיט די לעצטע כוחות אַ יאָג געטאָן זיך פאָרויס. און ווען דער שאָטן איז געוואָרן ווירקלעכקייט, האָבן זיי געזען אַן אויטאָ, אַן אויטאָ מיט אַ ענגלישן מאַטריקול. און אין אויטאָ איז געזעסן אַ יונגע פרוי, און די פרוי האָט געהאַט אַ מאַראַנץ־טיכל אויף איר בלאָנדן קאָפּ האָר און רויטע באַקן ווי די שקיעה־פלאַסטערס אויפן באַרג. זיי האָבן איר פאַרשפּאַרט דעם וועג. איינער האָט באַוויזן מיטן גראָבן פינגער אין דער הויך און דער צווייטער מיטן רעוואָלווער. געגעבן אָנצוהערן, אַז זיי ווילן מיטפאָרן. זי האָט צו זיי גערעדט ענגליש. דערנאָך — פראַנצויזיש. זיי האָבן גאָרנישט געענטפערט. אָוועקגעשליידערט דעם מאָטאָציקל. אַוועקגעזעצט זיך טויט־מיד אויף די באַקוועמע הינטערשטע פלעצער, און שווער געאָטעמט.

און ווען דער טאָג האָט זיך געענדיקט, האָט זיך געענדיקט אויך דער וועג. די ערשטע פאַרשטאָטישע עלעקטרע־סלופּעס זענען זיי אַקעגנגעקומען מיט לעמפּ, וואָס זענען אַראָפּגעהאַנגען אַן לעבן,

ווי אַ שוואַרצע באַנד אויפֿן בגד פֿון אַן אָבל.
פֿרעמדע מענטשן אין אַ פֿרעמדער שטאָט.

וואַנדערנדיק צווישן די שאַטנס פֿון די הייזער, האָבן זיי אָנגעטראָפֿן אויף דער באַן־סטאַציע. אינעווייניק — ווי אין אַ בינשטאָק פֿראָסט־צייט. צונויפֿגעהויפֿט, צונויפֿגעוויקלט איינער אויפֿן צווייטן, צונויפֿגעדרוקט און אויסגעמישט: זעלנער ערשט פֿון פֿראָנט אַוועק, אַלטע לייט, פֿרויען, קינדער, זאַכן, וואַליזעס, געפּעק, אַן אַ שיעור געפּעק. פּנימער מידע, אַנטוישטע, פֿול מיט שלאָף, פֿאַרדרוס. אויגן אויסגעלאָשענע, פֿול מיט פּחד, יאוש. אַ קינד האָט געוויינט. אַ מאַמע האָט אים געשטופּט אַ ווייסע ברוסט צווישן זײַנע בלויע ליפּעלעך. עמיץ האָט געשאָלטן הייזעריק: לאָזט שלאָפֿן. פֿון עטלעכע קעלן האָט זיך געריסן אַ געשנאָרך, וואָס האָט פֿאַרטויבט שטילע פּראָטעסטן קעגן דעם קינדס געוויין און קעגן געשנאָרך.

אַ באַן־באַאַמטער איז זיי אַקעגנגעגאַנגען פֿון אַ קאַרג־באַלויכטן ווינקל מיט אַ רויט פֿענדל, וואָס האָט אויסגעזען איבעריק אין זײַן האַנט, און אַ פֿאָליציאַנט, מיט אַ האַנט אויפֿן רעוואָלווער־שייד. זיי האָבן געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין: נישטאָ מער קיין אָרט צום נעכטיקן און קיין באַן איז אויך נישטאָ מער.

זי האָט גענומען רעדן צו זיי האַלב־ענגליש, האַלב־פֿראַנצויזיש. זי וויל אַן אַדרעס פֿון אַ האָטעל.

— נישטאָ מער קיין פֿריי אָרט אין שטאָט, האָט דער פּאָליציימאַן געענטפֿערט. אַלע האָטעלן באַזעצט.

— איך האָב געלט, האָט זי געזאָגט.

— וואָס פֿאַרא ווערט האָט איצט געלט? האָט דער באַאַמטער געהויבן מיט די אַקסלען.

— נישט קיין פֿראַנקן, האָט זי אויסגעבעסערט, נאָר פֿונטן, ענגלישע פֿונטן.

— לאָזט שלאָפֿן, האָט זיך עמיץ געבייזערט.

זי האָט אַרויסגענומען פֿון בייטל אַ האַנט מיט ענגלישע באַנקנאָטן און איבערחזרט:

— זעט, פֿונטן און נישט קיין פֿראַנקן.

— שטופּ דיר דײַנע פֿונטן אין הינטן אַריין! האָט זיך געבייזערט אַ צונויפֿגעקנוילטער זעלנער, קראַצנדיק דעם קאָפּ נערוועיִש.

— מאַרקן דאַרף מען היינט, נישט קיין פונטן! האָט אונטער־ געכאַפּט אַ צווייטער זעלנער, מיט שליפעס פון אַן עלטסטן, און זיך אויך געקראַצט.

דאָס קינד האָט אַרויסגעלאָזן דער מאַמעס וואַרצל און ווידער זיך פאַרגאַנגען מיט אַ געוויין.

דער זעלנער מיט די שליפעס האָט זיך אויפגעריסן פון געלע־ גער און אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— אַרויס, אַרויס פון דאַ!

עטלעכע קעפּ האָבן זיך אַרויסגעהויבן פון געקנויל:

— זע נאַר, ווי ער האָט זיך דאַ צעקאָמאַנדעוועט, זע נאַר! אויפן פראָנט האָט ער געשוויגן...

— און געמאַכט אין די הויזן.

נאָך אַ קינד האָט זיך צעוויינט.

— דאַ איז ער אַ חכם.

די טיר האָט זיך לייכט אָפּגעלענט. זיך גיך פאַרמאַכט. און עס איז ווידער געוואָרן אינעווייניק ווי אין אַ בינשטאָק פראָסט־צייט.

די ענגלענדערין האָט אַרויסגענומען פון איר האַנט־טאַש אַ פּעקל ציגאַרעטן.

— נעמט אַ ציגאַרעט, עס איז גוטער ענגלישער טאַבאַק.

דער באַאַמטער האָט אויטאָמאַטיש אויסגעשטרעקט די האַנט. דער פּאָליציאַנט האָט זי אַ כאַפּ געטאָן און נישט געלאָזט נעמען.

— מען טאָר נישט רויכערן אינדרויסן. דאָס פלעמל קאָן צו־ ציען פיינטלעכע עראָפּלאַנען.

— וואָס וועט עס שוין העלפן? אַזוי ווי מיר האַלטן היינט, איז שוין אַלץ איינס.

— מען קאָן גאָרנישט וויסן, כל זמן די קאַפּיטולאַציע איז נאָכ־ נישט אונטערגעשריבן. מען זאָגט, אַז אַמעריקע וועט אַריין אין קריג. עס זענען נאָך מעגלעך ניסים...

זי האָט אַריינגעשטופּט דאָס גאַנצע פּעקל אין דער האַנט פון פּאָליציאַנט:

— נעמט, וועט איר רויכערן אין שטוב, אָדער בייטאָג.

ער האָט גענומען דאָס פּעקל, אַרויסגענומען עטלעכע ציגאַרעטן, אַריינגעשטופּט אינעם אויבער־טעשל פון באַאַמטן און די רעשט אַריינגעלייגט אין טאַש צו זיך.

— און איצט לאָמיר גיין זוכן אַ האָטעל, האָט זי געבעטן.

דער פּאָליציאַנט האָט איר צוריקגעגעבן דאָס פּעקל:

— מיינט נישט, אַז פאַר דעם פּרייז וועט זיין מעגלעך עפּעס צו געפינען. אַלע האָטעלן און פּריוואַטע צימערן זענען איבערפולט מיט אָפיצירן, זעלנער פון די פראָנטן.

— הויפּטזעכלעך פּאָלאַקן און טשעכן, און אויך טייל אונדזערי־קע, האָט דער באַאַמטער צוגעגעבן. זיי זענען מיד פון וועג. פון דאָ דאַרפן זיי אָפּגיין קיין סען־זשאַן־דע־ליז. דאָרטן דאַרפן אָנקומען די לעצטע ענגלישע עוואַקואַציע־שיפן.

— מען זאָגט, האָט דער פּאָליציאַנט געזאָגט, אַז דאָ וועט זיך רעאָרגאַניזירן אַ נייער פראָנט און מען וועט נאָך שטעלן אַ ווידער־שטאַנד.

— חלומות האָט דער באַאַמטער איבערגעריסן. זיי זוכן נישט מער ווי צו ראַטעווען זייער געביין. און אויב עס וועלן נישט סטייען שיפן, וועלן זיי שמוגלען די שפּאַנישע גרענעץ, וואָס איז נישט ווייט פון דאָ.

— נישט נאָר ראַטעווען זייער געביין, האָט דער פּאָליציאַנט אָפּגעפרעגט. זיי ווילן זיך אַהינקריגן קיין ענגלאַנד אויפן רוף פון גענעראַל דע־גאָל, ווייטער קעמפן.

— און זיי ווילן אויך קעמפן די רייכע יידן פון פּאַריז, וואָס האָבן פאַרכאַפּט די האָטעלן, האַ? אומעטום זענען זיי די יידן, מען קאָן זיך גאָרנישט פון זיי אָפּזאָגן, נישט אין פרידן און נישט מלחמה־צייט. ווען איך האָב די דעה, ווען איך בין אַ בריגאַדיר, וואָלט איך זיי פאַרטריבן און אַריינגעזעצט אויף זייער אָרט די פראָנצויזן, וואָס וואָלגערן זיך אויפן וואָקזאַל.

— זיי וואָלגערן זיך אויך, מסיע פיליפּ. גייט, קוקט דאָרטן, אי־נעם שול־הויף, אין זייער טעמפּל, איז דאָס בילד נישט שענער ווי אויפן וואָקזאַל.

— מיין דאַגה, מסיע לע בריגאַדיע, מיר מוזן קודם זאָרגן פאַר די אונדזעריקע.

די צווי זעלנער האָבן זיך איבערגעקוקט און געטרעטן זיך אויף די שפּיץ שיך. די ענגלענדערין האָט געזאָגט: „גוד נייט" און געזוכט מיט די אויגן דעם שאָטן פון איר אויטאָ, וואָס האָט זיך אָפּ־געשלאָגן פון דער אַרומיקער חשכות.

— 2 —

זי' האָט געעפּנט די הינטער־טיר.

— איך גיי איבערנעכטיקן אינעם פינצטערן אויטאָ מיט צוויי יונגעלייט, און ווייס אָפּילו נישט מיט וועמען איך האָב צו טון, האָט זי געזאָגט און דערלאַנגט אַ האַנט: מיין נאָמען איז דאָריס.

— מיין נאָמען איז מאַרק.

— מיין נאָמען איז פלאָריאַן.

זי האָט זיך געזעצט אין דער מיט און זיי נעבן איר.

עס איז געווען געגוג באַקוועם, הגם אינעם „אָוסטין" איז פון הינטן נישט פאַראַן צופיל אָרט. דער דיקסטער צווישן זיי איז געווען מאַרק, אָבער אין די ראַמען פון נאָרמאַלקייט. זיין אויסזען האָט פאַרראַטן אַ נטיעה צו פעטקייט. ווען נישט דאָס מיליטער־לעבן און דער וואַנדער־וועג פון די לעצטע טעג, וואָלט ער מסתמא פאַרנר־מען מער אָרט אינעם אויטאָ. פלאָריאַן איז געווען העכער און אַ סך מאָגערער, אָבער ווייט נישט אַזוי ווי דאָריס; פאַר אַ מאַן וואָלט עס גיכער געווען קרענקלעך. זי האָט בכלל פאַרנומען גאָר ווייניק אָרט. זי איז געווען דין אין געזעס, און דער גאַנצער אַקסל־געשטעל איז געווען אין איין ליניע מיט די היפט־ביינער. נאָך גוט וואָס אין אָוס־טין איז דער באַלקן געגוג הויך, אַזוי אַז זי האָט נישט געדאַרפט זיך אַראָפּבויגן. זי האָט געטראָגן אַ הויכע פריזור, וואָס האָט זיך געשטאָקט איבער אַ לענגלעך פּנים, וואָס איז געזעסן אויף אַ לאַנגן, אויסגעצויגענעם האַלדז.

ביים ליכט פונעם פאַרטונקלטן לעמפּל, וואָס האָט זיך אויטאָ־מאַטיש אָנגעצונדן ביים עפענען די טיר, האָט פלאָריאַן אָבסערווירט איר לאַנגן האַלדז, און תיכף געמאַכט אַ פאַרגלייך מיט די העלדזער פון זשאַן און פון לוניאַ, די באַרימטע פרויען־פּאָרטרעטן פון מאָדיליאַ־ני, וואָס זענען כולו־העלדזער. ער האָט געטראַכט, אַז זי וואָלט געווען אַן ערשט־קלאַסיקע מאָדעלקע.

מאַרק האָט אויפגעכאַפּט איר אַרויסשטייענדיקן פּאַרענט און פאַרגליכן מיט די ברוסטן פון זיין פרוי.

זיי האָבן באַוויגן מיט די הינטנס, בכדי אַריינצופּאַסן זיך אין דער פאָרם פון געזעס פונעם ענגלישן אויטאָ, וואָס איז זיי געווען אומבאַקאַנט. דערנאָך האָבן זיי געזוכט אַן אָרט פאַר די פיס, פאַר די הענט, בפרט פאַר די, וואָס זענען פון דער זייט פון דער פרויס קערפּער.

זיי האָבן געשוויגן.

דער ערשטער האָט זיך אָנגערופן פלאָריאַן. ער האָט געזאָגט: „פאַרדאָן". ער האָט פאַרטשעפּעט אירס אַ פוס און זיך אַנטשולדיקט.

— עס מאַכט נישט אויס, האָט זי געענטפערט.

— פאַרדאָן, איים סאָרי, מאַדמואַזעל, האָט מאַרק געזאָגט אַנרירנדיק נישט־ווילנדיק איר לינקן אַקסל.

— עס מאַכט נישט אויס, האָט זי געזאָגט מיט איראָניע.

— מיינט נישט, ווייל מיר זענען זעלנער טאָרן מיר נישט זיין העפלעך, מאַדמואַזעל.

— און אפשר גאָר מאַדאַם? האָט פלאָריאַן געפרעגט.

— ניין, אייער חבר איז גערעכט. און נאָך אַ רגע האָט זי צוגעגעבן: אָבער מאַדמואַזעל אויך נישט.

— וואָס הייסט? האָבן זיי צוזאַמען געפרעגט.

— איך בין אַ כלה פון אַ קאַפּיטאַן פון דער בריטישער אַרמיי.

מאַרק האָט באַוויגן מיטן קערפּער, ווי זוכנדיק זיך אָפּצורוקן פון איר. פלאָריאַן האָט באַוויגן מיטן גאָרגל און אַרויסגעלאָזן אַ הוסטל.

— איר דאַרפט נישט זיין זשעניִרט צוליב דעם, האָט זי געזאָגט באַמערקנדיק זייער רעאַקציע. דעם גראַד קאַפּיטאַן האָט מיין חתן און נישט איך. ער איז אגב פאַרשוווּנדן אין דער דונקערק־פּאַסטקע. איך בין אַ פשוט מיידל פון סקאָטלאַנד.

מענטשן זענען פאַרבייגעגאַנגען און פאַרטשעפּעט מיט זייער געפּאַק אין אויטאָ, נישט באַמערקנדיק אים געענוי אין דער פינצטער. זיי האָבן זיך אַנטשולדיקט און געוואָנדן זייערע טריט צום סטאַציע־בנין.

אַ קאָרגער ליכט־פלעק האָט זיך אומדרייסט אַוועקגעלייגט נעבן

שוועל און אָפּגעהילט שאָטנס פון מענטשן. דער בריגאַדיר און דער באַאַמטער האָבן געטריבן די ניי־געקומענע:

— גייט אין סינאַגאָגע!

— גייט נאָך ביאַריץ! נישט מער ווי פיר קילאָמעטער פון דאָ.

— גייט אין דער קאַטעדראַלע, אפשר איז נאָך פאַראַן אָרט?

דאָריס האָט אַ זיפץ געטאָן. עס איז איר געווען אַ מיטלייד די מענטשן, וועלכע מען טרייבט פון איין אָרט אויפן צווייטן.

— איך וואָלט גערן אַריינגענומען צוויי מענטשן, האָט זי געזאָגט, און זיי אָוועקגעזעצט פון פאַרענט.

— אַ שאָד וואָס אייער אויטאָ איז נישט קיין אויטאָבוס, האָט מאַרק באַמערקט. אַ שאָד, מאַדמואַזעל.

— שוין ווידער? רופט מיך דאָריס, פּשוט — דאָריס. יו אַנ־דערסטענד?

— יעס, דאָריס, איי...

ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן אין ענגליש, נאָר זיך פאַר־האַקט. ער האָט אגב גאַנץ גוט באַהערשט די שפּראַך, אָבער זיין איינ־געבוירענע אומדרייסטקייט פלעגט תמיד אַרויסשווימען אַ צוגעשפּיצ־טע דווקא דעמאָלט, ווען ער האָט גערעדט אַ פרעמדע שפּראַך. פראַנ־צויזיש האָט ער שוין פאַררעכנט ווי זיין אייגענע שפּראַך, פּונקט אַזוי גוט ווי יידיש און פויליש. אַכט יאָר לעבן אין לאַנד און כסדר באַנוצן די שפּראַך, און זיין אַריינגעטאָן אין זיין קולטור און ליטעראַטור האָט אים געגעבן דאָס געפיל, אַז פראַנצויזיש איז שוין אייגנטלעך אַ טייל פון אים אַליין. אגב, איז אומדרייסטקייט געווען אַ טייל פון זיין כאַ־ראַקטער. און געפאַרט דערמיט איז אויך געגאַנגען צוריקגעהאַלטנ־קייט, שעמעוודיקייט. מענטשן האָבן זיך געחידושט ווי אַזוי ער האָט געקענט ווערן אַ דאָקטאָר, ביי אַזאַ כאַראַקטער. און ווי אַזוי ער האָט בכלל חתונה געהאַט, אַז ער איז אַזאַ שעמעוודיקער... די דריי חדשים מיליטער־לעבן און דאָס חברן זיך דאָרטן מיט פלאָריאַנען, דעם מאַ־לער, וואָס איז געווען דער היפוך צו אים, האָט אים אַ שפּאַר ביסל געענדערט; אָבער אינגאַנצן אַרויס פון זיין הויט האָט ער נישט גע־קאָנט.

פלאָריאַן, וועמען עס איז אויסגעקומען צו האָבן צו טון מיט ענג־ליש־אַמעריקאַנער קאָלעקציאָנערן און פאַרערער, האָט די לעצטע יאָרן זיך פלייסיק געלערנט ענגליש. ער האָט אַפילו לאַנגע חדשים געהאַט ביי זיך אַן ענגלישע מאָדעלקע, וועלכע האָט אים גאַר ווייניק

אינטערעסירט ווי אַזעלכע, און געהאַלטן האָט ער זי נאָר לשם קאָנ־ווערסאַציע.

די פראַנצויזיש־קענטעניש פֿון דאַריס זענען געווען גענוג אויס־בערפֿלעכלעכע. ווייסנדיק, אַז איר חתן דאַרף ווערן געשיקט קיין פראַנ־קרייך, האָט זי זיך פֿאַרשאַפֿט ביכער, און דערוואָרבן אַ גענוג גרויסן באַגאַזש ווערטער פֿון קוראַנטן געברויך. מען האָט געפֿילט ווי זי מאַ־טערט זיך ביים בויען אַ זאַץ, בפרט ווען ער איז געווען אַ לענגערער. זעלטן איז ביי איר אַרויס אַ זאַץ אָן אַ צומיש פֿון איין, אָדער עטלעכע ענגלישע ווערטער. דער בוי איז כמעט תמיד געווען אַ פֿעלערהאַפֿ־טער, אָבער טראָץ דעם האָט מען זי לייכט געקאָנט פֿאַרשטיין, בפרט ווען מען האָט געקענט ביידע שפּראַכן. זי פֿלעגט זיך אָפּגעבן אַ חש־בון פֿון די פֿעלערן און בכדי צו זיין זיכער, אַז מען האָט פֿאַרשטאַנען און ווי אַ מין אויסדרוק פֿון זשעני־רטקייט און שולד־געפֿיל, פֿלעגט זי כסדר פֿאַרענדיקן אַ זאַץ מיט „יו אַנדערסטענד".

— אַנקאָר? קאָל מי דאַריס, טו סעמפּלעמאַן. יו אַנדערסטענד.

וואָס נוגע איר אַקצענט איז ער נישט געווען קיין טיפּיש־ענגלי־שער. אַזוי ווי זי האָט זיך באַטראַכט אַלס שטאָלצע סקאָטלענדערין, האָט זי זיך באַמיט, אַז אויך וואָס נוגע איר אויסשפּראַך זאָל זי זיך נישט אידענטיפֿיצירן מיט די ענגלענדער...

פלוצים זענען אַרויסגעשפּרונגען פֿון דער פֿינצטערניש די קאָנ־טורן פֿון דער סטאַציע, פּונעם הויף און די אַרומיקע בנינים. אַ רגע, אַ ברוכטייל פֿון אַ רגע. און באַלד האָט זיך געהערט אַן אויפֿרייס, ער־געץ ווייט, ווי אַ באַמבן־געהילך.

— די דייטשן, האָט זיך מאַרק אויפֿגעריסן פֿון געזעס און פֿון האַלב־דרימל.

זיי האָבן זיך דערנענטערט איינער צום אַנדערן, זיך צונויפֿגע־דרוקט. זי האָט אויפֿגעהויבן די אָרעמס און ציטערדיק אַרומגענומען אירע באַגלייטער.

זיי האָבן ערשט לייכטער אָפּגעאָטעמט, ווען זיי האָבן דערהערט אַ דינעם אָפּקלאַנג פֿון רעגן־טראָפּנס, וואָס צעקלאַפּן זיך אינעם בלע־כענעם דאַך פֿון אויטאָ. פֿלאָריאַן האָט גיך אַרויפֿגעשרויפֿט די שויב, ווייל ער האָט דערפֿילט אַ קעלט און אַ פֿייכטקייט אויף זיין פּנים. דאָ־ריס האָט אַראָפּגעלאָזט די אָרעמס, פֿאַרלייגט זיי פֿון פֿאָרענט:

— עס קומט אַ שטורעם, האָט זי געזאָגט. עס וועט זיך גוט שלאָפן, יו אַנדערסטענד ?

— מען טאָר אָבער נישט פאַרשלאָפן, האָט פלאָריאַן באַמערקט. באַלד פאַרטאָגס וועט מען דאַרפן אַריינפאָרן קיין סען־זשאַן־דע־ליז, זיך אַרומקוקן וועגן אַ שיף.

— פריער וועט מען דאַרפן גיין זוכן דבורהן, אפשר איז זי שוין דאָ.

— איך בין שטאַרק מיד, לאָזט שלאָפן, יו אַנדערסטענד.

דער שטורם האָט אָבער נישט געלאָזט שלאָפן. דער רעגן האָט גענומען שטאַרקער פויקן אין די בלעכענע און גלעזערנע טיילן פון אויטאָ און אַ ווינט האָט געמאַכט ציטערן די טירן, דעם טייל פון דאַך און דעם פאָדער־דעק, וואָס עפענען זיך.

מאַרק האָט עפּעס געזאָגט. קיינער האָט נישט דערהערט. האַלטנ־דיק, אַז עס איז וויכטיק, האָט ער גענומען רעדן הויך, כמעט שרייען :

— דער שטורם איז אַ ברכה. ער וועט אָפּהאַלטן דעם פאָרויס־מאַרש פון דער דייטשער אַרמיי.

און ווען ער האָט זיך פאַרזיכערט, אַז זיי האָבן אויפגעכאַפּט דעם געדאַנק, האָט ער קאָנסעקווענט צוגעגעבן : — עס איז נאָר אַ שאָד, וואָס דער שטורם איז נישט געקומען אַ סך פריער.

— יאָ, ווען דער שטורם קומט צוהילף בעת דער עוואַקואַציע פון דונקערק, האָט זי אויך גענומען שרייען — וואָלטן די דייטשן נישט געהאַט אַזאַ לייכטע אַרבעט, זייער אַוויאַציע וואָלט נישט געקאָנט אונ־טערטינקן שיפן און אַ סך מער בריטישע זעלנער וואָלטן זיך געראַ־טעוועט, יו אַנדערסטענד.

— און נאָך פריער, האָט פלאָריאַן אויך גענומען שרייען, אין פוילן. אַחוץ זיין איבערמאַכט, האָט דער אָנגרייפער געהאַט אויך אויף זיין זייט אַ מעכטיקן פאַרבינדעטן, דאָס גוטע וועטער, אַ גאַנצן זוניקן חודש, אָן אַ טראָפּן רעגן.

— שוין צייט, אַז די נאַטור זאָל זיך שטעלן אויף דער זייט פון גערעכטן און אויפהערן דערמוטיקן מערדערישע כוונות.

דאָריס האָט אַ ברום געטאָן, אַ קלאַפּ געטאָן אין די האַנטפלאַכן, ווי אַ לערערין וואָס וויל שטיל מאַכן קינדער וואָס מאַכן אַ רעש, און פאַרוואָרפן איר קאָפּ אויף הינטן, ווי צום שלאָף.

3

דרויסן איז ווייטער אָנגעגאַנגען אַ רעגן. דער בלעכענער
אָפּהילך פון די אָפּגעשפּריצטע רעגן־שנירלעך איז זיך צעגאַנגען מיט
זיין מאָנאָטאָנקייט איבער אַלע אברים, און איינגעשלעפערט. ענלעך
האָט געווירקט די וואַרעמקייט, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אינעם פאַר־
מאַכטן חלל, פון די דריי יונגע קערפּערס. און אויך — די מידקייט.

זיי זענען געזעסן אין אַ פּאָזיציע פון שלאָפן, מיט פאַרמאַכטע
אויגן, אָנטשפּאַנטע אברים. אין פולער גרייטקייט אויפצונעמען דעם
שלאָף. זיי האָבן זיך נישט באַוויגן, בכדי נישט צו שטערן דעם שכן.
יעדער האָט געמיינט, אַז זיינע צוויי רייזע־באַגלייטערס שלאָפן. און
יעדער האָט מקנא געווען די צוויי אַנדערע זייער געשמאַקן שלאָף.
אָבער דעם אמת האָט נאָר יעדער געוווּסט פאַר זיך.

דאָריס האָט געוווּסט, אַז זי וועט נישט איינשלאָפן, ווייל אַ
טיפע אומרו האָט זיך צעלייגט אונטער איר שאַרבן, און די אומרו
רופט זיך — פּאַטריק. די אומזיכערקייט וועגן זיין גורל. צי האָט ער
באַוויזן זיך צו ראַטעווען פון דונקערק? צי איז אים געלונגען אַרויפ־
צוכאַפּן זיך אויף אַ שיף? צי איז די שיף דערגאַנגען צו די ענגלישע
ברעגן? אפשר איז זי דערטרונקען געוואָרן אונטערוועגס? אפשר איז
ער פאַרוווּנדעט געוואָרן אין אַן אונטערגייענדיקער שיף, אויפגע־
כאַפּט געוואָרן דורך רעטונגס־שיפלעך און ער ליגט איצט אין אַ שפּי־
טאָל באַדעקט מיט וווּנדן; אפשר גאָר שווערע וווּנדן? זאָל זיין שווע־
רע וווּנדן, אַבי ער זאָל לעבן. זי וועט אים באַפלעגן טאָג און נאַכט,
אַבי זי זאָל אים האָבן נעבן זיך, איר פּאַטריק. און אפשר איז ער גאָר
גענומען געפאַנגען? זאָל זיין געפאַנגען, אַבי ער זאָל לעבן. און אפשר
ליגט ער אַ פאַרוווּנדעטער אין אַ דייטשן שפּיטאָל, אַ קריגס־געפאַנ־
גענער און קיינער גיט אים נישט די ערשטע הילף, די דייטשן לאָזן

אים אָפּגיין מיט בלוט. זי וואָלט אים געקאָנט העלפן, איז זי אָבער דאָ. זי איז זיכער, אַז ווי נאָר ער וואָלט זי באַמערקט נעבן זיך, וואָלט ער געגעזן געוואָרן. און אין דער צייט ווען ער נויטיקט זיך אַזוי אין איר, זיצט זי גאָר אין אוסטין, וואָס ער האָט איר געקויפט במתנה דעם טאָג, ווען ער איז אַוועק אויפן קאָנטינענט, בכדי זי זאָל אים קאָנען נאָכפאָרן אין פראַנקרייך, נאָך די שפּורן פון זיין אָפּטיילונג, און זיי זאָלן זיך קאָנען באַגעגענען ווי אַמאָפּטסטן... און דאָ זיצט זי גאָר מיט צוויי פרעמדע זעלנער, צופעליקע באַגלייטער, וואָס שלאָפן גע־שמאַק און אַנען נישט אָפילו ווי שטאַרק זי ליידט און ווי עס רודערט זיך אונטער איר שאַרבן.

מאַרק האָט נישט געקאָנט שלאָפן, ווייל זיין אומרו רופט זיך דבורה. צי האָט זי באַקומען די בריוו, וואָס ער האָט איר געשריבן אונטערוועגס? צי האָט זי באַקומען די טעלעגראַמעס? און אויב יאָ — צי האָט זי באַוויזן זיך באַצייטנס אַרויסצובאַקומען פון ליאָן, איי־דער די דייטשן זענען אַריין אין שטאָט? זי איז אַזאַ אומבאַהאָלפענע. ווי וועט זי זיך אַן עצה געבן איינע אַליין, אָן קרובים? טאַטע־מאַמע אין פּוילישן גיהנום, אויב זיי זענען נאָך בכלל ביים לעבן. און זי, איינע אַליין, אַ קיילעכדיקע יתומה, צווישן וועלף. און אפשר איז זי אונטערוועגס אַהערצו? אפשר האָט זי זיך דורכגעשמוגלט דורך די דייטשע רייען און לויפט מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס אַהערצו, צו אים? און אפשר האָבן זי גאָר די דייטשן געכאַפּט און פּייניקן זי, מען שמייסט זי און מען וויל פון איר אויספרעסן ווהין זי לויפט, צו וועמען זי לויפט... ער וואָלט דאַרפן איר לויפן אַקעגן, העלפן ראַטעווען. און דאָ זיצט ער נעבן אַ פרעמדער פרוי, אַ צופעליקע באַגלייטערין, וואָס שלאָפט געשמאַק און זאָרגלאָז.

און פלאָריאַנס אומרו רופט זיך קאַריערע. ער האָט געהאַלטן אָט־אָט ביים באַקומען זיין קינסטלערישע סמיכות און נתגלה ווערן ווי איינער פון די סאַמע אנערקענטסטע מאָלער. ער האָט געגרייט אַ נייע אויסשטעלונג. אַ גרויסע פּאַריזער גאַלעריע האָט שוין אָפּגע־דרוקט אַן אַלבום מיט זיין אויטאָפּאָרטרעט אויף דער הילע און שוין פונאַנדערגעשיקט איינלאַדונגען צום ווערניסאַזש. קריטיקער, וואָס דרייען זיך אַרום אים און אַרום דעם גאַלעריע־אייגנטימער און מע־צענאַט, האָבן צוגעזאָגט צו שרייבן נייע שבחים. קונסט־זשורנאַלן זע־

נען געווען גרייט צו ברענגען זיין אויטאָפּאָרטרעט און רעפּראָדוק־ציעס פון זיינע בילדער. מען האָט אים צוגעזאָגט אַ פרייען טאָג פון מיליטער, בכדי בייצוּוווינען דעם ווערניסאַזש. נאָך לאַנגע טעג פאַר דער אויסשטעלונג איז זיין נאָמען אָנגעגעבן געוואָרן צווישן די הויך־קאָטירטע אינעם קונסט־אַרגוס. און דערווייל? דערווייל איז אַלץ צע־ריבען געוואָרן. צי זענען נישט זיינע בילדער צערויבט געוואָרן דורכן אָקופּאַנט? צי זענען זיי נישט צעשעדיקט געוואָרן דורך די וואַנדאַלן? און ווי לאַנג וועט ער מוזן וואַרטן ביז עס וועט זיך מאַכן אַן ענלעכע קאָניונקטור? און צי וועט ער נאָך האָבן אַ געמיט צו שאַפן אין אַנ־בליק פון די אכזריותן? ער, דער פּאָרטרעטיסט, דער מאָלער פון נאַ־קעט, בלומען און שטיל־לעבנס! אָט, געווען אַזאַ געלעגנהייט, וואָס וויזט זיך נאָר איינמאָל אין אַ לעבן צו אַ קינסטלער, צו דערגרייכן זיין אַפּאָטעאָז; און געוואָרן דערפון איז אַ מיראַזש. ווען וועט אַן ענ־לעכע געלעגנהייט צוריקקומען? און צי וועט זי בכלל קומען?... ער וואָלט איצט געדאַרפט לויפן קיין פּאַריז און קודם־כל ראַטעווען זיי־נע בילדער, זיין לעבנס־־ווערק פון די לעצטע יאָרן. די בילדער זיי־נע קוקן זיכער אויס נאָך אים, ער זאָל קומען זיי באַשירמען, אָדער אויסלייזן פון ווילדע הענט... און דאָ זיצט ער גאָר אין אַ פאַרמאַכטן אויטאָ, ווי אין תפיסה, נעבן אַ פרעמדער פרוי, וואָס שלאָפט, אַ פרעכטיקע מאָדעלקע פאַר אַ שלאָפנדיקן „ניו", און בשכנות פון אַ חבר, וואָס זיצט מיט פאַרמאַכטע אויגן...

ער האָט נישט געגלויבט, אַז מאַרק שלאָפט אויף אַן אמת. ער האָט געקענט זיינע דאגות. ער האָט גוט געקענט זיין גאַנצע לעבנס־געשיכטע. ער האָט זיך געגנוג אָנגעהערט דערוועגן בעת די דריי חד־שים, פאַרבראַכטע צוזאַמען אינעם לעגיאָן פון פריַיוויליק־אַנגאַזשיר־טע אויסלענדער. הגם זיי זענען שוין אַ שיין ביסל יאָרן אין פראַנ־קרייך, זענען זיי נאָך תמיד פאַרבליבן אויסלענדער, צוליב די האַר־בע נאַטוראַליזאַציע־געזעצן. ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן אין פוילן, האָבן זיי געהאַט צוויי מעגלעכקייטן: אָדער זיך מאָביליזירן אין דער פוילישער אַרמיי, וואָס גענעראַל שיקאָרסקי האָט געשאַפן אין פראַנקרייך, אָדער זיך אַנגאַזשירן פריַיוויליק אין דער פראַנצויזישער אַרמיי. זיי האָבן אויסגעקליבן די צווייטע מעגלעכקייט. צוליב דער גרויסער צאָל קאַנדידאַטן און בכדי נישט צו שאַפן דיפּלאָמאַטישע שוועריקייטן מצד אויסלענדישע רעגירונגען, זענען געשאַפן געוואָרן

ספעציעלע אָפּטיילונגען פון אַנגאַזשירטע אויסלענדער, אונטער פראַנ־
צויזישער אָנפירערשאַפט, ווי אַ טייל פון דער פראַנצויזישער אַרמיי.

זיי האָבן זיך פריער נישט געקענט. עס האָט זיך אָבער גיך גע־
שאַפן אַ נאָענטקייט צווישן זיי. נאָכדעם ווי זיין חבר האָט אים געוויזן
די פאָטאָגראַפיע פון זיין פרוי, איז די נאָענטקייט געוואָרן נאָך פעס־
טער. ער פלעגט בעטן זיין חבר ער זאָל האַלטן די פאָטאָגראַפיע און
ער פלעגט צייכענען איר פּאָרטרעט, אַרויסברענגען אירע לאַנגע האָר,
איר גראַציע, איר איבערגעגעבנקייט צום מאַן, אַ סטודענט פון מע־
דיצין, פאַר וועלכן זי מוז אַרבעטן, כדי ער זאָל קענען ענדיקן די סטו־
דיעס... שפּעטער פלעגט ער זי מאָלן פון קאָפּ, אין נייע פּאָזעס, נייע
וואַריאַציעס. ער האָט זי געמאָלן אויך אין אייל־פאַרב און צוגעשיקט
פון מיליטער איר פּאָרטרעט צו דער אויסשטעלונג, אָנרופנדיק דאָס
בילד מיטן נאָמען: „מיין חברס פרוי". ער איז געווען זיכער, אַז דאָס
דאָזיקע בילד וועט זיין דער „קלו" פון דער אויסשטעלונג; אַז די
גאַנצע פּרעסע, און נישט נאָר די פאַכמענערישע, וועט נאָכדרוקן דאָס
בילד און לויבן אין הימל אַריין, ווי אַ נייע מאָנע ליזע... און מאַרק
איז געווען שטאָלץ דערמיט וואָס זיין דבורה וועט זיין דער אָביעקט
פון אַלעמענס באַוווּנדערונג.

וואָס האָבן זיי געהאַט צו טון אין די פריִע שעהן נאָך די מוש־
טרעס, נאָך די לעקציעס וועגן געווער, און אין די לאַנגע אָוונטן?
פלעגן זיי זיך דערציילן זייער לעבן, זיך אַראָפּרעדן פון האַרצן. ווי
נאָר די מלחמה איז אויסגעבראָכן אין פוילן, האָבן זיי זיך אַנגאַזשירט,
יעדער אין זיין שטאָט. און ווען עס איז אַדורך אַ צייט און מען האָט
זיי נישט גערופן, האָבן זיי באַניַיט זייער בקשה. יעדער טאָג זיצן אין
שטוב, אין דער צייט ווען דער דייטש גייט אָן מיט זיינע מערדע־
רייען, און גרייט צו אַ וועלט־באַד האָבן זיי באַטראַכט פאַר אַ פאַר־
ברעכן. זייער אומגעדולד איז געוואָרן נאָך גרעסער, ווען עס זענען
דערגאַנגען די ידיעות וועגן יידן־רדיפות אין פוילן, וועגן שרעקלע־
כע שחיטות און פייניקונגען, און ווען עס האָט זיך אָפּגעשטעלט יע־
דער קאָנטאַקט מיט זייערע עלטערן און קרובים, און אַפילו זייערע
אַלאַרם־רופן זענען נישט דערגאַנגען אַהערצו! דעמאָלט האָבן זיי אַזוי
לאַנג געקלאַפּט אין די טויערן פון די מאָביליזאַציע־צענטערס, ביז
מען האָט זיי גערופן. מאַרק האָט נישט אויסגעזאָגט, אַז ער איז אַ גע־
ענדיקטער דאָקטאָר, ווייל ער האָט זיך געשראָקן, אַז מען וועט אים

שיקן אין אן אפיצירן־שולע, אדער אין א שפיטאל, אדער גאר אריבערשיקן צו די אנטיסעמיטישע פוילישע רייען, וואס נויטיקן זיך אין דאקטוירים. ער האט געוואלט קעמפן מיט געווער אין האנט און ווי אמשנעלסטן, קעגן דעם שונא פון דער מענטשהייט און אין דער ערשטער ריי — דעם שונא פון יידישן פאלק... און ארום און ארום איז זיי אויסגעקומען צו קעמפן פיר טעג אויפן פראנט, נישט מער, און פון אלעם איז געבליבן איין גרויסע אנטוישונג און פארביטערונג: אים — א פאטא־מארגאנא פון חלומות וועגן רום, אפאטעאזע, און זיין פריינט — איז געבליבן א רעוואלווער, וואס ער האט צוגענומען ביי אן עס.־עס.־אפיציר, וואס ער האט דערהרגעט בעת אן אנגריף פון זיין אפטיילונג, און — די מורא פארן גורל פון דבורהן. און אפשר גאר לאזט אים די פרייד פון באגעגענען מארגן דבורהן דא־הי נישט שלאפן? אויך ער, פלאריאן, איז נישט גלייכגילטיק צום גורל פון דבורהן און אויך זי בארויבט אין א גרויסער מאס זיין שלאף...

און אפשר דערוואַרט זי דא מארגן א פריילעכע ידיעה, האט דאריס געטראכט. זי האט געבעטן דעם רויטן־קרייץ, דעם בריטישן קאנסולאט אין בארדא, אין טולוז, און טעלעגראפירט צו קרובים קיין סקאטלאנד, ענגלאנד, מען זאל איר שיקן נייעס אהערצו, וויבאלד זיי וועלן עפעס וויסן וועגן פאטריקן. זי האט זיך געשטופט צו די פארטן, פונוואנען עס זענען אפגעגאנגען די לעצטע שיפן, געמיינט אפשר איז אים געלונגען ארויסצוכאפן זיך פון דער פאסטקע צום מערב־צו, און אפשר געפינט ער זיך צווישן די רעשטלעך בריטישע סאלדאטן, וואס אנטלויפן פון קאנטינענט? קיינער האט גארנישט געוווסט וועגן אים און קיינער האט גארנישט געקאנט טון איר צו העלפן ארויפבאקומען זיך אויף א שיף. באפעל איז באפעל: נישט קיין פרויען, בפרט מיט אויטאס! נאר זעלנער ווערן עוואקואירט...

איז זי געפארן ארא פצו און געבעטן שיקן נייעס אויף פאסטרעסטאנט קיין באיאן, א שטאט וואס זי האט געקענט פון איר לעצטן וואקאנס, פארבראכט צוזאמען מיט פאטריקן, די לעצטע שטאט נעבן דער שפאנישער גרענעץ. עס איז קיין ספק נישט, אז זי וועט האבן נייעס. און אז די נייעס וועלן זיין גוטע. עס איז דאך נישט מעגלעך, אז זי זאל פארלירן איר פאטריקן. ער האט אזוי שווער געקעמפט זי צו האבן, אז זיי זאלן זיך קאנען געהערן אײנער צום צווייטן, איז דאך נישט מעגלעך, אז דאס גליק זאל פלוצים צערונען ווערן.

דאָ, אין דעם אויטאָ, פלעגט זי פאַרברענגען יעדע פרייע שעה, יעדע פרייע מינוט, מחוץ די מיליטער־באַשעפטיקונגען זייגע. און דאָ פלעגט ער זי ליבן. אין קיין שום אָרט האָט ער זי נישט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, ווי דווקא אין דעם אויטאָ, אויף דעם געזעס. סיידן בעת די ערשטע באַגעגענישן דאָרטן, אויבן, אין איר סקאַטישן דאָרף, ביים טייך. אָבער דאָס זעט שוין אויס אַזוי ווייט... דאָס באַקוועמסטע בעט אין דעם רייכסטן האָטעל האָט נישט אַזוי גערייצט זיין מענלעכקייט ווי דווקא דאָס אומבאַקוועמע געזעס פון ענגן אוטסין. אַפילו פון פראַנט פלעגט ער אַ שפרונג טון צו איר, אויפזוכן זי ערגעץ אויף אַ זייטיקן וועג. און אַפילו שוין בעת די לעצטע מלחמה־אָפּעראַציעס, ערב דונקערק, האָט ער נאָך באַוויזן זי צו באַזוכן אויף געציילטע מי־נוטן, און שטעכן איר פנים, איר לייב, מיט זיין שטייף בערדל, און זעטיקן זיין ליבע צו איר, און זעטיקן זיך מיט איר געזעטיקטקייט...

פלאָריאַן האָט לייכט אָפּגעלענט די אויגן־לעדלעך און גע־לויערט אויף די ערשטע סימנים פון פרימאָרגן.

4

די בלעך פונעם אויטאָ איז מיד געוואָרן פון איבערגעבן כסדר די מאַנאָטאָנקייט פון רעגנפאַל און נישט רעאַגירט אַזוי ספּאָנטאַן ווי ביז איצט; פאַרלוירן די עמפּינדלעכקייט, געוואָרן גלייכגילטיק, גראָב־הויטיק. די גלעזערנע טיילן פונעם פאַרמאַכטן אויטאָ־קאַסטן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ פליסיק הייטל, וואָס האָט געמאַכט ציטערן דעם אָנ־זאָג אויף דרויסנדיקער שאַרעניש, איינהאַלטנדיק וואָס לענגער די אינעווייניקסטע חשכות.

ווי גערן וואָלט ער — האָט פלאָריאַן געטראַכט — דעם געראַנגל צווישן סוף־נאַכט און ערב־טאָג פאַרפיקסירט אויפן ליוונט מיט אייל־פאַרב, אַזוי ווי ער זעט אים איצטער. און ווי גערן וואָלט ער זי גע־מאָלן, דאָריס, אַזוי ווי זי זיצט, מיטן קאָפּ פאַרוואָרפן אויף הינטן,

מיט דעם אויסרינענדיקן שאָטן, וואָס הילט וואָסאָמאָל ווייניקער איין דעם פּראָפיל פון איר האַלדז, פון איר באַק, און די האָר־פּאַלדן, וואָס רייסן זיך אַרויס פון אונטער דעם קאָפּ־צודעק און ווילן האָבן אַזאַ פאַרב ווי ער. אַט איז ער פון שוואַרץ אַריבער אויף טונקל־גרוי, און אַט — טונקל־ברוין, ווי אַ שינדל־דאַך אין אַ שטורם־אָוונט, און אַט־ווי אַן אַלט הויז, פון געברענטע ציגל, צו וועלכע די זון קומט קיינמאָל נישט צו; און אַט — ווי אַ פאַרלעגענע מאַראַנצן־הויט, פאַרצויגן מיט אַ גרינלעך־זילבערדיקן שימל.

דער פּראָפיל פון איר לאַנגן האַלדז האָט איצטער אויסגעזען נאָך לענגער. ער האָט באַשטעטיקט די טרעפלעכקייט פון זיין נעכטיקן פאַרגלייך מיט דעם פרויען־האַלדז פון מאָדיליאַניס קלאַסישן בילד. ווען ער האָט כאָטש אַ בליי ביי זיך און אַ בייגעלע פּאַפּיר, וואָלט ער סקיצירט איר פּראָפיל. אויטאָמאַטיש האָט ער אַריינגעטאָן אַ האַנט אין בוזעם־קעשענע. זיינע פינגער האָבן זיך באַגעגנט מיט אַ בליי און מיט דעם פּאַפּיר, אין וועלכן עס איז געווען איינגעוויקלט זיין ראַזיר־מאַשינקעלע. ער האָט אַרויסגענומען דאָס פּעקעלע און גענו־מען אויפוויקלען. דאָס פּאַפּיר איז געווען צעקנייטשט, ערטערווייז פאַרשמירט, איינגעריסן.

ער האָט זיך אָפּגערוקט פון איר, צוגערוקט זיך נאָענטער צו דער טיר, אָנשפּאַרנדיק אַ טייל פונעם רוקן אין דער שויב. ער האָט זיך אויסגעבויגן און אויסגעדרייט אַזוי, אַז איר פּראָפיל זאָל אַרויס־קומען גאַנצער און ווייטער. ער האָט באַמערקט איר האַנט־טאַש נעבן דער הינטערשטער שויב. ער האָט זי אַוועקגעלייגט אויף זיין אויבער־שענקל און דערויף דאָס פּאַפּיר. און גענומען לויפן מיט דער בליי.

זי איז געזעסן רואיק, ווי אַ פּראָפעסיאָנעל מאָדעל־מיידל, וואָס קען אויספירן איר ראָל אַפילו שלאָפנדיק. עס האָט אויסגעזען ווי דער אויסגעצויגענער האַלדז נעמט זיך ברעכן אונטער דער לאַסט פונעם פאַרוואָרפענעם קאָפּ, און אַז דער אַרויסשטייענדיקער קנאָפּ איז דער אַנהויב פונעם ברוך.

דער קאָפּ פון זיין חבר איז געהאָנגען אַראָפּצו, געניידערט צום באָדעם, וואָס האָט זיך אָמלענגסטן געטונקען אין נאַכט, און געשוועַרט אויפן קורצן האַלדז, אונטער דער משא פון מחשבות, פּחדים, און די הויפּט־שרעק: צי וועט דבורה קומען, צי נישט קומען? צי האָט זי באַוויזן באַצייטנס זיך אַרויסצורייסן פון קלעם?

ווי גוט וואָלט געווען ווען זי קומט — האָט פלאָריאַן געטראַכט. ער וואָלט וועלן זען צי האָט ער ריכטיק אָפּגעשאַצט אירע פיזישע און נשמהדיקע מעלות, און צי שטימט זיין שעדעוור־פּאָרטרעט מיט דערווירקלעכקייט. מעגלעך, אַז די רעאַליטעט שטייגט נאָך ווייט איבער זיין אידעאַליזירטע פאָרשטעלונג? אָדער, אפשר גאָר פאַרקערט? און אויב פאַרקערט, וואָלט אפשר גאָר געווען בעסער, אַז זי קומט נישט?... אָבער, ניין. זאָל זי יאָ קומען, אַפילו ווען ער זאָל ווערן רייכער אין נאָך אַן אילוזיע. זי קומט דאָך נישט צו אים. דבורה איז דאָך נישט זיינע. צו אים איז זי דאָך נישט מער, ווי אַ גוטן חברס אַ פרוי.

ער האָט געענדיקט דאָס צייכענען. געווען צופרידן. געשמייכלט צו זיך און אָוועקגעלייגט דאָס בייגעלע פּאַפּיר אויפן פּאָדער־געזעס.

ער האָט צוריקגענומען זיין פריערדיקע פּאָזיציע און גענומען דאָס ראַזיר־מאַשינקעלע. אויף יענער זייט שויב האָבן זיך געפּערלט רעשטלעך רעגן און געציטערט אויפן ווינט, ווי קוועקזילבער, וואָס רייסט זיך אַרויס פון אַ צעבראָכענעם טערמאָמעטער. ער האָט באַ־דויערט וואָס די וואַסער־בלעזלעך זענען נישט פון דרינען, וואָלט ער געקאָנט באַנעצן זיין פּנים. ער האָט אָבער נישט געוואָגט צו עפענען די שויב, בכדי נישט אַריינצולאָזן דעם קילן און ווינטיקן דרויסן. האָט ער גענומען פירן דאָס ראַזיר־מעסערל אַרויף און אַראָפּ איבער דער טרוקענער הויט פון זיין פּנים.

ער האָט פּלוצים דערפילט ווי עס כאַפּט אים אָן אַ האַנט:

— טוט עס נישט, האָט ער געהערט איר דין קול.

— פאַרוואָס?

זי האָט געהאַלטן זיין אָרעם און זיך געוואָקלט צו געבן אַ תשו־בה.

— פאַרוואָס עפּעס? האָט ער איבערגעפרעגט.

— ווייל איך האָב ליבער אַ מאַן מיט אַ באָרד.

און נאָכלאָזנדיק זיין אָרעם, צוגעגעבן:

— פּאַטריק, מיין געליבטער, האָט אויך געהאַט אַ בערדל.

— געהאַט?

זי האָט זיך אויסגעגראָדט אויפן געזעס און אַרויסגעלאָזן אַ טיפן קרעכץ. זי האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער אַנשטאָט ווערטער איז אַרויס אַ טיפער זיפץ.

— איר האָט געזאָגט „געליבטער״, און פריער האָט איר גע־רעדט וועגן אים ווי וועגן אייער חתן, האָט פלאָריאַן באַמערקט אַ סתירה.

זי האָט צוגעשטעלט אַ האַנט צום מויל, אַז זי זאָל אים נישט ענטפערן מיט אַ געגעץ, וואָס האָט זיך געריסן אַרויסצו.

— ווי דאַרף מען עס פאַרשטיין, ווי?

— קיין אָפיציעלער חתן איז ער נישט געווען. ער האָט גע־האָט אַ פרוי. ער האָט אָבער איינגעגעבן אויף אַ גט. מיין אָפיציע־לער געליבטער איז ער אָבער געווען און וועט תמיד פאַרבלייבן, וואָס עס זאָל מיט אים נישט האָבן פּאַסירט.

מאַרק האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ, געוואָנדן זיינע אָפענע אויגן צו זיין שכנטע, צו זיין חבר און טיף אָפּגעזיפצט.

עס איז געוואָרן ווידער שטיל. זי האָט אַראָפּגעצויגן מיט אַ גיכער באַוועגונג דאָס טיכל פון קאָפּ און עס צוגעשטעלט מיט ביידע הענט צום פּנים. זי האָט געוויינט.

ביידע חברים האָבן זיך איבערגעקוקט, מיט אויגן טריבע, פול מיט מיטלייד און אומהיימלעכקייט.

פלאָריאַן האָט אַראָפּגעדרייט אַ טייל פון דער שויב. עס האָט אַ יאָג געטאָן אַ קילער ווינט, צוזאַמען מיט אַן אָנזאָג פון אַ נאָך־שטורמדיקן פרימאָרגן.

— איים סאָרי, האָט זי געזאָגט האַלטנדיק דאָס פּנים פאַרהילט.

ווילנדיק צערייסן די שטיקנדיקע שטימונג, האָט פלאָריאַן אַרויסגעברומט אַ פראַגע:

— און וואָס וועט זיין מיט מיין באָרד, האַ? אַזוי וועל איך דאָך אויסזען ווי אַ קלאָון; נישט אַהין, נישט אַהער.

זי האָט אָפּגעדעקט דאָס פּנים און זיך לייכט צעשמייכלט:

— יאָ, גערעכט. גייט אַריבער פון פאָרענט. דרייט איבער דאָס שאָטן־ברעטעלע, פאַראַן דאָרט אַ שפּיגעלע.

גרייטנדיק זיך אַרויסצוגיין האָט פלאָריאַן אַ קוק געטאָן אויף איר:

— פון היינט אָן וועל איך זיך מער נישט ראַזירן, האָט ער גע־זאָגט.

— און איך וועל זיך היינט אויך נישט ראַזירן, האָט מאַרק צו־געזאָגט.

— דאנקיו, האָט זי געזאָגט און זיך פאַרנייגט. מערסי. איים סאָ־רי.

פאַרנייגנדיק זיך איבער דער וואַנט פון פּאַדער־געזעס, האָט זי באַמערקט די צייכענונג. זי האָט זי אויפגעהויבן און געמאַכט אַן אָרט פאַר פלאָריאַנען.

— מערסי, האָט זי געזאָגט איינקוקנדיק זיך. פּאַטריק האָט אויך געהאַט אַן אַרטיסטישע נשמה. אָבער איר קענט דרייסט מיט אים קאָנקורירן, בפרט וואָס איר האָט געצייכנט אין זייער אומבאַקוועמע באַדינגונגען.

— אַ דאַנק, האָט פלאָריאַן געזאָגט, צוזעצנדיק זיך. איר זייט אָבער, מיין איך, אומגערעכט לגבי דעם טאַלאַנט פון אייער קאַפּי־טאַן. אורטיילנדיק לויט דעם אויסוואַל פון זיין געליבטער, גלויב איך, אַז ער האָט דווקא געהאַט אַ גאַר גרויסן אַרטיסטישן טאַלאַנט און אַ חוש פאַר שיינקייט.

זי האָט זיך נישט געמאַכט הערן און דערלאַנגט די צייכענונג מאַרקן.

— קוקט, אַן אמתער שעדעוור.

מאַרק האָט גענומען די צייכענונג און אַרויס פאַר דער טיר. ער האָט געקוקט מיט איין אויג אויפן בילד און מיטן צווייטן אויף איר, און אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין מידן פּנים. ער האָט אַריינגעשטעקט אַ האַנט אין בוזעם־קעשענע און אַרויסגעצויגן פון דאָרטן אַ פאָטאָגראַפיע. ער האָט איר דערלאַנגט. זי האָט געקוקט און נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער ווייזט איר פּלוצים אַ בילד פון אַן אומ־באַקאַנטער פרוי.

— דאָס איז מיין פרוי, האָט ער געזאָגט. צי זעט איר נישט אַ גרויסע ענלעכקייט צווישן בילד און דער צייכענונג?

— עס פרייט מיך, וואָס פאַראַן ביי מיר אַן ענלעכקייט צו אַ שיינער פרוי, און מסתמא אויך ליבער פערזאָן, יו אַנדערסטענד.

— ביזט אַ מזיק, האָט מאַרק אַ ברום געטאָן צו זיין חבר.

פלאָריאַן האָט איבערגעריסן דאָס ראַזירן.

— ווען דיין דבורה קעמט זיך אַזוי ווי דאָריס, האָט ער געזאָגט, וואָלסט דו אַליין געפונען נאָך מער ענלעכקייט.

דאָריס האָט אים דערלאַנגט די פאָטאָגראַפיע און אויסגעצויגן די האַנט נאָך דער צייכענונג.

5

צוזאמען מיטן רעש פון אַן אויפגעפּראַלטן לאַדן, האָט זיך געהערט אַן אויסגעצויגענער געגעץ, וואָס האָט אָפּגעקלאַפּט מיט אַ בלעכענעם הילך פונעם אויטאָ. זיי האָבן זיך אַרומגעקוקט. לינקס איז געשטאַנען אַן איינשטאָקיק הויז, פאַרשטעלט טיילווייז דורך דרייביימער, און דאָרטן וווּ די צווייגן האָבן זיך געענדיקט, האָט זיך געזען אַ שויפענצטער, מיט אַ טונקל־רויטער אויפשריפט: „קאַפע־באַר שע בערטראַן". און וווּ די אויפשריפט האָט זיך געענדיקט, איז געווען אַ פונדערגעעפנטע טיר, און נעבן דער טיר — אַ דיקער, פעסטער מענטש, אין די פערציקער, מיט אַן אַרויסשטייענדיקן בויך, אַ רויט פּנים און אַ באַרג מיט פעך־שוואַרצע האָר.

ער האָט געגענעצט און פונאַנדערגעפּאַכעט די אָרעמס, ווי אַ פויגל וואָס גרייט זיך אין אַ גאַר ווייטן וועג אַריין. עס האָט אויסגעזען, אַדער ווי דאָס געגעצן וואָלט געווען אַ צושפּיל צום פּאַכען, אַדער ווי דאָס פּאַכען וואָלט געדאַרפט העלפן אויסצוציען דאָס געגעצן. אַ כּישוף־קרייז. דער בלעכענער שילד איבער זיין קאָפּ האָט געפלאַטערט מיט רעש און האָט מודיע געווען מיט שוואַרצע אותיות אויף אַ רויטן הינטערגרונט, אַז דאָ איז באַלעבאָס בערטראַן, און אַז ביי אים קאָן מען טרינקן קאַפע, ביר, ספּיריטואַליען און פאַרבייסן מיט אַ „קאָס־קרוט", סאַנדוויטש. די שילד האָט זיך באַוויגן אויף אַ שרייאיקן אָנהענג, ווי מיט אַ כּוונה, כּדי צוצוציען די אויפמערקזאַמקייט פון די, וואָס שיטן זיך אַרויס אין געאייל פון דער סטאַציע, פון די וואָס וואַרטן אויף אַ באַן, און פון סתם פאַרבייגייער.

ער איז אויף אַ רגע פאַרשוווּנדן, און זיך תּיכף באַוויזן מיט שווערע צוויי שטולן אין האַנט. ער האָט זיי אָוועקגעשטעלט נעבן שויפענצטער. דערנאָך האָט ער געבראַכט נאָך שטולן און עטלעכע רונדיקע טישלעך.

— אַנזשעליקאַ! האָט ער פּלוצים גענומען שרייען. אַנזשעלי־קאַ! און אַרויסגעקוקט צום אויבערשטן פענצטער.

דאָס פענצטער האָט זיך געעפנט מיט געפּילדער. עס האָט זיך באַוויזן אַ בלאָנדער קאָפּ און הענט, וואָס האָבן געריבן פאַרשלאָפענע אויגן.

— אַנ־זשע־לי־קאַ! האָט ער איבערגעחזרט צעטרייבערנדיק איר נאָמען. געגוג געפּאָפן! וואָס ווילסטו, אַז די דייטשן זאָלן קומען דיך אַרויסציען פון בעט, האַ?

דאָס פענצטער איז געבליבן אָפן און דער קאָפּ איז פאַר־שוווּנדן.

— אייל זיך צו! עס איז נישט היינט אַזאַ טאָג ווי אַלע טעג. היינט וועט זיין דאָס אמתע געלייזעכטס. קום פונאַנדערשטעלן די בענקלעך און טישלעך. אַנו, גיך. איך וועל גיין אויפּקאָכן די קאַ־פּע־קעסלען.

— אָט, קום איך, פּאַטראָן. איך וועל דאָך נישט אַראָפּלויפן אַ נאַקעטע, האָט זיך געהערט איר קוויטשיק קול דורכן ברייט צע־עפנטן פענצטער.

די טיר פון סטאַציע־בנין האָט זיך געעפנט מיט געסקריפּ. עס האָבן זיך אין איר באַוויזן דער פּאָליציאַנט און דער באַאַמטער מיט ציגאַרעטן אין מויל. זיי האָבן געגענעצט, געגרויכערט, גערעדט עפּעס צווישן זיך און געוואָנדן זייערע טריט צום קאַפע־הויז.

— סאַלי, בערטראַן!

— סאַלי, אַנזשעליקאַ!

— סאַלי, בריגאַדיע!

— סאַלי, פעליקס!

האָבן זיך געהערט זייערע קעגנזייטיקע באַגריסונגען.

עס האָט זיך דערהערט דער גראָבער באַס פון בערטראַן, באַ־גלייט מיט אַ פעסטן אָפּהילך פון אַ קלאַפּ איבער דער פּלייצע: — סאַלי, לע קאַקי!

אַ הילכיק געלעכטער איז אַרויס פון קאַפע־הויז און צעטראָגן זיך איבערן גאַנצן חלל. די שילד האָט זיך אַ וואַקל געטאָן.

צווישן דער סטאַציע און קאַפע־הויז האָבן זיך גענומען באַ־וועגן מענטשן. עטלעכע זעלנער, אַלטע לייט, פול מיט זאָרג, יאוש, אַ שווערקייט אין די פיס.

אַ זקן, מיט אַ באָרד ווי אַ פרומער ייד, האָט געהאַלטן אונ־טערן אָרעם אַן עלטערע פרוי, יונגער פון אים, און געשלעפּט זיך אין קאַפע. עס האָט זיך אים נאָכגעשלעפּט אַ ברומעניש, אַ תפי־להדיקס: פאַור פראַנס, פאַור פראַנס, פאַור פראַנס. די פרוי האָט געפירט ביי אַ הענטל אַ יונג מיידעלע, פון אַ פינף־זעקס יאָר, אַן איניקל. דאָס קינד האָט געצויגן די הענטעלעך אין דער הויך, געבעטן די באָבע זאָל זי נעמען אויף די הענט, ווייל נישטאָ קיין כוח צו גיין.

— פונוואַנען זאָל איך נעמען כוח? האָט די באָבע זיך פאַר־טיידיקט.

— ווייי איז צו מיינע אַלטע יאָרן, וואָס איך האָב דערלעבט, האָט דער זקן געהויבן זיין קאָפּ אין דער הייך. פאַרוואָס האָבן מיי־נע אויגן נישט פאַרמאַכט זיך פריער? ווו נעמט מען די כוחות פון 1870, אָדער כאָטש פון ווערדען? איך וואָלט זיי אָנגעלערנט... פאַור פראַנס, מיין אָרעם באַסקן־לאַנד...

ער האָט זיך שווער אַנידערגעזעצט אויף אַ שטול. גענומען דאָס מיידעלע אויף זיין שויס און איינגעגראָבן זיין ווייסע באָרד אין אירע בלאָנדע הערעלעך. די אַלטיטשקע האָט זיך צוגעזעצט און געשפּילט זיך מיטן קינדס הענטעלע.

— ען קאַפע ביען שאָ! האָט זיך געהערט דעם באַן־באַאַמטנס פעסטע שטימע.

— ען קאַפע־ראָם, האָט זיך געהערט דעם בריגאַדירס באַ־שטעלונג. ען דובל ראָם, בערטראַן, ען דובל!

פון דער אָפענער טיר פון קאַפע־הויז האָט אַ שלאָג געטאָן אַ שאַרפער ריח פון קאַפע.

מאַרק און פלאָריאַן זענען געשטאַנען נעבן אויטאָ און געוואַרט אויף דאַריס, כדי צוזאַמען צו גיין נעמען אַ קאַפע מיט אַ צוביי־סעכץ. זיי זענען געווען דורשטיק און געהאַט הונגער. זי האָט זיך נישט געאיילט. זי איז געווען איבערגעבויגן איבערן רוקן פון פאַ־דערשטן געזעס און אַריינגעקוקט אין שפּיגעלע. זי האָט געשמירט דאָס פנים מיט אַ שמעקעדיקער פליסיקייט, געריבן די מאַטע באַקן, מיט אַ רויטלעכע שמירעכץ, געפירט איבער די בלייכע ליפּן אַ רויטע קרייד און גענומען קעמען די האָר.

פלאָריאַן האָט געקוקט אויף אירע האָר און געשמייכלט. זיי האָבן אים דערמאָנט דבורהס האָר.

— קוק זיך איין, האָט ער זיך צוגעבויגן צום חבר. צי כאַפּן זיי נישט קיין ענלעכקייט צו די האָר פון דבורהן?

אַנשטאָט צו קוקן אויף אירע האָר, האָט מאַרק געקוקט אויף איר אָראָפּהענגענדיקן פאַרענט און פאַרגליכן מיט דעם זעלבן קער־פער־טייל פון דבורהן.

ווען דער שטאַרקער ריח פון קאַפע איז פאַרקראָכן אין זייערע נאָז־לעכער, זענען זיי געוואָרן אומגעדולדיק, און גענומען זי צו־איילן.

— גייט אַליין, האָט זי זיי געבעטן. איך בין נאָכנישט גרייט. מיינענדיק, אַז זי דאַרף זיך נאָך איבערטון און וויל דעריבער בלייבן אַליין, זענען זיי אַוועק.

— איר דאַרפט זיך נישט מטריח זיין, האָט מאַרק געזאָגט. איך וועל אייך צוברענגען אַ טעפּל קאַפע.

— מיר וועלן אייך ברענגען, האָט פלאָריאַן פאַרראַכטן. און אַ צובייסעכץ אויך. איר דאַרפט זיך נישט איילן, דאַריס.

ווען זיי זענען אַוועק, איז זי אַריבער פון פאַרענט און זיך אַוועקגעזעצט. זי האָט גענומען דרייען דעם קנאָפּ פון ראַדיאָ. זי האָט געזוכט לאָנדאָן. אָבער, וווּ זי האָט געדרייט, האָט זי געהערט אַ גרילצעריי, אָדער דייטש, אָדער מיליטערישע מוזיק.

האָט זי איבערגעריסן דעם קאָנטאַקט און צוריקגענומען קעמען די האָר, אָנלייגן זיי אין פאַלדן, פאַרפעסטיקן מיט נאָדלען, קעמלעך און בענדלעך.

דערנאָך האָט זי ווידער אויפגעדרייט דעם אַפּאַראַט. אין דער שעה, האָט זי געוווסט, גיט די לאָנדאָנער ראַדיאָ־סטאַציע מיליטע־רישע נייעס און פּערזענלעכע מעסאַזשן פון זעלנער. בעכטן, אין דער שעה, איז אָנגעגעבן געוואָרן אַ ליסטע פון די געראַטעוועטע פון דער דונקערק־דראַמע, און אויך פון פאַרוווּנדעטע, וואָס געפינען זיך אין שפּיטאָלן. דער נאָמען פון איר פאַטריק איז ביז איצט נישט דער־מאָנט געוואָרן. די ליסטעס זענען געווען נאָר טיילווייזע. זי האָט איצ־טער געוואָלט הערן דעם המשך. צי גייט איר זייגער נישט גוט, אָ־דער עס פאַרשפּעטיקט זיך דער לאָנדאָנער ספּיקער? מען רעדט

וויטער דייטש. דער פֿאַריזער ראַדיאָ רעדט דייטש און שפּילט מי־ליטערישע מאַרשן.

זי האָט זיך צוגערוקט צום שפּיגעלע און גענומען פֿאַרדעקן אי־רע האָר מיט איר מאַראַנצן־טיכל און פֿאַרקניפּן פֿון הינטן.

ווידער האָט זי גענומען דרייען דעם קנאָפּ. דאַכט זיך: ענגליש. יאָ, ענגליש. איר אַפּאַראַט איז אַ קרעפּטיקער, אַ מיליטערישער, און איז גובר אַלע שטערונגען. אַט קומט דער געמיינזאַמער קאָמוניקאַט פֿון קריגס־ און מאַרין־מיניסטעריום: פֿעריזענלעכע מעסאַזשן פֿון דונ־קערק־קרבנות, פֿון די שפּיטעלן און אַפּרו־הייזער. עס פֿאַלן נעמען. מען הייסט גריסן עלטערן, ברידער, שוועסטער, ווייבער, כּלות. און אַט פֿאַלט אַ פֿאַרנאָמען, יאָ — פּאַטריק. אָבער דער פֿאַמיליע־נאָמען שטימט נישט. אפֿשר האָט זי שלעכט געהערט? ניין, ער איז נישט קיין אָפֿיציר און גריסן גריסט ער זיין הייס־געליבטע פֿרוי... און אַט פֿאַלט דער לעצטער נאָמען. און דער ספּיקער אַנאָנסירט, אַז בעת די נייעס פֿון איינס אַ זייגער וועלן קומען ווייטערדיקע מעסאַזשן.

זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אינעם רוקן־אָנלען, און אַ פֿלעמל פֿון האָפֿענונג האָט גענומען גלאַנצן אין אירע טריבע אויגן.

דער ראַדיאָ איז אַריבער אויף פֿראַנצויזיש. עס רעדט גענעראַל דע גאָל. ער רופֿט דאָס פֿראַנצויזישע פֿאָלק פֿאָרצוזעצן דעם קאַמף, צו קומען מיט אַלע מעגלעכע מיטלען קיין ענגלאַנד, ווו די פֿראַנצוי־זישע אַרמיי ווערט רעאָרגאַניזירט און וועט קעמפֿן זייט ביי זייט מיט דער בריטישער אימפּעריע. ער רופֿט דאָס פֿראַנצויזישע פֿאָלק צום ווידערשטאַנד און קאַמף קעגן פּעטען, דעם פֿאַררעטער און אַלערליי דעפֿעטיסטן. ער רופֿט די פֿראַנצויזישע קאָלאָניעס צום ווייטערדיקן קאַמף און צום רעוואָלט קעגן מאַרשאַל. וויוו לאַ רעפּובליק! וויוו לאַ פֿראַנס ליבר! און אַט רעדט טשערטשיל. ער רעדט פֿראַנצויזיש, צום פֿראַנצויזישן פֿאָלק. עס קלינגט זיין לייבן־קול. ער רעדט אינעם זעלבן זין וואָס דע־גאָל.

כאָטש זי האָט די זעלבע רעדעס שוין געהערט אַ סך מאָל בעת די לעצטע טעג, האָט זי ווייטער געלאָזט גיין דעם אַפּאַראַט. דאָס האָט זי דערנענטערט צו דער היים, צו איר פּאַטריק. דאָס האָט איר גע־מאַכט פֿאַרגעסן דעם פֿרעמדן אַרום, די אַרומיקע אָפּהענטיקייט און טרויער.

זי איז געזעסן מיט די הענט אַראָפּגעלאָזט און געפּוילט זיך אַראָפּצודרייען דעם קנאָפּ.
און זי האָט נישט באַמערקט ווי מענטשן שטראָמען אַהערצו און רינגלען אַרום איר אויטאָ מיט וואָסאַמאָל אַ געדיכטערן שאָטן.

6

די צוויי חברים זענען געבליבן שטיין ביים שוועל פון קאַפע־הויז און זיך נישט געקאָנט אַריינשטופּן. זיי האָבן בלויז געזען עט־לעכע ליידיקע פלעשער אויף דער אויבערשטער פּאָליצע אַקעגנ־איבער, און אַ גרויסע אויפשריפט, מיט גלאַנציקע שוואַרצע אותיות אויף אַ ווייסער באַנדעראָל, כמעט אויף דער גאַנצער ברייט פון דער וואַנט: נו ווענקראַן פּאַרסקע נו סאָם פלי פּאַר! און אינמיטן פון דער באַנדעראָל איז אַראָפּגעהאָנגען, דערגרייכנדיק דעם ריזיקן קאַפע־קעסל, אַ פיר־עקיקער אַפיש, אויף וועלכן מען האָט געזען אַ ברוינע מויער, און צו דער מויער איז געווען צוגעקלעפּט אַן אויער, און אי־בערן אויער — אַ האַקנקרייץ, און אונטערן אויער — שוואַרצע אותיות: רעדט שטיל, דער שונא הערט אונטער.
עס איז געווען אַ גערודער, אַ געטומל, ווי אויף אַ יריד פּאַ־גראַם־צייט.
צוויי קולות האָבן זיך כסדר געלאָזט הערן, אַ מין דועט צווישן דעם בריגאַדיר און פּאַטראָן. דער ערשטער האָט פאַרלאַנגט אַ טאָפּלט גלעזל רום צו זיין קאַפע, און דער צווייטער האָט נישט געוואָלט סער־ווירן. ער האָט זיך געדעקט מיטן געזעץ, וואָס פאַרבאָט אַלקאָהאָל־געטראַנקן מלחמה־צייט, מחוץ טישווייַן בעת די מאָלצייטן.
— לאָ לואַ, סע לאָ לואַ, געזעץ איז געזעץ. איין געזעץ פאַר אַלע־מען, בפרט פאַר אַ היטער פון געזעץ.
— און פון ווען אָן היטסטו עס אָפּ דאָס געזעץ? אַלץ וואָס דו טוסט איז דאָך אַ שרייאיק פאַרגוואַלדיקן דאָס געזעץ. זע נאָר, ווער

עס פאַררופט זיך אויפן געזעץ! פון לאַנג האָט מען דיך שוין גע־דאַרפט שמידן אין קייטן...

— זע נאָר, ווען ער האָט דאָס געפונען צייט אויף אָפּצורע־כענען זיך מיט מיר, ווען די דייטשן האַלטן ביים אַריינמאַרשירן מיט קאַמיאָנען פול מיט קייטן...

— יאָ, אָבער נישט פאַר דיר, דו האָסט זיי געטריי געדינט נאָך פריער...

— דאָס האָט דיר נישט געשטערט, באַטיסט — איז ער אַרי־בערגעאַנגען אויף אַן אינטימען טאָן, אָנרופנדיק דעם בריגאַדיר ביים נאָמען. דאָס האָט דיר נישט געשטערט צו חברן זיך מיט מיר.

— פאַוור פראַנס! האָט זיך געהערט פונדרויסן אַ קרעכץ פונעם זקן. פאַוור פראַנס.

— און דאָס האָט דיר נישט געשטערט צו קומען שיכורן דאָ ביי מיר, ווען קיינער האָט נישט געזען, און אויסנאַרן אַ פלאַש קאָניאַק, וויסקי, האַוואַנער ציגאַרן, סאַקרע באַטיסט.

דער בריגאַדיר האָט פּלוצים אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער און אים אויסגעצויגן צום צעהיצטן קאַפּע־אייגנטימער.

בערטראַן האָט גענומען ציטערן און צוגעשטעלט זיך מיטן רוקן צו די פּאָליצעס, באַגיסנדיק זיך מיט שוויס.

— אַ נו, גיכער, האָט דער בריגאַדיר געצילט אין זיין האַרץ. שלעפּ אַרויס די פלאַשן פון קעלער, פון דעם קאָנטראַבאַנדע־לאַגער דיינעם, שנעל, איידער די דייטשן קומען.

בערטראַן איז געשטאַנען אין שרעק און זיין ציטערן האָט זיך איבערגעטראָגן צו די ליידיקע פלאַשן.

— נו, גיכער. איך ווייס, דו האַלטסט דיינע פלאַשן פאַר די דייטשן, אונדזערע בלוטיקע שונאים; זיי וועסטו גאַרנישט אָפּזאָגן. פאַרקערט, וועסט זיי אָקעגנגיין מיט פולע פלאַשן...

— מע, מסיע לע בריגאַדיע, האָט בערטראַן געברומט אונטער דער נאָז, נישט וואַגנדיק צו עפענען זיין ציטערדיק מויל.

— צוליב אַזעלכע ווי דו האָבן מיר אונדזער לאַנד פאַרשפּילט, און צוליב אַזעלכע ווי דו וועלן מיר אויך דעם כבוד פאַרשפּילן.

— פאַוור פראַנס, האָט זיך געהערט דעם זקנס קינהדיקער קול.

עס איז געפאַלן אַ שאָס און איינע פון די אויבערשטע פלאַשן איז זיך צעשפּרונגען אויף פּיק־פּיצלעך.

אַלע האָבן זיך אַראָפּגעבויגן. בערטראַן האָט זיך אַ וואַקל געטאָן,

ווי ער וואָלט געטראָפן געוואָרן דורך דער קויל און נישט דורך שטי־
קער גלאָז. און אַ בייזן ברום געטאָן צו אַנזשעליקאַן, וואָס איז גע־
שטאַנען אין אַ ווינקל און פאַרדעקט דאָס פּנים מיט איר אַרויפגע־
הויבענעם דיקן פאַרטוך:

— וואָס שטייסט דו ווי אַ גולם, גיי ברענג אַרויף אַ פלאַש!

און ווען זי איז געגאַנגען אויספירן דעם פּאַטראָנס באַפעל, האָט דער בריגאַדיר איר נאָכגעשריגן:

— נישט איין פלאַש, נאָר אַ סך, פאַר אַלעמען אַ טאָפּלטן רום. איך צאָל די רונדע; וועט פאַר די דייטשן בלייבן וויניקער.

— און איך צאָל די צווייטע רונדע! האָט דער באַך־באַאַמטער אויסגערופן. אָבער נישט רום, נאָר קאָניאַק!

— און איך צאָל די דריטע! האָט פלאָריאַן אויסגערופן און צו־געשטופּט זיך צום בופעט. אויך נישט קאָניאַק, נאָר שאַמפּאַן!

— און איך די פערטע! האָט בערטראַן זיך גראָדגעשטעלט, און מיט אַ טאָן ווי ער וואָלט זיך וועלן ריינוואַשן פון דעם בריגאַדירס פאַרוואורפן. איך צאָל אַ רונדע פון ענגלישן וויסקי!

— ניין, גענוג דריי רונדעס! האָט דער בריגאַדיר פּראָטעס־טירט מוחל דיין רונדע. מוחל די רונדע פון יודאָס!

7

א געדיכטער עולם איז געשטאַנען מיט די קעפּ אַריינגעטאָן אינעם אויטאָ, אָנגעשטרענגט דאָס געהער, כדי אויפצוכאַפּן די רייד פון דע־גאָלן און נישט דורכלאָזן קיין איין וואָרט. עס איז געוואָרן שטיל, גאָר שטיל. און נאָך שטילער, ווען עס האָט זיך צעקלונגען דער קול פון טשערטשילן, וואָס זיי האָבן געהערט צום ערשטן מאָל אין פראַנצויזיש.

אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן האָט אַרויסגעריסן דאַריסן פון איר צושטאַנד פון יאוש און אַפּהענטיקייט. זי האָט זיך אַרומגעקוקט.

דער פאַרזאַמלטער עולם האָט אויף איר אָנגעוואָרפן אַ פחד. זי האָט זיך איינגעקאַרטשעט, איינגעגראָבן איר קאָפּ אין אַ ווינקל פון גע־זעס. דאָס האַנט־פּאַטשעריי האָט זי דערמוטיקט, אָבער די הילכיקע קולות און אויסגעשרייען, און דער געשטופּ, וואָס האָבן געריירט דעם אויטאָ פון אָרט און געשטויסן אים אַהין און אַהער, האָט זי געמאַכט ציטערן פאַר שרעק.

— וויוו דע גאָל!

— וויוו טשערטשיל!

— וויוו לאַ פראַנס!

— אַ באַ לע באָש!

איינער האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן פאָדערשטן דעק פון אוי־טאָ:

— פראַנצויזן! עס איז נישט איצט די צייט פון אַפּלאָדירן. עס איז די צייט פון מעשים! דער גענעראַל איז גערעכט: מיר האָבן פאַרלוירן אַ שלאַכט; די מלחמה איז ווייט נישט פאַרלוירן. דאָס איז אָפּהענגיק פון אונדז. דער פלאַם פון קאַמף איז אויסגעלאָשן געוואָרן דורך אַ כאַפּטע פאַררעטערס און אומפעאיקע רעגירער. לאָמיר אויפ־הייבן דעם פלאַם פון ווידערשטאַנד!

ער האָט איבערגעריסן. דער זקן מיט דער ווייסער באָרד האָט געזוכט זיך דורכצושטופּן מיטן קינד אויף די אָרעמס, און דער עולם האָט אים געמאַכט אָרט.

— ער איז גערעכט! האָט ער זיך באַמיט צו רעדן הויך און געציטערט מיט דער באָרד. מיינע אויגן וועלן שוין דעם נצחון נישט זען. מיין זון, וואָס איז געפאַלן אין ווערדען — אויך נישט. מיין אייניקל, וואָס איז געפאַלן ערשט, נעבן דונקערק — אויך נישט. אָבער זייער בלוט רופט נקמה קעגן אייביקן שונא...

ער האָט פאַרלוירן דעם אָטעם. ער האָט געדרוקט צו זיך פעסט דאָס קינד. דערנאָך האָט ער זיך געשטאַרקט, אויפגעהויבן דאָס קינד מיט דיינע ציטערדיקע הענט און עס געהאַלטן אַ רגע אין דער הייך:

— נו ווענקראַן, פאַרסקע נו סאָם לע פּלי פאַר! האָט ער זיך געוואָרפן צוזאַמען מיטן קינד. זאָל לעבן דאָס פראַנקרייך פון מיין אוראייניקל!

ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און געפאַלן היגטערוויילעכץ. מען האָט אים אונטערגעהאַלטן. דאָס קינד האָט געוויינט, געשריגן: פּע־פּע, פּע־פּע...

דער, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן פּאָדער־דעק, האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס וויינענדיקע קינד, אויפֿגעהויבן עס אין דער הייך:

— לע זשור דע גלואַר אַרריוועראַ!

עס האָט זיך דערהערט די מאַרסעליעזע.

פֿון קאָפּע האָט זיך אַ שיט געטאָן אַ גרויסער עולם און מיטגעזונגען.

וויינאַר דאָס געזאַנג האָט זיך געענדיקט, האָט זיך געשטעלט אַ פּרישער טומל. דער בריגאַדיר איז געשטאַנען מיט אַ פּייפּער אין מויל און געפּיפּן אויף די העכסטע טענער, און קאָמאַנדעוועט, געהייסן ברענגען פֿלאַשן. נאָך פֿלאַשן. נאָך פֿלאַשן. גלעזער. טעפּלעך. פֿאַר אַלעמען! ער האָט אָנגעטריבן דעם פּאַטראָן, די קעלנערקע:

— אַ נו, דערלאַנג, יודאָס. נאָך מער, נאָך מער, פֿאַר אַלעמען! ווען די דייטשן האָבן וויניקער. און געטרונקען זאָל ווערן!

און מען האָט נישט געוואַרט ביז דער פּאַטראָן און די קעלנערקע וועלן ברענגען. מען איז אַליין אַריין אין קעלער און געשלעפּט פֿון דאָרטן קאַסטנס מיט פֿלאַשן, זיך אַליין באַדינט.

דער רעש און דאָס געפּיפּ האָבן צוגעצויגן מענטשן פֿון די שכנותדיקע הייזער, פֿון די אַרומיקע גאַסן. אַז מען גיט, אַז דער בריגאַדיר הייסט, טאָ פֿאַרוואָס זיך אָפּזאָגן? עס איז אַזוי אומעטיק אויפֿן האַרצן, טאָ פֿאַרוואָס זיך אָפּזאָגן פֿון אַ גלעזל, פֿון נאָך אַ גלעזל?

פֿון קאָמיסאַריאַט זענען אָנגעלאָפֿן עטלעכע פּאָליציאַנטן. זיי האָבן געזען דעם בריגאַדיר מיטן פּייפּער, האָבן זיי זיך געשטעלט פֿון דער זייט. זיי האָבן זיך געפֿרייט אינערלעך פֿון דער מפּלה פֿון בערטראַן, אויף וועלכן זיי האָבן שוין פֿון לאַנג געהאַט אַן אויג. ווען די פֿלאַשן זענען דערגאַנגען צו זיי, האָבן זיי זיך אויך נישט אָפּגעזאָגט. זאָל זיך דער עולם משמח זיין; גענוג זיין טרויעריק ווען דער שונא וועט אַריין אין שטאָט!

ווען די פֿלאַשן האָבן זיך גענומען אויסליידיקן און פֿאַלן מיט געבראַזג אויף דער ערד, האָט גענומען שיטער ווערן אַרום. עטלעכע גרופּן זענען געשטאַנען דאָ און דאָרט, געגעבן אַ צי פֿון אַ פֿלאַש און דיסקוטירט אויפֿן קול, באַוועגנדיק גיך מיט די הענט.

דער זקן איז ווידער געזעסן אויפֿן שטול און געדרוקט צו זיך פֿעסט דאָס מיידעלע, אַריינגעוויינט אין אירע הערעלעך אַריין.

דער בריגאַדיר האָט זיך אָנגעהאַלטן פעסט אינעם אויטאָ, כּדי נישט אומצופאַלן. דער פייפער איז געלעגן נעבן זיינע פיס.

דאָריס האָט זיך אויפגעזעצט, באַקומען מוט. געמיינט, אַז עס איז שוין נאָכן גערודער.

אָבער פּלוצים האָט זיך געמאַכט אַ נייער טומל. פון אַ גרופּע האָט זיך אָפּגעריסן אַ קרעפּטיקער מאַן און אויסגערופן, מיט דער פלאַש אין דער הייך:

— נו סאָם לע פּלי פּאַר, נו ווענקראָן!

דער דאָזיקער רוף איז געווען ווי אַ סיגנאַל צו אַ נייעם שטורם. פון אַ גרופּע האָבן זיך אָפּגעטיילט עטלעכע קרעפּטיקע מענער און צוגעלאָפן צו דער קעלנערקע, וואָס האָט זיך געפּאָרעט ביים צונויפזאַמלען די האַלב־ליידיקע פלאַשן און זי אַ הויב געטאָן אין דער לופטן, אַ וואָרף געטאָן, געוואָרט אַז זי זאָל אַראָפּפאַלן און זי ווידער אַ שליידער געטאָן אין דער הויך, אונטערשטעלנדיק די הענט זי צו כאַפּן, און ווידער אַ וואָרף טון.

דאָס זענען געווען עטלעכע ווילע יונגען פון שטאָט, באַן־טרעגערס, רעפּאַרמירטע זעלנער, קעלנערס פון שכנותדיקע קאַפע־הייזער, פּאָרט־אַרבעטערס, וואָס האָבן פון לאַנג שוין געזוכט נקמה אין בערטראַנען און זיין געליבטע. און נישט אַזוי ווייט צוליב זיינע פּאַשיסטישע איבערצייגונגען און סימפּאַטיעס צו די דייטשן, נאָר אויך צוליב דעם, וואָס זיי האָבן אים נישט פאַרגינען די יונגע און שיינע אַנזשעליקאַ; צוליב דעם, וואָס ער האָט זי געהאַלטן בלויז פאַר זיך, ווי זי וואָלט געווען זיין ווייב, און נישט געלאָזן קיינעם געניסן פון איר, און מער ווי איינעם פון זיי האָט ער צעמזיקט פאַר טשעפּען זיך צו איר...

האָבן זיי איצטער זיך אָפּגערעכנט מיט אים, גענומען נקמה.

— נו סאָם לע פּלי פּאַר! האָבן זיי געשריגן און געשליידערט זי אין דער לופטן, רייסנדיק פון איר די קליידער.

בערטראַן האָט זיך צוגעשטופּט צו זיי און געוואָלט זיי שטערן. אַ פעסטער זעץ האָט אים אָפּגעשטויסן. ער איז געפאַלן און נישט געקאָנט זיך מער אויפהויבן.

דער זעלבער וואָס פריער, איז ווידער אַרויף אויפן פאָדערדעק, און מיט אַ פעסטן קול, גובר צו זיין די שיכורות, גענומען שרייען:

— אַז אַרם סיטואַיען!

האָבן די הענט, וואָס האָבן געשלײדערט דאָס מײדל אין דער לופֿטן, זיך אַראָפּגעלאָזן, גענומען זיך באַװעגן צום טאַקט פֿון דער מאַרסעליעזע. און אַנזשעליקאַ איז אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער ערד װי אַ שטײן.

8

װען עס האָט זיך אָנגעהויבן די מהומה, האָבן מאַרק און פֿלאָריאַן זיך צוגעשטופּט צום אויטאָ. זײ האָבן געזען װי דאָריס טורליעט זיך צום געזעס און עס האָט זיך זײ געדאַכט, אַז זי האָט זײ באַמערקט. זײ זענען געשטאַנען מיט געבײלטע פֿויסטן און געװען גרײט זיך צו װאַרפֿן אויף יעדן אײנעם, װאָס װעט זיך טשעפּען צו איר. מאַרק האָט אַפֿילו באַשלאָסן בײ זיך צו באַנוצן זיך מיטן געװער, אין פֿאַל װען עמיץ װיל איר טון שלעכטס, אָדער רירט אָן איר כבוד.

צום גליק, איז דער עולם געװען אַזוי פֿאַרנומען, אַז מען האָט זי כמעט נישט באַמערקט. דער אויטאָ האָט אַביסל געליטן פֿון דעם אַלעם. אַ קלאַפּ מיט אַ פֿלאַש האָט לײכט אײנגעבויגן דעם בלעך פֿון אַ טיר; די הינטערשטע שויב האָט זיך געשפּאַלטן אויף עטלעכע ערטער, אָבער נישט צעשפּרונגען געװאָרן. אַ זײטיק שײבל פֿון דער פֿראָנט־טיר האָט זיך צעשיט אויף שטיקלעך. אַ ראָד פֿון הינטן איז געװאָרן דורכגעלעכערט דורך אַ שאַרף שטיק גלאָז און אײנגעפֿאַלן. מעגלעך, אַז װען זײ שטײען נישט דאָ דערנעבן, װען דער טומלענדיקער עולם זעט נישט צװײ זעלנער נעבן אויטאָ, װאָלט דער בילאַנס געװען גאָר אַן אַנדערער; עס איז אַפֿילו קײן ספֿק נישט געװען דערין.

דער ערשטער געדאַנק, װאָס איז זײ אײנגעפֿאַלן, װען עס איז געװאָרן רואיקער און שיטערער אַרום, איז געװען צו בײטן דאָס ראָד, אַרויסצוזעצן דאָס רעזערװ־ראָד. און אַװעקפֿאָרן פֿון דאָ, זיך

שטעלן ערגעץ אין אַ זייטיק געסל. דאָ איז צו טומלדיק. זיי האָבן זיך געשראָקן, אַז מענטשן קאָנען נאָך צוריקקומען, כדי צו הערן ראַדיאָ, די לעצטע נייעס. האָט דאָך קיינער פֿון זיי נישט געהאַט ביי זיך אין שטוב אַזאַ שטאַרקן ראַדיאָ־אַפּאַראַט. דאָס קאָן ווידער לאָקן אַן עולם און נייע סקאַנדאַלן זענען אומפֿאַרמיידלעך. אָבער, ווען זיי האָבן געוואָלט זיך נעמען צום ראַד, האָט זיך גראָד אָנגעהויבן דער נייער טומל מיט דער קעלנערקע. האָבן זיי זיך צוריקגעשטעלט נעבן אויטאָ.

און ווען דער עולם איז זיך צעגאַנגען, האָבן זיי באַמערקט אויף דער ערד, צווישן פֿלאַשן און שטיקער גלאָז, אַנזשעליקאַ, די קעלנערין, אַ קרעכצנדיקע און אין בלוט.

מאַרק איז צוגעשפּרונגען צו איר. זי האָט געבלוטיקט פֿון אַ פֿוס און פֿון נעגל־וווּנדן אויף אַ ברוסט. זי האָט זיך אויפֿגעריסן, אויפֿגעזעצט, געשריגן פֿון יסורים, באַקלאָגט זיך אויפֿן קאָפּ.

זיי האָבן זי אונטערגעהויבן און גענומען טראָגן אין קאַפֿע אַריין.

דאָרט איז אויפֿגעציטערט געוואָרן פֿון אירע געשרייען און אַרויסגעלאָפֿן זיי העלפֿן:

— מערסי, האָט זי געזאָגט מיט אַ וויינענדיקע שטימע.

דאָס האָט זי געדאַנקט אירע צוויי באַגלייטער, וואָס האָבן זי געהיטן, און אַ דאַנק זיי האָט זי אויסגעמיטן דעם גורל פֿון דער אומגליקלעכער קעלנערקע.

זיי האָבן זי אַוועקגעלייגט אויף אַ באַנק. מאַרק האָט געזוכט וואַסער, האַנטעכלעך, און פֿאַרצויגן אַ באַנד אויפֿן פֿוס, איבער דער וווּנד. דאָס בלוטיקן האָט זיך אָפּגעשטעלט.

דאָרט האָט איר דערלאַנגט אַ טעפּל קאַפֿע צום מויל און געבעטן זי זאָל טרינקען. זי האָט אַ זופּ געטאָן, אויפֿגעעפֿנט ברייט די אויגן, געקוקט אין אַלע זייטן. פּלוצים אויפֿגעריסן זיך פֿון געלעגער:

— פּאַטראָן! האָט זי גענומען שרייען. ווו איז דער פּאַטראָן?!

זיי האָבן זי צוריקגעלייגט און אַרויס זיך אומקוקן וואָס איז געוואָרן מיטן פּאַטראָן. דאָרט איז געבליבן נעבן איר.

זיי האָבן אים געפֿונען נעבן אַ בוים. מאַרק האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו אים. ער האָט געאָטעמט.

— נישט מער ווי אַ שאָק, האָט ער באַרואיקט זיין חבר.
זיי האָבן אים אונטערגעהויבן און אַריינגעטראָגן אין קאָפּע.

מאַרק האָט אים גענומען מונטערן, גענומען פּאַכען מיט זיי־נע שווערע אָרעמס, קוועטשן אויף זיין ברוסט־קאַסטן, באַוועגן מיט זיין באַהאַרטן קאָפּ, באַנעצן אים מיט וואַסער, איינרייבן זיין פּאַ־רענט, זיינע ברוסטן מיט אַ שאַרפער משקה פון אַ פלאַש אַרויס. אַזוי לאַנג ביז ער איז געקומען צו זיך. דאַריס האָט אים דערלאַנגט קאַ־פּע.

— און ווו איז אַנזשעליקאַ? האָט ער געפרעגט, אויפרייסנדיק זיך פון דער ערד.

ער איז צוגעלאָפן צו איר, זי אַרומגענומען צוזאַמען מיט דער באַנק און פעסט געדרוקט צו זיך. זי האָט אויסגעצויגן אירע הענט צו אים און געוויינט אויפן קול.

— וויין נישט, האָט ער זי באַרואיקט. וויין נישט. זיי וועלן מיר באַצאָלן דערפאַר, די הינטישע זין. אוי, וועלן זיי באַצאָלן דערפאַר! איך וועל זיי אַלעמען דערקענען, יעדן איינעם פון זיי. און נישט נאָר פאַרן שאָדן וועלן זיי מיר באַצאָלן, נישט נאָר פאַרן שאָדן... נו, וויין נישט. איצטער קומט די ריי אויף זיי צו וויינען...

זי האָט אויפגעהערט וויינען און געביסן אירע ליפּן פון יסו־רים.

— איך האָב דיר געוואָלט גראַטולירן, האָט פלאָריאַן געזאָגט שטיל צו זיין חבר, צו דיין עקזאַמין, צו דיינע מעדיצינישע קענטע־נישן; דאָס ערשטע מאָל ווי איך זע דיך אַלס דאָקטאָר... אָבער זעענ־דיק דעם מאָראַלישן פּרצוף פון דיין קליענט, פרעג איך דיך צי דאַרף איך עס טון?...

מאַרק האָט געוואָלט ענטפערן זיין חבר, אָבער פּלוצים איז אויסגעוואַקסן צווישן זיי דער פּאַטראָן און גענומען דרוקן זיי די הענט:

— אַ דאַנק, אַ טויזנטפאַכיקער מערסי אייך, יונגעלייט. איר האָט געראַטעוועט צוויי אומשולדיקע מענטשן. איך ווייס נישט ווי איך זאָל אייך דאַנקען...

זיי האָבן אים אָפּגעשטופּט. נישט געוואָלט זיין דאַנק. זיין דאַנק האָט זיי באַליידיקט.

9

זיי האָבן זיך קוים דערוואַרט דאָס עפענען פון דער פּאָסט.

אַ יונגע באַאַמטע מיט אַ קינדיש פּנים איז געזעסן אויף יענס־זייט פענצטערל און געפּוצט די נעגל. זייער אַריינקומען האָט איר נישט געשטערט אין איר אַרבעט. זי האָט ווייטער געפיילט די נעגל. געשמירט מיט אַ שאַרפקייט, וואָס האָט געריסן אין דער נאָז.

דאָריס האָט געקלאַפּט מיט איר פּאַספּאָרט אינעם ברעטל נעבן פענצטערל, בכדי צו דערמאָנען, אַז עמיץ איז פאַראַן, עמיץ וואָס איילט זיך. די צוויי חברים זענען געקומען איר צוהילף און זיך פאַר־גאַנגען אין ניסן. נאָך קיינמאָל האָבן זיי נישט אַזוי שטאַרק געגאָסן ווי איצטער.

דאָס קינדישע פּנים האָט פאַרשטאַנען די אַנצוהערעניש, אָבער ווייטער געבליבן אומדיפערענט. ערשט ווען די נעגל האָבן גוט גע־גלאַנצט און זי האָט אַ בלאָז געטאָן אויף זיי פון נחת, האָט זי גע־וואָנדן אירע שפּיציקע אויגן צום פענצטערל.

— וואָס איז דאָס געאייל, וואָס? האָט זי געפרעגט מיט אַ בייזן טאָן.

זיי זענען אַזוי געווען דערשטוינט פון איר פראַגע און דאָס בלוט האָט אַזוי גענומען קאָכן אין זיי, אַז זיי האָבן נישט געקאָנט געפינען קיין וואָרט אין מויל.

— סיידוי איז קיין באַן נישטאָ, און די פּאָסט גייט נישט, עס קומען נישט קיין בריוו און עס גייען נישט אַוועק, שוין פיר טעג אַזוי, און קיין טעלעגראַמעס נישט. טאָ וואָס איז ס׳געאייל, וואָס?

דאָריס האָט דערלאַנגט איר בריטישן פּאַספּאָרט און געבעטן נאָכצוקוקן צי איז נישטאָ קיין בריוו פאַר איר, אַ טעלעגראַם, אָדער עפּעס אַן אָפיציעלער מעסאַזש פון מיניסטעריום, אַמבאַסאַדע, קאָנ־סול, רויטן־קרייץ. דאָס מיידל מיטן קינדישן פּנים האָט גענומען נישט ווילנדיק דעם פּאַספּאָרט און מיט פוילע טריט צוגעגאַנגען

צום שענקל מיט דער פּאָסט־רעסטאַנט קאָרעספּאָנדענץ. געווען עט־לעכע בריוו. האָט זי זיי גיך דורכגעקוקט. און גיך צוריקגעקומען דרייענדיק מיטן פּאַספּאָרט און מיטן קאָפּ אויף ניין.

ווען מאַרק האָט איר דערלאַנגט זיין אידענטיטעטס־קאַרטע, האָט זי געדרייט מיטן קאָפּ, נאָך איידער זי איז געגאַנגען נאָכקוקן. ניש־טאָ אַזאַ נאָמען צווישן די בריוו, וואָס זי האָט אָקאָרשט דורכגעקוקט.

— די דייטשן דערנענטערן זיך. פּאַריז איז שוין אַ צען טעג באַ־זעצט. די דייטשן פּאַראַדירן אויף שאַנז־עליזיי. טאָ וועמען ליגט אין קאָפּ שרייבן, האַ?

— אַז עס ליגט נאָך אייך אין קאָפּ צו פּוצן די נעגל און שמינ־קען די באַקן?! האָט מאַרק געענטפערט סאַרקאַסטיש.

זי האָט עפּעס געזאָגט מיט אַ געלעכטער. זיי האָבן נישט דער־הערט.

פלאָריאַן האָט איר געענטפערט:

— מערד!

און זיי האָבן מיט כעס פאַרהאַקט די טיר הינטער זיך.

אין קאָמיסאַריאַט האָט מאַרק געוויזן זיין אידענטיטעטס־קאַר־טע און זיך אינפאָרמירט צי איז זיין פּרוי נישט געקומען זיך נאָכ־פרעגן אויף אים.

דער פּאָליציאַנט ביים אויפנעם־טישל האָט געדיכט אַריינגע־קוקט אין דער קאַרטע, געבלעטערט, אַ ברום געטאָן אונטער נאָז און נעלם געוואָרן אין אַ שכנותדיקן צימער. נאָך אַ ווייל איז ער צוריק־געקומען צוזאַמען מיט אַ העכערן פּאָליציי־באַאַמטן. יענער האָט גע־קוקט בייז פון הינטער דיקע ברילן, און זיך שטרענג אָנגערופן:

— אייער קאַרטע איז אָפּגעלאָפן. זי איז נישט גילטיק שוין מער ווי אַ חודש. איר זייט נישט אין אָרדענונג וואָס שייך דעם גע־זעץ וועגן אויסלענדער. ווען מען איז נישט אין אָרדענונג, דאַרף מען לכל הפחות נישט אַריבערטרעטן די שוועל פון געזעץ־היטער; דאָס איז דאָס ווייניקסטע וואָס מען קען פאַרלאַנגען פון אויסלענדער...

— איך האָב נישט געקאָנט פאַרלענגערן, איך בין שוין איבער דריי חדשים אין מיליטער.

פלאָריאַן האָט אָפּגעשטויסן זיין חבר אין אַ זייט, אַרויסגע־שלעפּט זיין אידענטיטעטס־קאַרטע און געפרעגט:

— סיל וו פּלע, צי האָט נישט צומאָל אַ געוויסע מאַדאַם מיל־

נער דעבאָראַ נאָכגעפרעגט זיך ביי איך אויף איר מאַן? קוקט, מיין קאַרטע איז נאָך גילטיק.

— און וואָס געהערסטו דיך אָן צו דער דאַמע, אַז מיר דאַרפן דיר ענטפערן וועגן דעם צי זי איז געווען זיך נאָכפרעגן אויף איר מאַן, האַ?

— איך בין אַ פריינט.

— און אפשר וויל נישט די דאַמע, אַז דער פריינט פון איר מאַן זאָל וויסן? און אפשר וויל נישט דער מאַן, אַז זיין פריינט זאָל וויסן?

— דער פריינט איז דאָ, האָט פלאָריאַן אַנגעוויזן אויף מאַרקן. איר קענט אים פרעגן.

און ווען מאַרק האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, האָט זיך דער פּאָליציי־אָפיציר אויסגעגראַדט, און ווי אַ ריכטער ביים לייענען אַן אורטייל, געזאָגט שטייף און טרוקן:

— ניין, קיינער זיך נישט נאָכגעפרעגט, ניין!

אין דער מערי האָט זיי אויפגענומען אַ סימפּאַטישע פרוי, אין די מיטעלע יאָרן. איר פּנים האָט נאָך אויסגעזען יונג און אין קעגנ־זאַץ צו איר קאָפּ גרויע האָר. זי האָט געטראָגן שוואַרצע בגדים, וואָס זענען געווען אין איינקלאַנג מיט די שוואַרצע זעקעלעך אונטער אירע אויגן.

מיט אַ שטילן קול און זייער העפלעך האָט זי געפרעגט מיט וואָס זי קען דינען.

דאָס מאָל האָט פלאָריאַן גערעדט דער ערשטער. ער האָט גע־זאָגט, אַז די מאַדמואַזעל, וואָס איז אָן ענגלענדערין, וואַרט אויף אַ ידיעה פון איר חתן, אַ בריטישן קאַפּיטאַן, וואָס איז געווען אין דונ־קערק. זי ווייסט נישט וואָס איז זיין גורל.

— נישט וויסן איז טיילמאָל גאַרנישט אַזוי שלעכט, האָט זי אויפגעהויבן אויף איר אַ פּאָר אויגן פול מיט מיטלייד. לײדער, ווייס איך יאָ דעם גאַנצן אמת וועגן מיין איינציקן זון; הלוואי וואָלט איך ווייטער געלעבט אין ספק...

מאַרק האָט אָפּגעשטופּט זיין חבר, דערלאַנגט זיין קאַרטע און

געפרעגט זיך צי איז נישט פאַראַן עפּעס אַ ידיעה וועגן זיין פרוי, פון זיין פרוי.

די באַאַמטע האָט זיך אויפגעשטעלט און געגאַנגען זוכן אויף די דערנעבנדיקע טישלעך, אין די שענקלעך, שופלאָדן, צו עטלעכע מאָל געזוכט אויפן זעלבן אָרט, און צוריקגעקומען אַ טרויעריקע.

— ליידער, קינדער, זע איך נישט קיין בריוו און נישט קיין מעסאַזש פאַר אייך. ווען עס וואָלט עפּעס געווען, אָדער מען וואָלט געקומען פרעגן אויף עמיצן, וואָלט איך געוווּסט. איך קום רעגולער צו דער אַרבעט. אגב, די איינציקע געטרייע אויפן פּאָסטן. פון שטוב יאָגט עס מיך דאָך אַרויס... דער מער איז כסדר אויף באַראַטונגען. ער אָרגאַניזירט אַ גרופּע קיין לאָנדאָן. דער ערשטער סעקרעטאַר פאַרנעמט זיך מיט ווידערשטאַנד קעגן פאַרשאָלטענעם שונא. ווען איך בין יונג און ווען מען נעמט פרויען אין דער אַרמיי, וואָלט איך שוין היינט געווען אין לאָנדאָן.

זי האָט אויפגעהויבן אירע אויגן, וואָס האָבן אָפּגעפונען אַ טייל פון זייער גלאַנץ, און געפרעגט:

— און איר, קינדער, וואָס האָט איר באַשלאָסן?

— צי זענען פאַראַן צוויי מעגלעכקייטן, מאַדאַם האָט פּלאַריאַן געפרעגט מיט אַ טאָן, אין וועלכן עס איז שוין געווען דער ענטפער.

— טאָ, אײַלט זיך, קינדער; איר קאָנט חלילה פאַרשפּעטיקן די לעצטע שיף.

— ווען גייט אָפּ די לעצטע שיף? האָט מאַרק געפרעגט נייגעריק.

— שווער צו וויסן. דאָס איז אַ מיליטערישע געהיימעניש. אַזוי ווי די דייטשן דערנענטערן זיך און אַלע ענגלענדער זענען שוין עוואַקואירט, וועט ענגלאַנד קיין סך שיפן שוין נישט שיקן...

— אַנטשולדיקט, עקסקיוז מי, האָט דאָריס פּראָפּיטירט. איך בין אַ בריטישע, און אַזעלכע ווי איך דאַרפן נאָך זיין אַ סך אויפן קאָנטינענט.

ביי דער באַאַמטער האָט זיך באַוויזן אַ ברייטער שמייכל אויפן טריבן פּנים.

— מען זעט, אַז איר זייט אַן ענגלענדערין, אַ נאַאיווע, האָט זי געזאָגט.

— די פראַנצויזן האָבן אויך נישט אַרויסגעוויזן וויניק נאַאיווּ־קייט אין דעם קריג, האָט דאָריס זיך פאַרטיידיקט.

די באַאַמטע האָט פאַרלאָזן איר אָרט, צוגעקומען צו זיי, אַרומגענומען דאָס מיידל און זי פעסט צוגעדריקט צו זיך.

— נישט איצט איז דער מאָמענט זיך צו שפּילן מיט ווערטער, האָט זי געזאָגט.

— מיין חבר און איך וואָלטן וועלן אונטערוואַרטן ביז דער לעצטער שיף, ווייל עס איז מעגלעך, אַז זיין פרוי וועט דערווייל אָנ־קומען...

— און אויב איר וועט, חלילה, נישט באַוויזן, איז פאַראַן נאָך אַן אויסוועג, אַריבער קיין שפּאַניע און פון דאָרט דערגרייכן ענג־לאַנד. פאַראַן דאָ אַ שפּאַנישער קאָנסול, גיט ער וויזעס. ער איז זייער אַ גוטער מענטש. מען זאָגט, אַז ער גיט קודם כל וויזעס פאַר יידן, ווייל זיי זענען אין אַ גרעסער סכנה ווי אַלע אַנדערע, און גאָר באַ־זונדערס — פּוילישע יידן...

— מיר זענען אויך יידן פון פּוילן, האָט פלאָריאַן געוויזן אויף זיך און זיין חבר. מיר זענען פרייוויליקע זעלנער פון דער פראַנצוי־זישער אַרמיי; אונדזער גאַנצע משפחה ווערט געפּייניקט אין פּוילן.

זי האָט געקוקט אויף זיי מיט רחמנות און אַ ווייז געטאָן מיט אַ האַנט דורכן פענצטער.

— אָט, דאָרטן, איז די סינאַגאָגע. גייט אַהין, איילט זיך. דער קאָנסול איז איצט דאָרטן. ער שרייבט דאָרטן דירעקט אונטער די וויזעס. פאַרלירט נישט קיין רגע!

זי האָט זיי אָפּגעפירט צו די שטיגן, זיי געדריקט פעסט די הענט, צוגעפאַלן מיטן פנים צום מיידל און באַנעצט אירע באַקן מיט טרערן.

— אויב איר זעט אים, האָט זי נאָכגעשריגן, אַז איך קען אייך נאָך עפּעס העלפן, אָדער ברענגען נוצן, קענט איר רעכענען אויף מיין הילף. מיין נאָמען איז פאַמעלאַ, פאַמעלאַ דעזאַנזש. זייט מצליח, קינדער!

10

אויף די שטיגן האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן אַ ווייל, זיך צוגעזעצט.

זיי האָבן געמאַכט אַ סך־הכּל: הייסט עס, אַז נישט דאָריס האָט וועלכע עס איז ידיעה און נישט מאַרק.

איר קאַפּיטאַן האָט טאַקע נישט געקאָנט קומען, דאָס איז געווען כּמעט אומעגלעך. גאָר און גאָר אילוזאָריש איז אויך געווען די מעגלעכקייט צו באַקומען אַ מעסאַזש פון אים, אָדער וועגן אים, אין די איצטיקע באַדינגונגען. אָבער דבורה האָט דאָך יאָ געקאָנט קומען, אָדער געבן צו וויסן וועגן זיך. צי זאָל זי נישט האָבן באַקומען קיין איינעם פון די בריוו און אויך נישט פון די טעלעגראַמעס? און אפשר יאָ, נאָר די דייטשן האָבן אויפגעכאַפּט איר ענטפער? אָדער אפשר איז זי טאַקע אונטערוועגס אַהער, נאָר צוליב די מלחמה־אָפּעראַציעס און די פּליטים אויף די וועגן פאַרשפּעטיקט זי זיך, און וועט קומען באַכמיטאָג, אין אָוונט, ביינאַכט און אפשר גאָר מאָרגן?

און וואָס בלייבט איצט צו טון? די דייטשן גייען אין דער ריכטונג פון דער שפּאַנישער גרענעץ, צו פאַרשטעלן דעם וועג פאַר פּאַטריאָטן, וואָס ווילן פאָלגן דעם רוף פון גענעראַל. זיי ווילן בלאָקירן דעם לעצטן פּאָרט אויפן אַטלאַנטיק, פונוואַנען עס גייען אָפּ שיפן קיין ענגלאַנד. נעכטן אָוונט זענען זיי שוין געווען אין מימיזאַן. נאָך גוט וואָס דער שטורם האָט פאַרלאַנגזאַמט זייער פאָרויסמאַרש. אַנישט וואָלטן זיי זיכער שוין איצט געווען גאָר נאָענט. וויפיל צייט דער באַסקן־ברעג וועט נאָך זיין פריי, איז שווער פאָרויסצוזען. עס איז זיכער נישט מער ווי אַ פראַגע פון אַ צוויי טעג.

עס וואָלט געווען קרימינעל נישט אויסצונוצן די פאַראַנענע מעגלעכקייט צו אַנטרינען צו דער פרייער וועלט. בלייבן דאָ הייסט קנעכטשאַפט, יסורים, לאַגערן, טויט, בפרט פאַר אַ ייד; בלייבן,

הייסט טיילן גוטוויליק דעם גורל פון אומגליקלעכן פוילישן יידנטום. יעדע מעגלעכקייט מוז אויסגענוצט ווערן אויף אַרויסבאַקומען זיך פון דאָ און קאָנען ווייטער זיין נוצלעך, ווייטער קעמפן קעגן מערדע־רישן שונא.

וואָס נוגע דאַריס, איז נאָר פאַראַן איין מעגלעכקייט — אַוועק נאָך שפּאַניע. זי דאַרף זען צו באַקומען אַ וויזע פון שפּאַנישן קאָנ־סול.

פאַר די צוויי חברים איז פאַראַן, אַחוץ אַ וויזע, נאָך אַ מעג־לעכקייט. דהיינו — אַ שיף. בכדי צו זיין זיכער, איז בעסער צו שפּילן אויף ביידע מערכות, שטעלן אויף ביידע קאַרטן, און אויסנוצן איינע פון די מעגלעכקייטן, לויט דער געגעבענער סיטואַציע. דאָס וועט זיי דערלויבן אויך אָפּצושלעפּן אַ טאָג־צוויי, וואַרטנדיק אויף דבו־רהן. און ווען זי קומט, וואָלטן זיי זאַלבעפערט אַוועק קיין הענדעי, דעם פראָנט־שטעטל און אַריבער קיין שפּאַניע.

וואָס דאַרף מען טון שוין איצט?

דאַריס דאַרף גיין צום שפּאַנישן קאָנסולאַט, דערלעדיקן אירע טראַנזיט־פּאַפּירן. און זיי? זיי דאַרפן גיין אין דער סינאַגאָגע. קודם־כל: אפשר איז דאָרטן פאַראַן דבורה, אָדער אַ נייעס וועגן איר? און צווייטנס דערלידיקן די שפּאַנישע וויזעס פאַר זיך און אויך פאַר דבורהן, אויב זי קומט שפּעטער.

זיי האָבן זיך נישט געזעגנט. זיי האָבן זיך געגעבן אַ ראַנדע־וו דאָ, אויף די שטיגן פון דער מערי, 12 אַ זייגער. זיי האָבן גע־וואָלט וויסן ווי זי האָט דערלידיקט. און זי האָט געוואָלט וויסן ווי זיי האָלטן און וועלכער איז סוף־כל־סוף זייער באַשלוס.

און איידער זי וועט פאָרן צו דער שפּאַנישער גרענעץ, וויל זי זיי נאָך אונטערפירן קיין סען־זשאַן־דע־ליז מיט איר אויטאָ. עס איז דאָך נישט פאַראַן קיין קאָמוניקאַציע אהינצו און צופוס וואָלט עס זיי פאַרנומען צופיל צייט. זי וועט נישט זיין רואיק כל זמן זי וועט נישט וויסן, אַז זיי האָבן זיך געראַטעוועט.

זי האָט געהאַט טרערן אין די אויגן. זי וואָלט בעסער געוואָלט, אַז זיי זאָלן מיטגיין מיט איר צום קאָנסולאַט און מיטמאַכן צוזאַמען דעם וועג קיין שפּאַניע און ווייטער. זי האָט זיך געפילט אומבאַקוועם צוליב דעם וואָס איר לאַגע איז וויניקער קאָמפּליצירט ווי זייערע. די שוועריקייטן, וואָס זי האָט בייצוקומען, וועלן זיך דאָך תיכף ענ־

דיקן, אין דער צייט, ווען זיי וויסן נאָכנישט ווי זיי האַלטן און וועלכן וועג אויסצוקלויבן. איר סיטואַציע איז אויך אַ סך ווייניקער טראַגיש דורך דעם, וואָס זי איז אַ בריטישע בירגערין, אַפילו ווען זי ווערט געכאַפּט דורך די דייטשן. אין ערגסטן פאַל, וועט מען זי פאַרשפּאַרן אין אַ לאַגער פאַר געפאַנגענע בריטישע בירגער. אָבער זיי, אַלס יידן, וועט זיך דאָך עפּעס פאַר זיי דאָס גיהנום אַליין.

— צוועלף אַ זייגער דאָ, אויף די שטיגן! האָבן זיי איר דערמאָנט.

— יאָ, צוועלף אַ זייגער, אויף די שטיגן, האָט זי באַשטעטיקט. און זיי זענען זיך צעגאַנגען.

11

דער שול־הויף איז געווען באַלאַגערט דורך אַ ריזיקן עולם פון מענער, פרויען, קינדער, אַלטע לייט. טייל זענען געשטאַנען, טייל געזעסן, אָדער געלעגן אויפן געפּעק. מאַרק האָט זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער און געזוכט מיט די אויגן צווישן עולם. פלאָריאַן האָט פאַרשטאַנען זיין חברס כוונה און אויך גענומען קוקן אין אַלע זייטן: אפשר איז דבורה אויך דאָ ערגעץ פאַראַן?

— קוק גוט, האָט מאַרק געבעטן זיין חבר. דו ביסט דאָך העכער און האָסט אַ בעסער אויג. און אַנשטאָט זוכן צווישן די מענטשן, האָט ער נישט אַראָפּגעלאָזט פלאָריאַנען פונעם בליק. אפשר וועט ער באַמערקן אַ שמייכל אויף זיין פּנים, אַ זשעסט וואָס וועט אָנזאָגן די גוטע בשורה.

אַזוי קוקנדיק און שטופּנדיק האָבן זיי געמאַכט עטלעכע טריט פאָרויס. עטלעכע עלטערע מענטשן האָבן זיי דורכגעלאָזן, צוליב רעספּעקט צו זייערע מיליטערישע בגדים. נאָך עטלעכע מענטשן האָבן זיך אָפּגערוקט, מיינענדיק, אַז דאָס זענען פראַנצויזישע זעלנער, וואָס קומען אַהערצו אָפיציעל, אין עפּעס אַ מיסיע.

זיי וואָלטן זיכער זיך גיך אַדורכגעשטופּט, ווען דער צופאַל וויל נישט, אַז עמיץ זאָל דערקענען פלאָריאַנען.

— פלאָריאַן, פלאָריאַן! האָט ער געגומען רופן.

דאָס איז געווען זיינס אַ חבר און לאַנדסמאַן, און אַן אַנהענגער פון זיין מאָלעריי. זיי האָבן זיך שוין נישט געזען אַ לאַנגע צייט. דערזעענדיק פלאָריאַנען אין מיליטערישע בגדים און ווי ער שטופּט זיך פאָרויס, האָט ער גענומען שרייען:

— דאָס בין איך, אָסקאַר, און ליזע איז אויך דאָ. מיר דאַרפן ביידע וויזעס. מען האָט שוין לאַנג גענומען ביי אונדז די פּעסער, אָבער די וויזעס זעט מען נישט. זע, ראַטעווע אונדז, גוטער ברודער!

ווען דער עולם האָט דערקענט, אַז דאָס זענען יידישע מיליטערלייט, האָט ער זיך ווידער גענומען צונויפדריקן און פאַרשטעלט זיי דעם וועג, ווי מיט אַ וואַנט. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז ווען זיי זאָלן דאַרפן וואַרטן אויף זייער ריי, וועט זיי אויסקומען נישט נאָר צו פאַרברענגען דאָ דעם גאַנצן טאָג, נאָר אויך צו נעכטיקן. אינסטינקטיוו איז ביי זיי ביידן געבוירן געוואָרן דער זעלבער געדאַנק צו באַנוצן זיך מיטן זעלבן פאָרטל, וואָס פריער, אויף דעם וואָגל־וועג. מאַרק האָט אַרויסגעצויגן זיין רעוואָלווער, גענומען פאָכען אין דער לופטן און פלאָריאַן האָט גענומען שרייען:

— לעססע פּאַססע, לאָזט אַדורך, מאַכט אַ וועג, גיכער, גיכער!

עס האָבן זיך געהערט פּראָטעסטן, בייזע באַמערקונגען, קללות.

— פּאַרדאָן, האָט פלאָריאַן געטריבן דעם עולם און געשטופּט זיך פאָרויס. עקסקיזע, ווייל מען שיסט. מאַכט אַ וואַרע פאַר מיליטער.

— זע נאָר מיר, אויך מיר מיליטער!

— יידישע חוצפּה!

— ברודערקע, געדענק, ראַטעווע!

— אַנו, שיסט, שיסט!

— גיטס נאָר אַ קוק, שיסן ווילן זיי גאָר!

— נישט געשאָסן קיין דייטשן, ווילן זיי שיסן יידן!

— דאָ איז לייכטער צו שיסן ווי אויפן פראָנט, כאַ, כאַ!

— געדענק אין מיר און ליזען, דערבאַרעם דיך!

— פּאַרדאָן, פּאַרדאָן, לאָזט אַדורך!

און אַזוי האָבן זיי זיך דורכגעשטופּט ביז צום איינגאַנג פון סינאַגאָגע.

דער פּאָליציימאַן, וואָס האָט געהיט דעם איינגאַנג, האָט די זעלנער אַריינגעלאָזן אַן שוועריקייטן. ער האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ קליין צימערל. ביי אַ טיש זענען געזעסן דריי מענטשן מיט צוגע־דעקטע קעפּ. דער אין דער מיטן האָט געטראָגן אַ בערדל און געהאַט אַ פּנים פון אַ מאָדערנעם רב. זיי האָבן אָוועקגעלייגט זייערע מיליטערישע ביכלעך. דער רב האָט אַריינגעקוקט אין די דאָקומענטן. די צוויי בייזיצערס האָבן זיך צוגעבויגן און אַריינגעשטעקט זייערע נעז. דער רב האָט געפרעגט ווי הייסן טאַטע־מאַמע, פון וואַנען זיי שטאַמען. דערנאָך האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ און איינער פון די בייזיצערס האָט זיי אַריינגעפירט אין אַ צווייט צימער.

ביי אַ גרויסן טיש, אָנגעלייגט מיט פּאַפּירן און סטעמפּלען אַן אַ צאָל, איז געזעסן אַ מענטש, אין די הויכע מיטעלע יאָרן, מיט אַן אָפּגעבערענט פּנים, איידעלע שטריכן און מיט אויגן, וואָס האָבן גע־פינטלט הינטער פּאַרטונקלטע ברילן. ער האָט געקוקט אויף די מיליטערישע דאָקומענטן, געדרייט מיטן קאָפּ, גענומען איינעם פון די סטעמפּלען, געהאַלטן אַ רגע אין האַנט, און אים צוריקגעלייגט.

— איר זייט זעלנער, נישט אמת? האָט ער געפרעגט, ווי עס וואָלט אים נאָכנישט געווען גענוג קלאָר.

— מיר ווילן אַוועק קיין ענגלאַנד ווייטער קעמפן, האָט געזאָגט מאַרק.

— ריכטיק. איך באַגריס אייך. דאָס איז דער אייציקער וועג.

ער האָט זיך אויפגעשטעלט, אַראָפּגענומען די ברילן און גע־קוקט אויף זיי מיט אויגן פול מיט גוטסקייט און פאַרלעגנהייט.

— אָבער, צי ווייסט איר, אַז די צאָל פון די וויזעס איז שטאַרק באַגרענעצט? אויב איך זאָל געבן כסדר וויזעס, און נישט נעמען אין באַטראַכט די אַבסאָלוטע דרינגענדיקייט, וועט די צו גרויסע צאָל ווערן אויפפאַלנדיק ביי דער גרענעץ־וואַך, און מען וועט נישט אַ־דורכלאָזן, אַפילו מיט וויזעס. באַדויער איך שטאַרק...

— הייסט עס, אַז...

— יאָ, אַזוי הייסט עס, איך באַדויער.

עס איז געווען אַ רגע שטיל.

— איך זע, אַז איך האָב צו טון מיט אינטעליגענטע מענטשן, האָט ער אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף זייערע אַקסלען — איך דערקען עס אין אייערע פּנימער. בעט איך ביי אייך אַ טובה: פאַר־לאַנגט נישט פון מיר קיין וויזעס. איר זייט זעלנער, קאָנט איר פאַרן

מיט אַ שיף פון סען־זשאַן־דע־ליז. אייער אָרט איז דאָרטן. לאָזט איבער די וויזעס פאַר די ציווילע יידן, וואָס האָבן נישט קיין אַנ־דערן אויסוועג. איר זעט וואָס פאַראַ מחנות יידן עס וואַרטן אין דרויסן. אייערע צוויי וויזעס וואָלטן באַרויבט צוויי אַנדערע יידן פון דער איינציקער מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען...

— אָבער מיר ווייסן דאָך נישט צי מיר וועלן האָבן אַן אָרט אויף דער שיף, האָט פלאָריאַן איבערגעריסן.

— איר ווייסט נישט, אָבער די יידן וואָס וואַרטן דרויסן ווייסן עס אויף זיכער, אַז נישט. וואָס ווילט איר, אַז מיין רעגירונג זאָל מיך אָפּרופן און די רעטונגס־אַקציע דורך וויזעס זאָל אָפּגעשטעלט ווערן?

ער האָט זיי גענומען אונטער די אָרעמס און צוגעפירט צו דער טיר.

— און אויב מיר וועלן נישט האָבן קיין אָרט אויף אַ שיף?

— אין אַזאַ פאַל, וועט איר קאָנען רעכענען אויף מיר. אָבער גייט, לויפט, פאַרזוימט נישט די לעצטע שיף.

מאַרק האָט זיך דערמאָנט אין דבורהן.

— יאָ, האָט ער געזאָגט. איך וואַרט אויף מיין פרוי, זי דאַרף קומען פון ליאָן. זי וועט דאָך נישט קאָנען פאָרן מיט אַ שיף. טאָ זייט אַזוי גוט און גיט אונדז אַ וויזע פאַר איר.

— איר זאָגט דאָך, אַז זי דאַרף ערשט קומען, און די יידן, וואָס וואַרטן דרויסן, זענען דאָך שוין דאָ. וועט מען זען שפּעטער.

ער איז צוגעגאַנגען צום טיש און געבעטן אַנצוגעבן איר נאָ־מען. ער האָט אים פאַרצייכנט.

12

ווען זיי זענען געקומען צו דער מערי, האָט שוין דאָריס גע־וואַרט אויף זיי. זי איז געזעסן אויף די שטיגן מיטן קאָפּ אַנגע־שפּאַרט אין אירע בײדע הענט. זי האָט נישט באַמערקט ווי זיי קו־מען אָן. זיי זענען געשטאַנען אַ רגע און אַרויפגעקוקט צו איר. לויט

דעם אופן ווי דער קאָנסול האָט זיי אויפגענומען און לויט זיין לאָגיק, האָבן זיי זיך געשראָקן, אַז אויך זי האָט באַקומען אַן אַפּזאָג. זיי האָבן זיך איבערגעקוקט און אַ פּחד איז אַדורך איבער זייערע אבֿ־רים.

ווען זיי האָבן געשטעלט זייערע ערשטע שווערע טריט אויף די שטיגן, האָט זי אַ הויב געטאָן איר קאָפּ:

— נו?

— נו, און איר, דאָריס?

זי האָט זיך אויפגעשטעלט און זיי אַקעגנגעגאַנגען. זי האָט זיי גענומען אונטער די אָרעמס און געגאַנגען שווייגנדיק. זי האָט פאַרשטאַנען פון זייער געמיט און פונעם גיכן קלאַפּן פון זייער האַרץ, אַז זיי קומען אויך אָן רעזולטאַט, הגם עס איז איר געווען אַ גרויסער חידוש... נאָך אַ וויילע, האָט זי גענומען דערציילן אַז אי־נעם קאָנסולאַט האָט מען איר איבערגעלאָזט האָפענונג. זי האָט זיך נישט געקאָנט צובאַקומען צום קאָנסול גופא. עס האָט זי אויפ־גענומען אַ צווייטראַנגיקער באַאַמטער. ער האָט איר געזאָגט, אַז די צאָל וויזעס איז זייער אַ באַגרענעצטע און אַז קודם־כל מוזן גע־ניסן פון זיי די, וואָס זענען אַממערסטן באַדראָט, און די וואָס ווילן ווייטער קעמפן. דאָס איז די פאַראָרדענונג פון קאָנסול. מ׳האָט איר אויפגעקלערט, אַז איר, אַלס בריטישע בירגערין, דראָט נישט קיין גרויסע געפאַר; די דייטשן וועלן זי גוט באַהאַנדלען, צוליב מורא פאַר רעפּרעסיעס אויף דייטשע אינטערנירטע אין ענגלאַנד. מען האָט פאַרשריבן איר נאָמען און צוגעזאָגט צו רעפערירן איר פאַל פאַרן קאָנסול. מ׳האָט געהייסן איר צוריקקומען מאָרגן אָוונט.

און ווען זיי האָבן איר דערציילט זייער באַגעגעניש מיטן קאָנ־סול און דעם פאַרלויף פון געשפּרעך, האָט זי זיי נאָך פעסטער צו־געדריקט צו זיך, און האַלטנדיק זיי קראַמפּהאַפטיק ביי די אָרעמס, געלאָזט זיך לויפן צום אויטאָ.

דער וועג קיין סען־זשאַן־דע־ליז האָט זיי געפירט דורך ביאַ־ריץ. דער שאָסיי, וואָס האָט דערלויבט אויסצומיידן די שטאָט, איז איצטער נישט געווען צום באַנוצן. ער איז געווען פאַרשטעלט מיט באַריקאַדן, מיט אַנטי־טאַנק בלאָקן, וואָס זענען געווען באַשטימט איינצוהאַלטן דעם פאַרויסמאַרש פון דייטשן מיליטער. האָבן זיי געמוזט אַריינפאָרן אין דער שטאָט.

לאַנגע רייען פון מיליטערישע אויטאָס האָבן זיך געשלעפּט ווי־ סמאַלע. קוים זיך באַוויגן פון אָרט. דער רוב אויטאָס איז גע־ ווען מיט פּוילישע אָפיציכנס, אַנדערע — פון דער טשעכישער ברי־ גאַדע, און טייל פראַנצויזישע; צווישן די לעצטע — אויך ציווילע. מען האָט כסדר געהערט רעדן פּויליש, טשעכיש און קללות זע־ נען געפלויגן פון איין אויטאָ צום צווייטן. דאָס לאַנגזאַמע פאָרן האָט די שאָפערן אַרויסגעפירט פון געדולד.

דאָריס האָט געקענט די שטאָט, פון איר לעצטן וואַקאַנס, וואָס זי האָט דאָ פאַרבראַכט מיט פּאַטריקן, האָט זי געזוכט זייטיקע גאַסן, כדי צו קאָנען זיך דורכשלאָגן צום אַרויספאָר־וועג, וואָס פירט קיין סען־זשאַן־דע־ליז. אויך דאָ איז נישט געווען מעגלעך צו פאָרן גיך, צוליב די זעלבע סיבות.

אַ גליאיקע זון, צוזאַמען מיט דער היץ און רויך, וואָס האָבן געשלאָגן פון די אויטאָ־רערן, האָבן געמאַכט מיד און געלייגט זיך מיט אַ נעפּל פאַר די אויגן. דאָריס האָט געפילט ווי אַ שלעפערדי־ קייט צעגייט זיך איבער איר גאַנצן קערפּער און נעמט ביי איר אָפּ די קראַפט פון די הענט און פיס. ווי גערן וואָלט זי געלאָזט שטיין ערגעץ דעם אויטאָ, און געלאָזט זיך לויפן צו דער פּלאַזשע, וואָס איז אײנגאַנצן אַ שפּרונג פון דאָ. זי וואָלט זיך אַרייַנגעוואָרפן אין די כוואַליעס און געלאָזט זיך שווימען, שווימען; זי פאָרויס, און פּאַ־ טריק — נאָך איר. און דערנאָך וואָלט זי זיך געיאָגט מיט אים אי־ בער די זאַמדן, זי פאָרויס, ער — נאָך איר. און לסוף: בלייבן שטיין, לאָזן זיך כאַפּן און פאַלן צוזאַמען אויף דער ערד און קייקלען זיך צוזאַמען אין ים אַריין. שווימען, שווימען. און ווידער אַרויס. פאַלן אויפן זאַמד, און — ער סאָפּעט אַריין זיין מידקייט אין אירע ברוסטן...

א קלונג פונעם דערנעבנדיקן שטאָטראַט־זייגער האָט זי פּלו־ צים אַרויסגעריסן פון די מחשבות. איין קלונג. נישט מער. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז איינס אַ זייגער דאַרפן זיין נייע ראַדיאָ־מעסאַזשן פון דער אַרמיי, האָט זי גיך אַ דריי געטאָן דעם קנאָפּ. דער ספּי־ קער האָט דערציילט וועגן פאַרראַט פון מאַרשאַל פּעטען, וועגן אָפּפאַל פון דע־גאָלן, וועגן טשערטשילס ווענדונג צום פראַנצויזישן פאָלק, וועגן פאָרויסמאַרש פון דייטשן מיליטער, וועגן דער צוגעזאָגטער הילף פון רוזוועלט, וועגן דער מאָביליזאַציע פון גאַנצן פאָלק פון

די בריטישע אינדזלען און פון קאַמאַנוועלט, וועגן דעם פעסטן באַשלוס פון די פראַנצויזישע קאָלאָניעס ממשיך צו זיין דעם קאַמף.

מאַרק און פלאָריאַן האָבן אָנגעשפּיצט זייער געהער. דאָריס איז געזעסן גלייכגילטיק. זי האָט געוואָלט, אַז דער ספּיקער זאָל ווי אַמשנעלסטן ענדיקן די נייעס און אַריבערגיין צו די מעסאַזשן. אַט פאַלן נעמען. זי האָט אָפּגעשטעלט דעם מאָטאָר, כדי צו הערן דייטלעכער. זי האַלט אויף דעם אָטעם. מען מיינט נישט זי. מען מיינט נישט זי. נייז...

אָבער יאָ, מען מיינט יאָ זי. זי הערט קולות, געוואַלדן, קללות, וואָס קומען פון הינטן. מען שרייט צו איר, מען זידלט זי, וואָס זי האָט אינמיטן דרינען אָפּגעשטעלט דעם אויטאָ. עמיץ קלאַפּט מיט דער פויסט און דראָט איר, אַז ער וועט אויסהאַקן אַלע שויבן, אויב זי פאָרט נישט ווייטער.

האָט זי געלאָזט לויפן דעם מאָטאָר. אינצווישן איז דער ספּיקער אַנטשוויגן געוואָרן. און עס רעדט ווידער דע־גאָל. זי האָט פאַרמאַכט דעם ראַדיאָ מיט כעס און אַ פעסטן קוועטש געטאָן דעם פעדאַל. דער אויטאָ האָט אַ שפרונג געטאָן פאָרויס, און שיעור נישט צונויפגעקלאַפּט זיך מיטן אויטאָ, וואָס איז געווען פאַר איר.

13

ביים אַרויספאָרן פון ביאַריץ איז זייער אויטאָ פאַרהאַלטן געוואָרן. אַ פּוילישער קאָלאָנעל, מיט דיקע וואָנסעס, וואָס האָבן פאַרשטעלט אַ טייל נאָז, האָט קאָמאַנדעוועט אויף אַ געבראָכענעם פראַנצויזיש. דער וועג קיין סען־זשאַן־דע־ליז איז דערלויבט אויסשליסלעך פאַר מיליטערישע אויטאָס, פאַר מיליטער־לייט און פאַר מענער, וואָס פאָרן קיין ענגלאַנד ווייטער קעמפן.

מאַרק און פלאָריאַן האָבן אים דערלאַנגט זייערע מיליטער־ישע ביכלעך.

דאָריס האָט זיך פאַרטיידיקט, אַז זי איז אַ בריטישע בירגערין.

דער קאָלאָנעל וויל פון גאָרנישט וויסן: באַפעל איז באַפעל! די זעלנער קאָנען פאָרן, זי — נישט!

— אַזאַ באַפעל האָט איר פון לאָנדאָן, פון מיין רעגירונג? האָט זי געפרעגט מיט אַן אויפגערעגטן קול.

— ניין, פון גענעראַל שיקאָרסקי, וואָס איז אויך אין לאָנדאָן.

— איך בין אַ כלה פון אַ בריטישן אָפיציר, וואָס האָט געקעמפט און איז פאַרשוואונדן אין דונקערק. איך וועל זיך באַקלאָגן אויף אייך און מען וועט אייך אַרויסטרייבן פון ענגלאַנד.

— איר מוזט פאַרשטיין, מאַדמואַזעל, אַז פאַר יעדן אָרט אויף די זעלטענע שיפן גייט אַן אַ העפטיקער קאַמף, און פאַר יעדן זעלנער, וואָס איך וועל ברענגען קיין ענגלאַנד וועט מיר קומען אַ מעדאַל, און נישט קיין שטראָף... און אויב מיר ווילן מאַכן אויסנאַמען, וועלן נישט פעלן קיין כלות, קיין פרויען, קיין מאַמעס, קיין שוועסטערס פון סאָלדאַטן, און קיין אַרמיי וועלן מיר נישט האָבן...

זי איז אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין.

— אויך טרערן קאָנען אונדז נישט רירן, מאַדמואַזעל. באַפעל איז באַפעל. די רעשטלעך פון דער פוילישער אַרמיי, וואָס האָט געקעמפט זייט ביי זייט מיט די אַליאירטע כוחות, מוזן אויפגעלאָדן ווערן, ביז צום לעצטן. מיר האָבן נישט קיין אַנדערע ברירה. אויב די דייטשן וועלן אונדז כאַפּן, וועלן זיי אונדז אויסשיסן. זיי האָבן צו אונדז אַ גרעסערן האַס ווי צו די פראַנצויזן. זיי טרעטן אויף אונדזער פאָטערלאַנד שוין צען חדשים אומברחמנותדיק און זיי באַהאַנדלען די פּאָלאַקן ווי קנעכט, ווי שאָף. אָבער דער פוילישער אָדלער לעבט און קעמפט ווייטער, ביז צום לעצטן פּאָלאַק. פאַר אונדזער און אייער כבוד...

די צוויי חברים האָבן אים כסדר געוואָלט איבעררייסן, אָבער ער האָט זיך אַזוי פאַרכלינעט מיט די רייד, אַז זיי האָבן נישט געקאָנט קומען צום וואָרט. צוויי פראַנצויזישע מיליטער־לייט, דערונטער אַן אָפיציר, האָבן אים אַריינגערעדט אין אויער, אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזט איבערצייגן.

— עס מוז הערשן דיסציפּלין! האָט דער קאָלאָנעל ווידער זיך אָנגעהויבן היצן. די קלאָג איז טאַקע, וואָס די פראַנצויזישע אַרמיי האָט געזינדיקט אויף דעם געביט. אויך ביי אַ קאַטאַסטראָפע מוז הערשן דיסציפּלין. אין דעם ליגט דער זאָמען פון צוקונפטיקן נצחון.

מאַרק און פלאָריאַן זענען אַרויס פון אויטאָ און גענומען רעדן

צו אים אין פויליש, גערעדט צו זיין געוויסן. ער האָט נישט געוואָלט הערן.

די אויטאָס פון הינטן האָבן זיך גענומען רעוואָלטירן, שרייען, שעלטן. אַ טשעכישער אָפיציר איז אַרויסגעלאָפן פון זיין אויטאָ און אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער, אַנשטעלנדיק אים אַמאָל צו דער ענג־לענדערין, אַמאָל צום קאַלאָנעל און אַמאָל צו זיין אייגענעם האַרץ. עס איז געקומען אַ טשעכישער זעלנער מיט אַ מאַשין־געווער. באַלד האָבן זיך באַוויזן עטלעכע פּוילישע זעלנער מיט מאַשין־געווער, גרייט צום שיסן. עס האָט זיך געמאַכט אַ מהומה. די שנאה צווישן די פּאָ־לאַקן און די טשעכן האָט שיעור נישט צעפלאַקערט אַ מלחמה צווישן זיי. עטלעכע מאַשין־סאַלוועס זענען געפאַלן אין דער לופטן. עטלעכע פעסטע הענט האָבן אַ כאַפּ געטאָן דעם אויטאָ און אים אַ שליידער געטאָן אין אַ זייט, אויפן טראָטואַר אַרויף. ערשט דעמאָלט האָבן זיך די געמיטער געשטילט. די אויטאָס האָבן געריררט פון אָרט און פאַר־בייגעפאָרן מיט געפייף, מיט זידלעריי, מיט ווילדקייט.

די צוויי חברים זענען געשטאַנען כסדר נעבן קאַלאָנעל און אין אים אַריינגערעדט. אַריינגערעדט. אַרגומענטירט. ער האָט זיי אָפּגע־שטויסן, געטריבן פון זיך.

— דער כבוד פון אַ פרוי איז טאַקע שיין, האָט ער גענומען שרייען, אָבער דער כבוד פון אַן אַרמיי איז נאָך שענער, נאָך חשו־בער. געזעגנט זיך מיט איר און כאַפּט זיך אַרויף אויף אַ פאַרביי־פאָרנדיקן אויטאָ. אָדער לאָזט זי אַראָפּ און פאָרט ווייטער מיט איר אויטאָ, אָבער אָן איר. ער האָט אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער: דאָס איז אַ באַפעל!

מאַרק האָט צוגעלייגט זיין האַנט צו זיין רעוואָלווער, אָבער ער האָט אים נישט אַרויסגעצויגן.

— ווען עס איז פאַראַן צייט און ווען די לאַגע איז נישט אַזעלכע ווי זי איז, פּאַניע פּולקאָווניקו, וואָלט איך אייך אַרויסגערופן אויף אַ דועל, האָט מאַרק אויסגערופן אַרויסרופעריש.

דער קאַלאָנעל האָט זיך אָנגעצונדן און צוגעשטעלט דעם רע־וואָלווער צו מאַרקס ברוסט. מאַרק האָט אָפּגעשטויסן זיין האַנט, אָפּ־געשפּרונגען און אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער.

— וו איז די שפּריכווערטלעכע פּוילישע ריטערלעכקייט, פּאַ־ניע פּולקאָווניקו, האָט ער אים געפרעגט מיט צאָרן.

— איך וואָלט אײַך אָוועקגעלייגט ווי אַ הונט, האָט ער זיך גע־וואָרפֿן פֿאַר כּעס. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט צו מאַרקן מיטן רוקן, אַ שפּיי געטאָן און אויסגערופֿן מיט שפּאָט: נישט ביי אַ ייִד וועט אַ פּוילישער אָפֿיציר זיך לערנען ריטערלעכקייט!

מאַרק האָט אויסגעשאָסן. דער קאָלאָנעל האָט זיך אַ וואַקל גע־טאָן און געפֿאַלן מיטן פּנים אַראָפּ. מאַרק האָט אים נאָכגעוואָרפֿן אַ שפּיי.

די קויל האָט אים נישט געטראָפֿן. מאַרק איז געווען צופֿרידן פֿון זיין ספּאָנטאַנער רעאַקציע און נישט ווייניקער אויך וואָס די קויל האָט געטראָפֿן דערנעבן.

עטלעכע פֿראַנצויזישע זעלנער זענען צוגעלאָפֿן, אונטערגעהויבן דעם קאָלאָנעל און אים אָוועקגעלייגט אַ ציטערדיקן אויפֿן טראָטואַר, מיטן פּנים אַרויף. זיי האָבן אויפֿגעקנעפּלט דעם מונדיר, אַרומגע־טאַפּט, און זעענדיק, אַז ער איז נישט פֿאַרוווּנדעט, געלאָזט אים ליגן. עטלעכע פּוילישע זעלנער האָבן זיך געוואָרפֿן אויף מאַרקן, צוגענו־מען ביי אים דאָס געווער און געקלאַפּט מיט אים אין זיין קאָפּ, זיין רוקן. פֿלאָריאַן, וואָס האָט פֿאַרטיידיקט זיין חבֿר, האָט אויך באַקו־מען קלעפּ. דאָריס איז אַרויס פֿון אויטאָ און גענומען זיי אָוועקרייסן פֿון אים, דראַפּען מיט די נעגל, בייסן און זעצן מיט די פֿיס ווי אַ ווילדע. די פֿאַרבייפֿאָרנדיקע אויטאָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַ רגע, זיך צוגעקוקט צום געשלעג און געמאַכט חוזק־באַמערקונגען.

מאַרק איז געלעגן אויף דער ערד אַ פֿאַרחלשטער פֿון די קלעפּ. דער קאָלאָנעל איז געשטאַנען נעבן אים און זיך פֿאַרקנעפּלט זיין מונדיר. ער איז געשטאַנען און געלאַכט, אונטערברומענדיק ע־פּעס אין די וואָנסעס אַריין. איינער פֿון די פּוילישע זעלנער האָט אים דערלאַנגט מאַרקס רעוואָלווער. ער האָט אַ לאַך געטאָן אויפֿן קול, זיך אַראָפּגעבויגן און צוגעשטעלט די לופֿע צו דער שלייף פֿון פֿאַרחלשטן זעלנער.

פֿלאָריאַן און דאָריס האָבן אַרויסגעלאָזן אַ ווילדן געשריי און געריסן זיך צו גיין צוהילף זייער חבֿר. די פּוילישע זעלנער האָבן זיי געהאַלטן פֿעסט און נישט געלאָזט.

דער קאָלאָנעל האָט זיך צוריק אויפֿגעשטעלט און אויסגערופֿן מעשׂה טריאומפֿאַטאָר:

— אַט האַסטו פּוילישע ריטערלעכקייט. איך וואָלט דיך געקאָנט אַוועקלייגן מיט דיין אייגענעם געווער. אָבער ניין, איך שיס נישט אין אַ פאַרחלשטן.

פלאָריאַן און דאָריס זענען צוגעלאָפן און גענומען טרייסלען מיט זייער חבר, מונטערן אים. דאָריס איז אַרויפגעפאַלן אויף זיין פּנים און גענומען עס באַגיסן מיט טרערן.

דער קאָלאָנעל האָט באַפוילן מען זאָל אַריינוואַרפן דעם פאַר־חלשטן אינעם אויטאָ, און איינעם פון זיינע זעלנער געגעבן אַ באַ־פעל זיך צו זעצן ביים רעדל, אָפפירן דעם אויטאָ אין אַ זייטיק געסל, און היטן, אַז זיי זאָלן נישט אַוועקפאָרן צוזאַמען מיט דעם ענגלישן מיידל. ער מאַכט אים פערזענלעך פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר.

בעתן שלעפן, איז מאַרק געקומען צו זיך. ער האָט אויפגעעפנט ברייט די אויגן. נעבן אָפענעם פענצטער איז געשטאַנען דער קאָלאָ־נעל. מאַרק האָט צוזאַמענגענומען די אָפגעפונענע כוחות און אויס־געצויגן אַ פויסט אין זיין זייט. דער קאָלאָנעל האָט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל געטאָן. ער האָט זיך אַריינגעבויגן צו אים מיטן רעוואָלווער. זיין האַנט האָט געציטערט. פלוצים איז זיין געלעכטער געוואָרן ווילד:

— כאַ, כאַ, כאַ. פּשיאַקרעוו! נאַ, נעם דיר דעם רעוואָלווער צו־ריק. דו געפעלסט מיר. אַזעלכע סאָלדאַטן דאַרפן מיר. אַזעלכע יידי־שע קעמפער זענען אונדז נויטיק. נאַ, נעם דיר צוריק דיין געווער. און זע וואָס הייסט אַזוינס פּוילישע ריטערלעכקייט, פּשיאַקרעוו כאַ־לעראַ!

ער האָט אַריינגעוואָרפן דעם רעוואָלווער אין אויטאָ און באַ־גלייט דעם רעש פון מאָטאָר מיט נאָך אַ הילכיקער געלעכטער.

14

עס האָט שוין גענומען ווערן שפּעט. פלאָריאַן איז געזעסן פון פאָרענט. מאַרק איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן געזעס, מיטן קאָפּ אויפן שויס פון דאָריס.

ער האָט געהאַט אַ גרויסע בייל אויפן קאָפּ, אַ קלענערע אויפן שטערן און עטלעכע ראַץ־ווונדן אויפן פּנים. ער האָט געהאַט צוריק־געוווּנען זיין באַוווּסטזיין. ער איז געווען צעשלאָגן און געפילט אַ ווייטיק אין אַלע גלידער.

פון די שכנותדיקע הייזער האָבן פרויען געבראַכט הייסע קאַ־פע, פּרוכטן און עפּעס צום עסן פאַרן פאַרווונדעטן און אויך פאַר זיי־נע באַגלייטער. זיי האָבן געבראַכט אַלקאָהאָל צו רייניקן די ווונדן און באַנדאַזשן, וואַרעם וואַסער זיך אַרומצוּוואַשן.

דאָריס האָט כסדר געהאַט טרערן אין די אויגן און פון צייט צו צייט איז זי צוגעפאַלן צו מאַרקן, אים געקושט, געלעקט זיינע ביילן מיט דער צונג. ער האָט געפילט ווי דער ווייטיק מישט זיך אויס מיט אַ הנאהדיקן ציטער. די אויגן זיינע האָבן געבעטן ביי איר נאָך.

זעענדיק ווי ער ליידט, האָבן די פרויען געבראַכט אַספּירין, און אַ פאָמאַדע צו מאַסירן.

דאָריס האָט אַראָפּגעצויגן פאַמעלעך דעם מונדיר זיינעם, אַז עס זאָל נישט אַרויסרופן קיין אומנויטיקע שמערצן אינעם אַקסל, דער־נאָך אויסגעטאָן פאַרזיכטיק זיין העמד, און גענומען מאַסירן די ער־טער, וואָס האָבן אים אַממערסטן וויי־געטאָן.

זי האָט עס געטאָן מיטן גאַנצן האַרץ. זי האָט געפילט אַ שטאַר־קן מיטלייד און דאַנקבאַרקייט צו דעם מענטש, וואָס האָט זיך איינ־געשטעלט פאַר איר, און עפּעס אַ נאָענטקייט, ווי זי וואָלט אים גע־קענט וועער ווייס ווי לאַנג. זי האָט געפילט, אַז מיטן צוריר פון איר האַנט פאַרקלענערט זי זיינע שמערצן און עס רינט אויס צוביסלעך דער וויי־גרימאַס פון זיין פּנים. און ווען זי איז געוואָרן מיד פונעם רייבן, האָט זי גענומען גלעטן זיין הויט און פירן לייכט איר האַנט איבער זיין באַהאָרטן פאַרענט.

דער פאַרענט פון פאַטריקן איז אויך געווען אַ האריקער, נאָך מער ווי ביי מאַרקן. ער האָט ליב געהאַט, אַז זי זאָל גלעטן זיין ברוסט און ציפּן די לאַנגע האָר, אַ גלעט און אַ ציפּ, אַ גלעט און אַ ציפּ. ביי יעדער אַרויסגעריסענער האָר, האָט ער אויסגעשריגן פון הנאה: „איי, דאַרלינג; נאָך איינע, דאַרלינג; נאָך איינע!" און ער פלעגט זי אַרומנעמען מיט זיינע פעסטע הענט און זוכן די באַהאָרטע טיילן פון איר קערפּער און אויך נעמען גלעטן, ציען, ציען ביי די האָר, און נאָכטון דאָס זעלבע וואָס זי...

עס האָט געגומען צופאַלן דער אָונט. די אויבערשטע שויבן פון די הייזער אינעם שמאָלן געסל האָבן אויפגעכאַפּט פאַרבלאָנד־זשעטע שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון און אויסגעזען ווי שטיקער ים ערב־שקיעה.

עס איז געקומען אַ פרישער זעלנער מיט אַ מאַשין־ביקס צו פאַרבייטן דעם פריערדיקן. ער האָט זיך געשטעלט אויף דער וואַך נעבן אויטאָ אין אַ פּאָזיציע פון גרייטקייט צו באַנוצן זיך מיטן געווער, אויב עס איז נויטיק.

זיי האָבן דערוואַרט אומגעדולדיק די נאַכט, כדי צו קאָנען רעאַליזירן זייער פּלאַן. ווינאַר עס וועט ווערן גוט פינצטער, וועט זי אַרויס פון אויטאָ און זיי וועלן ווייטער פאָרן. דעמאָלט וועט דאָך דער היטער גאָרנישט האָבן דערקענען. זיי וועלן אָפּפאָרן צוויי קילאָמעטער הינטער דער שטאָט און דאָרטן וואַרטן אויף איר. אונטער דער שוץ פון דער נאַכט, וועט זי, דורך זייטיקע וועגן, צווישן גראָז, זיך אַרויסגנבענען און קומען צום אויטאָ. אַלע אויסגענג פון דער שטאָט ווערן דאָך נישט געהיטן.

ווען מאַרק איז נישט צעקלאַפּט און עס קומט אים נישט אָן שווער צו גיין, און ווען פלאָריאַן הינקט נישט אונטער צוליב אַ זעץ אין אַ קנעכל, וואָלטן זיי איבערגעלאָזן דעם אויטאָ צוזאַמען מיט זייער באַגלייטערין און געלאָזט זיך צופוס, אָדער אויפגעכאַפּט זיך אונטערוועגס אויף אַ פאַרבייפאָרנדיקן וואָגן. עס איז אָבער געווען אויך אַ פראַגע פון באַוועגן זיך דאָרטן, אין סען־זשאַן־דע־ליז. מסתמא וועט דאָרטן אויך אויסקומען צו לויפן פון איין אָרט צום צווייטן. און דערנאָך האָט זיך דאָך געשטעלט די פראַגע פון צוריקפאָרן קיין באַיאָן: אפשר איז דבורה דערוויל אָנגעקומען? מען קען זי דאָך נישט לאָזן אַליין, אויף הפקר אין אַ פרעמדער שטאָט און ביי אַזאַ לאַגע!

פלאָריאַן האָט אַפילו געמיינט אַ רגע אַליין צו פאָרן, דערלײדיקן דאָרטן פאַר זיך און פאַרן חבר און צוריקקומען. אָבער זעענדיק ווי מאַרק ליגט הינטן אויסגעצויגן אויפן געזעס, מיטן קאָפּ אין דער שויס פונעם מיידל און מיט וואָס פאַראַ צערטלעכקייט זי באַציט זיך צו אים, האָט ער גאָר גיך אויפגעגעבן דעם פּלאַן...

— און וואָס וועט זיין, אַז עס וועט מיר נישט געלונגען, מען וועט מיך כאַפּן? האָט דאָריס געפרעגט אַ באַזאָרגטע.

— איר קענט דאָך אַזוי גוט די שטאָט, ווי שייך וועט איר נישט געפינען עפּעס אַ פאַרבאָרגענעם אַרויסגאַנג.

— דאָריס איז גערעכט, האָט מאַרק געזאָגט. עס קאָן זיין אויך אַן אַנדערע עחענטואַליטעט. עס איז דאָך הפקר־צייט, וועלן מענטשן זען אַן איינזאַמע, יונגע פרוי, נו ווער ווייס...

— שטותים! האָט פלאָריאַן געענטפערט קורץ.

— מיר האָבן דאָך ערשט געזען דעם ביישפּיל מיט דער קעל־נערקע...

— און וואָס וועט זיין, האָט דאָריס געפרעגט מיט אַ ציטער, אַז איר וועט באַלד דאַרפן נעמען די שיף? וואָס וועט זיין מיט מיין אויטאָ?

— ווי עס זאָל נישט זיין, מוזן מיר דאָך צוריקפאָרן קיין באַיאָן צוליב דבורהן, האָט פלאָריאַן געענטפערט. אפשר וועט זי איינצווישן אָנקומען? מיר האָבן דאָך באַשטעלט אַ וויזע פאַר איר.

— זאָרגט זיך נישט וועגן דעם, האָט מאַרק צוגעגעבן. אונדזער אָרט אויף אַ שיף שטייט נאָך אונטער אַ גאָר גרויסן פראַגע־צייכן...

— איר זייט דאָך זעלנער, האָט דאָריס זיי צוגעגעבן מוט. ווער דען, אויב נישט יונגע זעלנער פון פראַנט אַראָפּ?

— יאָ, דאָריס, איר האָט דאָך ערשט געזען אַ ביישפּיל מיטן פּוילישן קאָלאָנעל. אויב ביי די שיפן זאָלן קאָמאַנדעווען אַזעלכע פאַרשוינען, אַזעלכע ראַסיסטן, קאָן מען גאָרנישט וויסן... דעמאָלט וועלן מיר במילא מוזן ווי אַמגיכסטן צוריקפאָרן קיין באַיאָן, צום קאָנסול וועגן אַ וויזע.

— ווי עס זאָל נישט זיין, האָט פלאָריאַן געזאָגט מיט אַן אַנט־שלאָסענעם קול, לאָמיר זיך געבן אַ ראַנדעוו־וו, דאָ ערגעץ, אין פאַל ווען איר, דאָריס, באַווייזט נישט אַרויסצוגנבענען זיך פון שטאָט. איר וועט וואַרטן אויף אונדז אויף אַ באַשטימטן אָרט און מיר זאָגן אייך צו, ווי עס זאָל נישט זיין, צוריקצוקומען.

— גוט, האָט דאָריס מסכים געווען. ביים האָטעל די פּאַלעי... נייך, בעסער — ביים מיראַמאַר־האָטעל, אָדער אויף דער דערנעבנדי־קער פּלאַזשע...

— דעצידירט זיך, דאַריס, מיר מוזן האָבן אַ גענוי־באַשטימטן אָרט, נישט צו פאַרלירן קיין צייט ביים זוכן אין אַן אומבאַקאַנטער געגנט.

— איך וועל שוין וואַרטן אויף אייך, וועל איך זוכן.

— ניין, נישט גוט אַזוי, מיר מוזן האָבן אַ פּרעציזן פּונקט.

— אויב איר וועט מיך נישט געפינען דאָרטן, זוכט מיך ביים פּאַר, ביים ליכט־טורם, מען זעט אים אַרויס פון אַלע זייטן, אַפילו בעת דער פינצטערסטער נאַכט.

זי האָט געהאָלפן מאַרקן אַנטון דאָס העמד און דעם מונדיר און אים אַ קוש געטאָן אין שטערן. זי האָט זיך צוגעבויגן צו פלאָריאַ־נען און צוגעדרוקט זיין קאָפּ צו אירע ברוסטן. און איז אַרויס פון אויטאָ.

— מיר וואַרטן אויף אייך גענוי צוויי קילאָמעטער הינטער דער שטאָט, האָט פלאָריאַן דערמאָנט לאָזנדיק דעם מאָטאָר.

— מיר וועלן וואַרטן ביז איר וועט קומען, האָט מאַרק צוגע־געבן.

— מיר וועלן וואַרטן צוויי שעה אויף אייך. דאָס איז גענוג אויף אַרויסצורייסן זיך אַפילו פון אַ באַלאַגערטער פעסטונג.

— ניין, דאָס איז צו לאַנג, איר וועט פאַרלירן צופיל צייט; יעדע רגע רעכנט זיך דאָך איצטער. וואַרט אויף מיר נישט לענגער ווי אַ האַלבע שעה. אויב איך קום נישט, זייט איר פריי, בלייבט אונדזער ראַנדעוווּ ביים ליכט־טורם. אָבער געדענקט, אַז דער אוסטין איז דאָס איינציקע וואָס בלייבט מיר פון פּאַטריקן.

— אַ שעה, האָט מאַרק געפּרוווט זיך דינגען.

— ניין, קיין רגע נישט מער. פאָרט און זייט מצליח! גאָד בלעס יו.

הערנדיק ווי דער מאָטאָר באַוועגט זיך, איז פּלוצים אויסגעוואַקסן נעבן זיי דער וועכטער מיטן געווער. ער האָט אַריינגעקוקט אינעם אויטאָ, זעענדיק, אַז דאָס מיידל איז נישט מער דרינען, האָט ער גע־געבן אַ מאַך מיט דער האַנט און אַ באַפרייטער פון אַ שווערן עול, האָט ער אַ שפּיי געטאָן אין דער לופטן.

15

זיי האָבן זיך נישט געאײַלט, סײַדן װעלן זײ דאָך דאַרפֿן װאַרטן. עטלעכע מיליטערישע אויטאָס האָבן זיי איבערגעיאָגט און געוווּנדערט זיך, וואָס דער אוסטין בלײַבט כּסדר הינטערשטעליק. מסתּמא אַ דע־פֿעקט אינעם מאָטאָר.

און נאָך איז געווען אַ סיבה, וואָס פֿלאָריאַן האָט נישט געקאָנט פֿעסט אַרײַנקוקן דעם גאַז־פּעדאַל, צוליבן ווייטיק פֿון קנעכל. מאַרק איז געווען צופֿרידן פֿון לאַנגזאַמען פֿאָרן, ווײַל ערשט איצט בעתן וואַרפֿן זיך פֿונעם וואָגן, האָט ער געגומען, פֿילן אמתע ווייטיקן איבער זײַן גאַנצן לײַב. עס האָט אים געצויגן אין דער פּלייצע, ווי ער וואָלט דאָרטן געהאַט אַ מכּה ערב רײַף־ווערן; די בייל אויפֿן קאָפּ האָט געריסן, ווי מען וואָלט דאָרטן צוגעשטעלט אַ טוץ פּיאַווקעס, וואָס נאָגן דאָס בלוט. ערטערווײַז האָט געציטערט אָן אָדער און גע־געבן דאָס געפֿיל ווי עטלעכע שפּיציקע פֿינגער וואָלטן אים כּסדר געשנעלט. פֿון צײַט צו צײַט האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַ מוסקל אי־נעם הינטער־חלק און אַ ציטער איז זיך צעגאַנגען ביז אונטער דער קני. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס זענען פֿאַרבײַגייענדיקע פֿאָלגן פֿון די זעץ, די קאָנטוזיעס, און ער איז געווען זיכער, אַז דאָס וועט אַדורך; עס דאַרף זיך נאָר אויסשטיך. עס האָט אים פֿאַרדראָסן צוליב דעם, וואָס איצט איז נישט די פּאַסיקע צײַט דערפֿאַר. נישט איצט איז דער מאָמענט צו הינקן און זײַן געשטערט אין די באַוועגונגען. און נישט איצט איז אויך די צײַט צו היילן זיך.

פּלוצים האָט ער דערפֿילט ווי די ווייטיקן ווערן מילדער, ווי עפּעס דורך אַ כּישוף. ער האָט זיך אויפֿגעזעצט. רעכטס פֿון וועג האָט ער געזען מטושטשע קאָנטורן פֿון אַ בענזין־סטאַציע, אָן לעבן, אָן ליכט, אָן באַדינער. ער האָט געשמייכלט. דער אוסטין איז געשטאַ־נען מיט בײדע זײַטיקע רעדער אויפֿן גראָז נעבן וועג, און געוואַרט.

— צי מיינסטו, מאַרק, אַז זי וועט קומען?

— איך האָב נישט דעם איינדרוק. פון אירע לעצטע רייד איז געווען צו זען, אַז גיכער נישט. עס ציט זי אַהין צום האָטעל, צו דער פּלאַזשע, ווו זי האָט פאַרבראַכט דעם וואַקאַנס מיט איר פּאַטריקן, זי לעבט דאָך נאָר מיט זכרונות.

— איך האָב זיך גאָרנישט פאַרגעשטעלט, אַז די ענגלענדערינס האָבן אַזאַ היציק בלוט. מען האָט זיי אונדז תמיד געמאָלן אַלס קאַלטע באַשעפענישן, ווי פיש. דערווייל זע איך, אַז זיי איבערשטייגן די הייס־געזאָטנסטע פראַנצוזקעס...

— קודם, פלאָריאַן, איז זי נישט קיין ענגלענדערין, נאָר אַ סקאָטלענדערין. דו ווייסט דאָך ווי עמפּינדלעך זי איז אויף דעם דאָזיקן פונקט. און צווייטנס, איז זי מסתמא דער אויסנאַם, וואָס באַשטעטיקט דעם כלל.

— נו, מיר וועלן מסתמא האָבן גאָר אינגיכן די מעגלעכקייט, דאָרטן, זיך איבערצוצייגן אויף לעבעדיקע ביישפּילן.

— הלוואי, האָט מאַרק געזאָגט מיט אַ זיפץ. ווי האַלט מען שוין דערביי...

— און וואָס וועט זאָגן דיין דבורה? האָט פלאָריאַן געפרעגט מיט אַ שמייכל. און תיכף פאַרראַכטן: אונדזער דבורה.

— ביסט גערעכט, האָט מאַרק זיך צוריקגעכאַפּט. עס גייט אייגנטלעך אינעם בלויזן פאַקט צו זיין דאָרטן, אַהינצוקומען בשלום. און נאָך אַ רגע האָט ער צוגעגעבן: אָבער אין מאָמענט ווען דו זאָגסט אונדזער דבורה, וועט עס דאָך דיך אויך זיין מחייב...

— דו האָסט מיך שלעכט פאַרשטאַנען, האָט פלאָריאַן איראָניזירט. איך האָב מכוון געווען די מאָדעלקעס, די ענגלישע פרויען, וואָס וועלן פאַר מיר פּאָזירן...

— און איך האָב אין פלוג מכוון געווען די פּאַציענטקעס מיט וועלכע איך וועל דאָרטן האָבן צו טון... איז מאַרק אים נישט געבליבן שולדיק.

— זאָג וואָס דו ווילסט, האָט פלאָריאַן געזאָגט מיט אַ געלעכטער און אויסגעדרייט צו אים דעם קאָפּ. איך וואָלט דיך בשום אופן נישט געוואָלט אויסשטעלן אויף אַ נסיון. איך האָב אָקאָרשט געזען ווי דו האָסט דיך אויפגעפירט ווי אַ פּאַציענט... איך גלויב, אַז די דאָריס וואָלט דיך געקאָנט מאַכן פאַרגעסן אין...

— ניין, פלאָריאַן, פאַרענדיק נישט דעם זאַץ, איך בעט דיך.
— נו, זאָל זיין.

אַן אויטאָ האָט געגומען פייפן און פארבייגעפאָרן גיך, ווי בעת אַ וועט־געיעג, מאַכנדיק ציטערן זייערע געזעסן. פון דער ווייטנס האָט זיך געשפרייט דער ים און זיך באַהאַפטן מיט די וואָלקנס. דאָרט וווּ זיי האָבן זיך באַגעגנט, האָט די לבנה פאַרצויגן אַ זילבערנע שייד־ליניע.

16

ביים אַריינפאָר אין סען־זשאַן־דע־ליז האָט מען זיי פאַרהאַלטן. זיי האָבן געוויזן זייערע מיליטערישע פאַפּירן. אַ מיליטער־מאַן, מיט דער ראַנגע פון אַ פוילישן סערזשאַנט, איז אַריין אין אויטאָ, האָט אָפּגעשטופּט פלאָריאַנען אין אַ זייט און געזעצט זיך ביים רעדל.

— וווהין פירט איר אונדז? האָט פלאָריאַן געפרעגט.

נישט באַקומענדיק קיין תשובה, האָט ער אים געפרעגט דאָס זעלבע אין פויליש.

— מיר ווילן צום פּאָרט, האָט מאַרק געזאָגט.

— אַלע ווילן צום פּאָרט, האָט דער סערזשאַנט געענטפערט טרוקן.

פלאָריאַן האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט ביי זיך אַ פּעקל ציגאַרעטן, האָט ער עס צוגערוקט אים צו זיין האַנט, און געפרעגט:

— ווען גייט אָפּ די נאָענטסטע שיף?

דער פּאָלאַק האָט געטאַפּט דאָס פּעקל, וואָס ווערט אים דערלאַנגט, אַריינגעלייגט אין טאַש און געענטפערט קורץ:

— פרעגט טשערטשילן!

— און ווען וועט אָפּגיין די לעצטע שיף? האָט מאַרק געפרעגט.

— פרעגט טשערטשילן!

פלאָריאַן האָט אָנגעכאַפּט דאָס רעדל און נישט געלאָזן ווייטער פאָרן:

— ווו פירט איר אונדז? מיין חבר איז פאַרווונדעט, ער קאָן קוים גיין. מיר קאָנען זיך נישט דערווייטערן פון פאָרט.

— אַ קריגס־פאַרווונדעטער? האָט ער געפרעגט.

— יאָ, האָבן בײדע געענטפערט מיטאַמאָל.

— טאָ, ווי וועט ער זיך דראַפּען אויף דער שיף אַרויף, אין אַזאַ פאַל? האָט ער געפרעגט מיט אַ געפיל פון רחמנות. דאָ איז אַ פּי־ער־פאָרט און די ענגלישע שיפן שטייען גאָר וויט, אינמיטן פון ברויזנדיקן ים. קליינע פישער־שיפלעך פירן אונטער און דערנאָך דאַרף מען זיך דראַפּען אויף לייטערלעך אויף אַ גראָדער וואַנט אַרויף.

— איך וועל אים אונטערהעלפן, האָט פלאָריאַן געזאָגט. ער איז דאָך אַ קריגס־פאַרווונדעטער; ער האָט געגעבן זיין בלוט פאַר אונדז אַלעמען, דאַרפן אים אַלע אונטערהעלפן.

מאַרק האָט געגעבן אַ טיפן קרעכץ, בכדי צו באַשטעטיקן זיין חברס רייד. דערנאָך האָט ער גענומען אונטערקרייסן, ווי פון ווייטיק, וועלנדיק אַזוי־נאָך ווייך מאַכן דאָס האַרץ פון סערזשאַנט.

— ער ליידט שטאַרק, האָט פלאָריאַן געזאָגט מיט אַן איבער־גענומענער שטימע און דערלאַנגט דעם שאָפער אַ צונויפגעלייגטן באַנקנאָט.

ער האָט גענומען, געטאַפּט צווישן די פינגער, געווען צופרידן, אַזוי ווי ער וואָלט אָפּגענומען עפּעס אַן אַלטן חוב, אויף וועלכן ער האָט זיך שוין לאַנג מייאש געווען, און געזאָגט:

— איך פיר אייך צו דער קאָמאַנדע, ווו איר וועט זיך דאַרפן געבוי לעגיטימירן און פאַרשרייבן זיך צום אָפּפאָר. און וואַרטן אויף אייער ריי.

ער האָט אַריינגעלייגט דאָס געלט אין טאַש אַריין און געזאָגט מיט באַדויער:

— די ליסטע איז אָבער שוין אַזוי גרויס און די שיפן זענען אַזוי זעלטן, אַז ווער ווייסט צי איר האָט שאַנסן?

— מיין חבר איז דאָך אַ שווער־פאַרווונדעטער, ער דאַרף האָבן פאַרצוג.

מאַרק האָט ווידער גענומען קרעכצן.

— ביי אַזאַ לאַגע, ווו אַלע גייען אַרום אַן קעפּ און די דייטשן זענען אַזוי באַענט, זענען נישטאָ קיין סענטימענטן. מיט דער קומענ־

דיקער שיף פאָרן פראַנצויזן און טשעכן. מיט דער צווייטער שיף פאָרן בלויז פּאָלאַקן. אַזוי איז אָפּגעמאַכט געוואָרן, נאָך לאַנגע קרי־גערייען און אַמפּערנישן, צווישן די קאָמאַנדע־אָפּיצירן.

— און ווען וועלן פאָרן די אויסלענדישע זעלנער פון פראַנצוי־זישן לעגיאָן?

— אַזוי ווי זיי האָבן נישט קיין פאָרשטייער צווישן די קאָמאַנ־דע־אָפּיצירן, איז זייער לאַגע בכלל נישט געלייזט געוואָרן. געווען שוין אַזעלכע פאַלן. מען שטעלט זיי אויף דער רעזערוו־ליסטע און זיי וועלן קומען אין באַטראַכט ערשט דעמאָלט ווען אַלע פּאָלאַקן, פראַנצויזן און טשעכן וועלן האָבן פאַרלאָזט די יבשה...

— וואָס הייסט? האָט פלאָריאַן געפרעגט אַן אויפגערעגטער. מיר זענען דאָך סיי פּאָלאַקן און סיי פראַנצויזישע זעלנער. דאַרפן מיר דאָך פאָרן אָדער מיט דער נאָענטסטער, אָדער צווייטער שיף!

— גיי, זוך יושר. דער פראַנצויז שיקט אָפּ צום פּאָלאַק און דער פּאָלאַק שיקט אָפּ צום פראַנצויז, און אַזוי אָן אַ סוף. קיינער נעמט זיך פאַר זיי נישט אָן; און עס האָבן ביז היינט נישט געהאָלפן קיין פראָטעסטן און געוואַלדן.

— עס איז דאָך אומדערהערט אַזאַ האַנדלונג! האָט פלאָריאַן זיך געוואָרפן.

— אומדערהערט אַהין, אומדערהערט אַהער. אַז זיי האָבן נישט קיין פאָרשטייער אין דער קאָמאַנדע, וואָס זאָל האָבן אויסגעקעמפט זייערע רעכט. דאָ איז דאָך פראַנט־זאָנע, און דיסקוטירן מיט אַ באַ־שלוס העלפט גאָרנישט.

מאַרק האָט שווער געזיפצט. פלאָריאַן האָט אַריינגעשטופּט דעם פּאָלאַק אַ נייעם געלט־בילעט אין דער האַנט:

— טאָ וואָס פאַראַ עצה גיט איר אונדז, הער אונטעראָפּיציר? מיר קענען דאָך דאָ נישט בלייבן, ביי די דייטשן. מיר זענען נאָך, אַלס צולאַג, יידן אויך...

— און מיר קענען בכלל נישט די שטאָט, האָט מאַרק געזאָגט אונטערקרעכצנדיק.

— און ווי איך זע, זייט איר אויסגעקאָכט אין אַלע ענינים, איר קענט אַלע סודות. טאָ, גיט אונדז עפּעס אַ קלוגע עצה. זייט אַ גוי־טער ברודער.

דער פּאָלאַק האָט אַריינגעלייגט דעם באַנקנאָט אין טאַש אַריין, געגעבן אַ קורצן פּיף און נאָכגעלאָזן דעם לינקן פּעדאַל.

דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט. עס איז צו זיי דערגאַנגען אַ רעש פון הילכיקע קולות, קריגערייען, אויסגעשרייען און מיליטע־רישע קללות, אַ געמיש פון דריי שפּראַכן.

— אָט דאָ איז די קאָמאַנדע, האָט דער סערזשאַנט אָנגעוויזן אויף אַ נידעריקן בנין, פון וואַנען עס זענען געקומען די קולות.

פלאָריאַן האָט אָנגעכאַפּט דעם סערזשאַנט פעסט ביי אַן אָרעם און נישט געלאָזט אַרויסגיין. ער איז געבליבן זיצן און מען האָט געזען, אַז ער איילט זיך גאָרנישט צו פאַרלאָזן זיין אָרט.

— זייט אַ ברודער, הער אונטעראָפיציר, האָט מאַרק געבעטן. אויב איר וועט נישט געפינען קיין עצה, זענען מיר דאָך פאַרלוירן. איר זעט דאָך!

דער פאָלאַק האָט לייכט אונטערגעהוסט, געריטשט זיך אַהין און אַהער אויף זיין געזעס און אַ קלאַפּ געטאָן זיין נעבנזיצער אינעם אַקסל:

— יאָ, עס איז פאַראַן אַן אויסוועג, אַ גאָר גוטע עצה. אָבער, אָבער...

— וואָס אָבער? האָבן ביידע חברים געפרעגט מיטאַמאָל.

— אָבער עס מוז קאָסטן געלט. אַ סך געלט. איר זייט דאָך יידן, מוזט איר דאָך האָבן ביי זיך אַ סך געלט.

זיי האָבן נישט געוווסט צי דער אויסוועג קאָסט אַ סך געלט, צי די עצה. אָבער די מעגלעכקייט צו קענען זיך אויסקויפן דאָס לעבן פאַר געלט, האָט זיי ביידן אויפגעהייטערט און אַרויסגעריסן פון דער יאוש־שטימונג.

פלאָריאַן האָט אַרויסגעצויגן עטלעכע באַנקנאָטן פון בוזים־קע־שענע און זיי אים דערלאַנגט אומגעציילט. דער פאָלאַק האָט געציילט דאָס געלט צווישן די פינגער, אַריינגעלייגט אין באַנקנאָט נאָכן צוויי־טן אין טאַש, זיך צוגעבויגן אַ צופרידענער צום אויער פון זיין ביי־זיצער:

— אין אַ הינטער־געסל, דאָ פון הינטן, לינקס, איז פאַראַן אַ קאָפּע, אַ קנייפּע. דאָס איז די איינציקע אין דעם געסל, איר קאָנט זיך נישט טועה זיין. איז עס דער טרעף־פּונקט פון פישערס און קאָנטראַבאַנדיסטן. אַז מען באַצאָלט זיי גוט, פירן זיי אייך אַריבער מיטן ים צו אַ געהיימען פישער־פּאָרט נעבן סאַן־סעבאַסטיאַן. אָדער גאָר מיט די געהיימע קאָנטראַבאַנדע־וועגן אין די בערג, קיין שפּאַ־

ניע. אַ סך יידן זענען שוין אַזוינאָך אַריבער קיין שפּאַניע, רייכע יידן פון פּאַריז. פּרובירט איר אויך אייער מזל אויף אַזאַ אופן. אָבער פּאַר אייער חבר, ווי אַ פּאַרוווּנדעטן, איז גלייכער אַ שיפל; ער וועט דאָך נישט קאָנען קלעטערן אויף די בערג. אָבער געדענקט, איך האָב אייך גאָרנישט געזאָגט. דאָס איז אַ סוד, אַ גרויסער סוד. ווען איר זייט נישט קיין פּאַלאַקן, וואָלט איך עס אייך בכלל נישט געזאָגט. און איך האָב מיטלייד מיטן חבר, וואָס האָט פאַרגאָסן זיין בלוט אויפן פראָנט. טאַקע יידיש בלוט, נאָר מילא... זאָל זיין. אָבער, געדענקט, איך האָב אייך גאָרנישט געזאָגט. געדענקט!

17

מארק האָט צוזאַמענגענומען אַלע זיינע כוחות און אַרויס פּאַמעלעך פון אויטאָ. פלאָריאַן האָט אים אונטערגעהאָלפן, אונטערגעהאַלטן ביים שטעלן די ערשטע טריט.

זיי האָבן באַשלאָסן, אַז מאַרק וועט שפּילן די ראָל פון אַ שווערן מלחמה־פאַרוווּנדעטן און אפשר אַזוינאָך אַרויסרופן מיטלייד ביי דער קאָמאַנדע. קיין אַנדער עצה איז דאָך נישטאָ. זאָלן זיי קודם־כל שטיין אין דער ריי. אפשר וועלן זיי דאָך האָבן מזל? אין ערגסטן פאַל וועלן זיי שטיין אויף דער רעזערוו־ליסטע. איז נאָך אויך פאַראַן אַ שטיקל שאַנס. וואָס קאָן מען וויסן?

זיי האָבן איינצייטיק באַשלאָסן צו גיין נאָכדעם אין דער קנייפּע, לויט די אָנווייזונגען פון סערזשאַנט. טאָפּלט איז שטאַרקער. מען דאַרף שטעלן אויף אַלע קאָרטן. מען האָט דאָך שוין געזען, אַז אַ פּאָקער־שפּילער האָט געווינען די גרויסע באַנק מיט פינף ווילד־פרעמדע קאָרטן, אָן וועלכן עס איז שאַנס מלכתחילה, און דאָס נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס ער איז געווען אַ גוטער שפּילער. ער האָט אויסגענוצט אַ קאָניונקטור, אויסגעפּילט די שטימונגען צווישן די

מיטשפּילער און גינציקע פּסיכאָלאָגישע מאָמענטן, געלייגט געלט, געסטראָשעט און אַלעמען פאַרטריבן, אַפילו די וואָס זענען געזעסן מיט פּולע הענט... ענלעך איז דאָך אויך אויפן פּראָנט.

— פאַראַן פּראָנט און פּראָנט, האָט מאַרק איבערגעריסן די לאָ־גישע אויספירן פון זיין חבר. איך בין תמיד געווען אַ שלעכטער קאָרטן־שפּילער, פלאָריאַן. איך פלעג תמיד גיין מיטן גראָדן וועג. און אויב עפּעס איז נישט געגאַנגען כשורה, פלעג איך פאַרלירן דעם קאָפּ...

— רעדסט שטותים, מיין פריינט. איך האָב געזען ווי גוט דו האָסט דיר אַן עצה געגעבן אויפן פּראָנט דאָרטן, ווען זאַלבעפערט האָבן מיר צעשמעטערט אַ גאַנצן דייטשן פּלוטאָן בראש מיט אַן עס־עס אָפיציר. ווען נישט דו, מיט דיין קאַלטבלוטיקייט, וואָלטן מיר היינט נישט דאָ געווען... און פאַרגעס נישט, אַז מיר זענען דעמאָלט געווען גאַנץ קנאַפּע זעלנער, קוים געהאַט הינטער זיך אַ דריי־חדשימדיקן, פּרימיטיוון און בחיפּזונדיקן רעקרוטן־קורס.

— אָבער דאָרטן איז געווען עפּעס אַנדערש. דאָרטן האָט גע־פירט מיט אונדז דער נאָרמאַלער פּראָנט־אינסטינקט, דער חיהשער אימפּעראַטיוו פון אומקאָנטראָלירטער רעאַקציע אין אַנבליק פון טויט־שונא.

— דאָ איז דאָך אויך פּראָנט. האָסט דאָך געהערט וואָס דער סערזשאַנט האָט געזאָגט. אגב, דיין אַ ייד, מאַרק, הייסט דאָך זיין כסדר אויפן פּראָנט; פאַר אַ ייד, וואָס וויל עס בלייבן און גיין מיטן קאָפּ אַרויף, איז דאָך אומעטום פּראָנט־זאָנע, אַפילו שלום־צייט.

— ביסט גערעכט, מיין פריינט. אָבער דאָ איז דאָך עפּעס אַ משונהדיקער פּראָנט, און דער שונא האָט נישט נאָר פיר קעפּ ווי יענער לעגענדאַרער הונט, נאָר טויזנטער קעפּ; גיי, קעמף קעגן אַזעלכע וועלפישע קעפּ ווי הפקרות, צעפאַלנקייט, צעפּוילטקייט, ראַסיזם, געזעצלאָזיקייט אונטערן מאַנטל פון כלומרשטע קאָניונק־טור־געזעצן, מינדערווערטיקייטס־געפיל קאָמפּענסירט דורך אַן איינ־גערעדטער גרויסקייטס־מאַניע, אויסגעלאַסנקייט אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט און אַלע גייסטיקע פאָרמען פון פּראָסטיטוציע, און קליינ־לעכע חשבונות, נאַציאָנאַלע און פּערזענלעכע און רוטין־ווידעראַנאַנדן, וואָס זענען דאָס טאָג־טעגלעכע ברויט פון די אַזוי גערופענע שלום־צייטן... עס איז נישט אַהין און נישט אַהער, מיין ליבער פריינט. טאָ

ווי ווילסטו אויסנעמען מיט לאָגיק, אַז אַלץ אַרום איז איצטער דער היפוך דערצו...

— דאָס איז עס טאַקע, מיין ליבער מאַרק. דאָס איז דאָך די לאָגיק פון דער קאָרטן־שפּילערישער אַנטי־לאָגיק...

דער רעש אינעם קאָמאַנדע־בנין איז געוואָרן וואָסאָמאָל שטאַרקער. זעלנער האָבן זיך געדרייט אַהין און אַהער. די טיר האָט נישט גערוט. זי פלעגט זיך כסדר אָפּלענען און אַרויסלאָזן אַ שאָטן פון אַ מיליטערמאַן, צוזאַמען מיט אַ צוגעטעמפּטן אָפּשיין פון אַ פאַרטונקלט לעמפּל.

גאַנצע רייען פון שאָטנס האָבן זיך אויסגעשטעלט נעבן בנין און עס האָבן זיך געטראָגן אין דער לופטן ברעקלעך פון נעמען, פאַרנעמען, ציפערן, ווי בעת אַ שטראָף־אַפּעל. און עס איז געפאַלן אַ באַפעל: „פאָרויס, מיט אַ געמאָסטענעם טריט, ריכטונג — פאָרט!". אַ לאַנגע שאָטן־שנור האָט גענומען זיך אויסציען, אויסמישן זיך מיט דער נאַכט, מיטן ים.

אַ נייער שטראָף־אַפּעל. אַ נייע שנור. נאָך אַ שאָטן־שנור.

— ווי זענען מיר אויף זייער אָרט! האָט פלאָריאַן באַמערקט מיט אַ זיפץ.

— גליקלעכע מענטשן, האָט מאַרק מיטגעזיפצט. אָן לאָגיק, אָן אַנטי־לאָגיק. אָט, פּשוט, אָן קאָמפּליקאַציעס. טשעכן אָדער פּראָבּצויזן. גייען אָפּ צו דער ערשטער שיף, לויט אַ חלוקה, לויט אַ הסכמה צווישן טשעכן, פראַנצויזן, פּאָלאַקן. יעדער זיין אַרמיי, זיין פּאַרטייז־דיקער, זיין מלחמה־גורל. הלמאַי אַלעמענס גורל אין דער איצטיקער מלחמה איז איינער און דער זעלבער, און אין קאָן שטייט אייגנטלעך דער מין מענטש, און דאָס אַלץ וואָס דער דאָזיקער באַגריף איז כולל, נו — מילא, זוך יושר אין דער צייט ווען אַפילו שלום־צייט האָט דער מין מענטש פיינט אומקלאָרע סיטואַציעס...

— נו, געבנוג! האָט אים זיין חבר איבערגעריסן. געפונען דווקא איצט די פּאַסיקע צייט פאַר פילאָזאָפישע מעדיטאַציעס, וואָס פירן אין איצטיקן מאָמענט זיכער צו גאָרנישט...

זיי האָבן זיך גענומען אונטער די אָרעמס און צוגעגאַנגען צו דער טיר. מען האָט זיי אָפּגעשטופּט: איצטער גייט מען בלויז אַרויס

און נישט אַריין! האָבן זיי געמאַכט עטלעכע טריט אויף צוריק און געוואַרט שווייגנדיק.

און, ווען דער לעצטער שאָטן איז אַרויס, און אַ נייער האָט זיך נישט באַוויזן, האָבן זיי נאָך געוואַרט. לסוף זענען זיי ווידער צוגע־גאַנגען צו דער טיר.

אַ קול, וואָס איז זיי אָקעגנגעגאַנגען דורך דער פאַרמאַכטער טיר, האָט פלוצים איינגעהאַלטן זייערע טריט. אַ באַקאַנט קול. ווו האָבן זיי אים געהערט? דאַכט זיך, אָט ערשט נישט לאַנג. זיי האָבן זיך אי־בערגעקוקט און אַ ציטער איז אַדורך זייערע אברים. יאָ, דאָס איז דער קול פון פוילישן קאַלאַנעל. וואָס טוט ער דאָ? וואָס האָט ער זיך אָנגעזעצט אויף זיי?

אינסטינקטיוו האָבן זיי זיך גענומען רוקן הינטערוויילעכץ. זיי זענען שטיין געבליבן מיט די רוקנס אָנגעלענט אין זייער אויטאָ.

— **אפשר** זאָלן מיר דאָך אַריינגיין? האָט מאַרק זיך אָנגע־רופן דער ערשטער.

— איך בין זיכער, האָט פלאָריאַן געענטפערט מיט אַן ערנסטן טאָן, אַז נישט נאָר וועט ער אונדז אַרויפשטעלן אויף דער רעזערוו־ליסטע, נאָר וועט אַזוי מאַנעווורירן, אַז אונדזערע נעמען זאָלן אינ־גאַנצן אַרויספאַלן, דער אַנטיסעמיט.

— ער האָט דאָך אונדז לסוף געמאַכט קאָמפּלימענטן און מיר אומגעקערט דעם רעוואָלווער.

— איך גלויב נישט, אַז ער איז פעאיק אויף נאָך אַ מענטש־לעכן זשעסט. איך גלויב אַפילו, אַז דערויף האָט זיך אויסגעשעפּט זיין גאַנצע מענטשלעכקייט, די גאַנצע רעזערוו פון זיין ריטערלעכ־קייט לגבי אַ ייד. דאָס קען ביי אַזאַ באַשעפעניש מסתמא פאַסירן נישט מער ווי איינמאָל אין אַ לעבן.

— וואָס ריזיקירן מיר?

— וואָלטן מיר דאָך געדאַרפט ענדערן אונדזער רחמנות־סטראַ־טעגיע... אגב, וואָס וועט שוין זיין, אַז מיר וועלן אַהערקומען שפּע־טער, אפשר וועט ער דעמאָלט גאָר זיין ערגעץ אַנדערשוווּ?

פלאָריאַן האָט אָנגענומען זיין חבר פעסטער אונטערן אָרעם און געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דער קנייפּע.

18

אינעם שמאָלן געסל איז זיי אָקעגנגעקומען אַ טיפּע, אומ־הײמלעכע פינצטערניש. מען האָט געמוזט אָנטאַפּן די מויערן, בכדי זיך צו איבערצייגן, אַז דאָ שטייען אויף אַן אמת הייזער. עס איז געווען שטיל אַרום, ווי דאָ וואָלטן קיין מענטשן נישט געלעבט, קיין לעבעדיק באַשעפעניש נישט. דאָרטן,ביים קאָמאַנדע־בנין, האָט געררוישט און געהילכט, אַ קאַרג שנירל בלויקייט האָט זיך געריסן דורך די פענצטער־ און טיר־שפּאַרונעס און שאָטנס האָבן זיך באַוועגן; און דאָ? ווי אין אַ קבר.

מאַרק איז שטיין געבליבן ביים אָנהויב געסל; עס איז אים געווען שווער צו גיין, בפרט אין אַזאַ חשכות.

פלאָריאַן איז געגאַנגען פאָרויס און געזוכט מיט די אויגן אַ שילד, אַ מערקצייכן פון אַ קאַפע און געזוכט מיט די אויערן דעם כאַראַקטעריסטישן קאַפע־רעש און מיט די נאָז־לעכער — דעם ריח פון קאַפע, ביר, ווייַנוואַרג, טאַבאַק. ער האָט זיך געהאַלטן ביי די מויערן, בכדי די פינצטערניש, דאָס געאייל און דאָס לייכטע אומטערהינקן זאָלן אים נישט אַראָפּפירן פון טראָטואַר.

מאַרק האָט גענומען צוביסלעך זיך רוקן פאָרויס, אָנהאַלטנדיק זיך פעסט. דאָס שטיין כסדר איז אים לסוף אויסגעקומען פיינלעכער ווי דאָס באַוועגן זיך. ביי אַ טיר האָט אים פלוצים פאַרכאַפּט אַ שאַרפער ריח פון קאַפע און פון טאַבאַק. ער איז געבליבן שטיין. ער האָט צוגעשטעלט אַן אויער. ער האָט אויפגעכאַפּט ברעקלעך פון אַ מאָדנעם, ווייטן ווידערקול, ווי איינער וואָלט אַריינגעשריגן, אַריינגעלאַכט אין אַ געשפּאָלטענעם און האַלב־ליידיקן פאַס מיט סמאָלע.

ער האָט געוואָלט צוריקרופן זיין חבר, ער זאָל אומזיסט נישט אויסלויפן די גאַנצע גאַס, אָבער ער איז שוין געווען ערגעץ ווייט. איז ער געשטאַנען און געוואַרט ביי דער טיר. פלוצים האָט ער דער־

הערט דאָס דערנענטערן זיך פון יענער זייט גאָס דעם ווידערקול פון פלאַריאַנס לויף־טריט. האָט ער פאַרדעקט דאָס מויל מיט אַ האַנט־דעכל און אויסגערופן זיין חברס נאָמען מיט אַ הפסקה צווישן יעדער זילבע.

-- אַזוי איז, אַז מען אײלט זיך, האָט ער געזאָגט אָװעקשטעלנ־דיק זיך נעבן חבר. יאָ, דאָ איז עס טאַקע.

א שלעפּ ביי אַן אייזערנעם רינג, וואָס איז אַראָפּגעהאַנגען פון אַ שווערער קייט, האָט אָפּגעלענט די טיר. פלאַריאַן האָט זי אויפגע־עפנט ברייטער, געזומען דעם חבר ביי אַ האַנט, געמאַכט אַ טריט פאָרויס, גרייט צו באַגריסן די קאָפּע־געסט. אָבער אַנשטאָט אַנצו־טרעפן אויף אַן אָפּענעם חלל, האָט ער אַנגעשטויסן מיט דער נאָז אויף אַ האַרטער וואַנט. פונעם זעץ האָבן אים אָנגעהויבן קלינגען די אויערן. ער האָט געמאַכט אַ טריט אויף צוריק, אַנטרעטנדיק אויפן חברס פוס.

פלוצים האָט אַ יאָג געטאָן אויף זיי אַ געדיכטער רויך־וואָלקן, און אַ הייסער אָטעם פון אַ הייזעריקער קעל אַרויס:

— אַנטרעט! שטייט נישט הינטער דער טיר; נישט שיין אונ־טערצוהאָרכן...

— מיר האָרכן נישט אונטער, מיר זענען דאָ דאָס ערשטע מאָל, האָט פלאַריאַן זיך פאַרטיידיקט.

אַ פעסטע האַנט האָט זיי אַ שלעפּ געטאָן. זיי זענען שטיין גע־בליבן אינמיטן פון אַ געדיכטן רויך־קנויל.

— דע פואַלי, האָט זיך דערהערט אַ טיפע פרויען־שטימע, וואָס האָט צעריסן די אַרומיקע שטילקייט.

ווי דאָס וואָלט געדינט אַלס סיגנאַל, האָבן זיך די ציגנער ווי־דער צערעשט.

— זאָלן לעבן אונדזערע העלדן! האָבן עטלעכע קולות אונטער־געכאַפּט, טייל מיט איראָניע, טייל מיט געלעכטער.

— און וואָס הערט מען עפּעס אויפן פראָנט, האַ?

— איך האָב נעכטן באַגעגנט אונדזערס אַ זעלנער, האָט ער געשווירן, אַז ער אַליין האָט אָװעקגעלייגט דרייסיק דייטשן.

— ער האָט נאָר פאַרגעסן צוצוגעבן, אַז דאָס איז געווען אין חלום, כאַ, כאַ, כאַ.

— און איך האָב באַגעגנט אַ טשעכישן אָפיציר, האָט ער גע־

שווירן אַז ער האָט גענומען אין פּלען, איינער אַליין, אַ גאַנצע דייט־שע קאָמפּאַניע, און געשווירן ביי טאַטע־מאַמע...

— מסתמא איז ער געווען אַ קיילעכדיקער יתום, כאַ־כאַ־כאַ!

— און איך האָב באַגעגנט אַ פּוילישן קאָלאָנעל, האָט ער פאַר־זיכערט, אַז ער אַליין האָט פונאַנדערגעשאָסן אַ גאַנצן דייטשן באַ־טאַליאָן, און געשווירן אויף יעזוסן, די הייליקע מוטער און אַלע אַפּאָסטאָלן...

— מסתמא איז ער אַ ייד, כאַ־כאַ־כאַ!

— אָדער טראָגט ברילן?

— ניין, ער טראָגט גאָר שווערע, פּויערישע וואָנסעס, כאַ־כאַ!

— ווען מען האָרכט זיי, וואָלט שוין נישט געדאַרפט זיין קיין איין דייטש אין פראַנקרייך.

— און דערווייל גייען די דייטשע אַרמייען פאָרויס און זיי, די העלדן, זוכן אַ מויז־לאָך צו אַנטרינען, און קומען צו אונדז זוכן אַ מעגלעכקייט צו ראַטעווען זייערע ווייבער...

— מעטרעסעס, זאָגט גיכער, כאַ־כאַ־כאַ!

זיי זענען געשטאַנען ווי געפּלעפט. געקוקט אַהין און אַהער, אין דער ריכטונג פון די קולות און ווען נישט די פלעמלעך, וואָס האָבן געפינקלט פון צייט צו צייט אויפן שפּיץ פון זייערע ציגאַרעטן, וואָלט געווען שווער צו וויסן ווו געפינט זיך דאָס מויל און ווו אַנ־דערע טיילן פון קערפּער.

זיי האָבן זיך געהאַלטן פעסט ביי די אָרעמס און זיך געקלעמט איינער אין אַנדערן.

— סע דע פעדע, פּאַרבלע, האָט איינער אויסגעשריגן ווי אַ וויל־דער, זשע ווו זשיר, מעז אַמי.

פלאָריאַן האָט פאַרשטאַנען זיין אַנצוהערעניש און זיך אָנגערופן:

— מיין חבר איז פאַרוווּנדעט, ער שטייט קוים אויף די פיס, האַלט איך אים אונטער.

דער, וואָס האָט זיי אַריינגעפירט, האָט אַרויפגעדרייט דעם קנויט פון דער נאַכט־לאָמפּ, וואָס איז געהאַנגען איבער די קעפּ.

— יאָ, האָט ער אויסגערופן, עס איז אמת, ער איז פאַרוווּנדעט.

עמיץ איז אונטערגעקומען מאַרקן פון הינטן און אים אַ שטויס געטאָן. מאַרק איז אומגעפאַלן.

— סעט עקוּאַ, עס שטימט, האָט ער אויסגערופן נאָך העכער.

איך שטעל אַ גלעזל דעם ערשטן אויטענטישן העלד דע שע נו.

ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן, געהאַלפֿן מאַרקן זיך אויפֿשטעלן. אָנכאַפּנדיק אים ביי די הויזן, האָט ער אָנגעטאַפּט זיין רעוואָלווער.

— און ער איז נישט סתם אַזוי אַ העלד, האָט ער צוגעגעבן מיט פּאַטאָס; ער האָט אַפֿילו ביי זיך אַ רעוואָלווער!

— אַבי מען זאָגט, אַז די פֿראַנצויזישע אַרמיי איז געווען שלעכט באַוואָפֿנט, האָט באַמערקט מיט חוזק אַ זיצנדיקער שאָטן פֿון אַ ווינקל אַרויס.

— וואָס בעמט איר? האָט די פֿריערדיקע שטימע געפֿרעגט, און געהערט האָט זי צו אַ דיקער מויד מיט אַ וואָלקן אויפֿן קאָפּ אַנשטאָט האָר און אַ פּאַרענט, וואָס האָט איינגעריסן דעם ראַנד פֿון איר קלייד און אָפּגעדעקט שטיקער ברוסטן.

— מאַרטעל, דריי שטערן, איך צאָל! האָט באַפֿוילן די שטימע, וואָס האָט געמאַכט דעם פֿריערדיקן אָנבאָט.

— איך קען אַליין צאָלן, האָט פֿלאָריאַן פּראָטעסטירט. און נישט נאָר פֿאַר זיך, נאָר איך צאָל אַ רונדע פֿאַר אַלעמען.

— בראַוואָ! האָבן זיך געהערט קולות און אַ האַנט־פּאַטשעריי.

פֿלאָריאַן האָט מיט איין שלוק אויסגעליידיקט דאָס גלעזל און געהייסן שטעלן אַ צווייטע רונדע, נאָך איידער זיי האָבן געהאַט אַראָפּ־געזופּט דאָס ערשטע גלעזל.

— סאַ סע דע לאַ באָן פֿאַראָל! האָט זיך אָנגערופֿן אַ צופֿרידע־נער דער, וואָס האָט זיי דאָ אַריינגעפֿירט.

— וויוו לע קיראַיאָן! האָט עמיץ אונטערגעכאַפּט מיט אַ גע־לעכטער.

— ע קעסק־אָן בואַ?

— די שאַמפּאַן, פּאַרדי!

— יאָ, שאַמפּאַן, האָט פֿלאָריאַן באַשטעטיקט. פֿאַר יעדן איינעם און נישט געזשאַלעוועט. איך צאָל!

אַלע האָבן גיך אויסגעליידיקט די גלעזלעך, אָפּגערוקט זיי אין אַ זייט, און געמאַכט אָרט פֿאַר די שאַמפּאַן־גלעזער.

די דיקע מויד האָט אַריבערגעוואָרפֿן איר אויבערשטן חלק אַי־בער דעם צינקענעם ברעט, דערגרייכט דעם לאָמפּ־קנאָפּ, אַרויפֿגע־דרייט נאָך מער דעם קנויט און געמאַכט אים זשומען ווי אַ כמאַרע בייזע בינען אַרום אַ טעצל זיסוואַרג.

עס זענען געפלויגן פראַפּנס אין דער לופטן מיט רעש, דורכ־געשניטן דעם רויך־וואָלקן, זיך אָפּגעקלאַפּט אינעם נידעריקן פּולאָפּ און געפאַלן טעמפּ אויפן קויטיקן דיל. גלעזלעך האָבן זיך צעהילכט און גיך פאַרלוירן דעם קלאַנג אינעם געמיש פון פליסיקייט און בלעזלדיקן שוים.

— וויוו לאַ פראַנס! האָט עמיץ אויסגערופן.

— קעל פראַנס? האָט עמיץ געפרעגט מיט אַנצוהערעניש.

— לאַ פראַנס דע דע־גאָל! האָט עמיץ געענטפערט.

— דע פּעטען! האָט עמיץ אָפּאָנירט מיט אַ שטילן טאָן.

— טאַ געל! האָבן עטלעכע קולות זיך געבייזערט.

— וויוו לע באַסק! האָט זיך דערהערט אַ הייזעריקער קול.

— וויוו לע באַסק! האָבן אַלע אונטערגעכאַפּט ווי איין קול.

און ווען די גלעזלעך זענען געוואָרן ליידיק, האָט די מויד, צו־זאַמען מיט דעם, וואָס האָט זיי אַריינגעפירט אין קאַפע, געגומען זיי אָנפולן אויפסניי.

ווען עס האָט געהאַלטן ביי דער דריטער רונדע שאַמפּאַן, האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ פעסטער קול פון אַ ווינקל אַרויס און דער רעש פון פונאַנדערגערוקטע שטולן און טישלעך:

— האַלט־לאַ! זע נאָר ווי זיי האָבן זיך אָנגעזעצט אויף די יונגע מענטשן? וואָס זענען זיי ראָטשילדס, אָדער סטאַוויסקיס? איר האָט גאָרנישט קיין חרפה, איר, אַלטע בעל־עברהניקעס, אויסצונוצן נאַי־ווע זעלנער!

— טע טואַ, בערטראַן! האָט די מויד געהייסן אים שווייגן און געגעבן אים אַ סימן מיט דער האַנט ער זאָל זיך צוריקזעצן.

ער האָט נישט געפאָלגט און זיך דערנענטערט אַ בייזער צום סערוויר־ברעט.

— גענוג אויף היינט, עס וואַרט היינט אַרבעט, מער ווי תמיד; היינט דאַרף מען זיין ניכטערער ווי אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָר, פון די לעצטע יאָרן; עס איז די נאַכט פון שאַרן גאָלד מיט עמערס, ווילט איר גאָר פאַרלירן דעם קאָפּ ביי שאַמפּאַן? באַזינט אייך!

די צוויי חברים האָבן דערקענט דעם קול. דאָס איז געווען דער קול פון בערטראַן, דעם פּאַטראָן פון באַיאָנער קאַפע. ווען ער איז שטיין געבליבן נעבן זיי, האָבן זיי געזען אַז עס איז טאַקע ער.

19

זיי זענען געזעסן אינעם ווינקל, ביי אַ טישל, און דערציילט צו־ליב וואָס זיי זענען געקומען אַהערצו. זיי האָבן זיך אַראָפּגערעדט פון האַרץ פאַר דעם פּאַטראָן פון באַיאָנער קאַפע. זיי האָבן אים איבער־געגעבן דאָס וואָס זיי האָבן געהערט אין שטאָט, און נאָך פריער — דעם סקאַנדאַל מיטן פּוילישן קאָלאָנעל, ביים אַרויספאָר פון ביאַריץ.

— אַ הויכער, מיט דיקע וואָנסעס און אַ רויט פּנים?

— יאָ, ער טאַקע.

— אַה, לע סאַלאָ! האָט בערטראַן אויסגערופן און אַ שפּיי גע־טאָן אויפן דיל.

זיי האָבן אים איבערגעגעבן ווי ער האָט פאַרהאַלטן דאָס מיידל, וואָס האָט זיי באַגלייט, הגם אַן ענגלענדערין.

— די מיטן לאַנגן האַלדז און אָראַנזשן־פולאַר?

— יאָ, די זעלבע. ער האָט געזאָגט, אַז פרויען האָבן נישט קיין רעכט צו פאַרנעמען אַן אָרט פון אַ מאַן אויף דער שיף.

— אַה, לע קאָשאָן! זי האָט מער רעכט צו אַן ענגלישע שיף ווי ער. איך גיי אים באַלד צעהאַקן די מאָרדעס.

אַ שטול ביים דערנעבנדיקן טישל האָט זיך אַ שאַר געטאָן מיט רעש און אַ קאָפּ איז פּלוצים אויסגעוואָקסן צווישן זיי. זעט אויס, אַז ער האָט אונטערגעהערט.

— דער קאָלאָנעל, זאָגט איר, דער פּאַלסקי, מיט די וואָנסעס? זע נאָר, ער האָט זיך דאָ צעקיניגט, ווי דער גאַנצער באַסקער ברעג וואָלט אים געהערט.

— מערד אַלאָר, געזען אַ חוצפּה פון אַן אויסלענדער! פּאַפּאַל, מיר וועלן זיך נעמען צו אים!

— עספּעס דע מאָרווע! האָט זיך געהיצט דער, וואָס בערטראַן האָט אָנגערופן פּאַפּאַל. אַליין קומט ער בעטן, אַז איך זאָל צופירן

צו דער ענגלישער שיף זיין פּראָנצויזישע מעטרעסע, פאַרשטעלט אין מיליטערישע מענער־בגדים, און לאָזט נישט ווען עס האַנדלט זיך אין אַ צווייטנס מעטרעסע...

— נישט קיין מעטרעסע, האָט פלאָריאַן אויסגעבעסערט, אַ צו־פעליקע באַקאַנטע.

— און אַן ענגלענדעריין דערצו, האָט מאַרק אונטערגעשטראָכן.

בערטראַן האָט אַרויסגענומען אַ פּעקל אַמעריקאַנער ציגאַ־רעטן און מכבד געווען זיינע בייזיצערס. פלאָריאַן האָט גענומען און זיך פאַרצויגן מיט הנאה. מאַרק האָט נישט גענומען. ער רייכערט נישט, פּונקט אַזוי ווי ער טרינקט נישט.

— ער איז אַ דאָקטאָר, האָט פלאָריאַן באַמערקט; ער ווייסט וואָס מען מעג און וואָס מען מעג נישט...

— ער ווייסט אָבער נישט וואָס איז גוט, האָט פּאַפּאָל באַמערקט מיט חוזק.

— יאָ, האָט בערטראַן זיך געכאַפּט. איך האָב טאַקע געזען מיט וואָס פאַרא געניטקייט ער האָט אונדז געראַטעוועט, מיך און מיין אַנ־זשעליקאָ. איצט פאַרשטיי איך שוין...

פּאַפּאָל האָט נישט געקענט זיך דערוואַרטן, מען זאָל אים מכבד זיין און אַליין אַרויסגעשלעפּט אַ ציגאַרעט פון בערטראַנס פּעקל. ער האָט פאַרצויגן, אַרויסגעלאָזן דעם רויך מיט אַ בלאָז און גענומען זיך היצן:

— מערד ע רעמערד! אַ חוצפּה פון אַ צעבריקעטן פערד, וואָס האָט פאַרלוירן די צוים. און נישט נאָר דאָס, ער וויל עס פאַר חצי־חינום. צופירן זיין ברעקעלע מעטרעסע צו דער שיף, אינמיטן ים, אין געהיים, און דינגט זיך ווי אויף אַ יאַרמאַרק. ער וועט שוין ביי מיר באַצאָלן ווי אַ טאַטע, פאַר אייערע עוולות, קאַמעראַדן. אויב נישט, וועל איך נעמען און זי אַריינשליידערן אין ים, פאַר די רעקינס, כאַ, כאַ, כאַ...

— בראַוואָ, פּאַפּאָל, האָט איינער ביי אַ שכנותדיק טישל גע־נומען אים קלאַפּן אין פּלייצע. ביסט גערעכט, אָבער נישט אין ים אַריין, נאָר זי צוריקברענגען אַהערצו; אַ קאָנטראַבאַנדיסט, אָדער אַ באַסקער פישער קאָן זיך גלייכן, כ'לעבן, צו אַ פּוילישן קאַלאַנעל; און אין אַמור, חברה, ווער טויג זיך אַזוי אויס ווי מיר, נישט אמת, אַמעליאָ?

— זיכער איז עס אמת, פּאַרדי, האָט זיך צעלאַכט, האַלטנדיק זיך די זייטן, די דיקע מויד מיטן אויפגעריסענעם פּאַרענט.

אַלע האָבן געגומען הילכיק לאַכן און איבערלאַכן איינער דעם צווייטן, אַז די לאַמפּ האָט זיך גענומען וואַרפן און דער קנויט צאַפּלען, ווי דאָס וואָלט געוועז זיין אויפן פון מיטלאַכן.

— **אט** וועט איר אים באַלד זען, דעם העלד, האָט פּאָפּאָל זיך אָנגערופן, ווינאַר עס איז געוואָרן רואיקער. ער דאַרף באַלד קומען צוקלאַפּן דעם מקח... איז, אָדער די רעקינס וועלן האָבן אַ גוט נאַכטעסן, אָדער פּאָפּאָל וועט די נאַכט קענען געפינען אַ טרייסט נאָך זיין פאַרשטאָרבענער קלאָטילדע. און ער האָט גענומען רייבן די הענט און קלאַפּן איינע אין דער אַנדערער.

מאַרק און פלאָריאַן האָבן זיך איבערגעקוקט און געטרעטן זיך אויף די פיס אונטערן טיש. אַ ציטער איז זיי אַדורכגעגאַנגען אויפן געדאַנק, אַז דער קאָלאָנעל דאַרף דאָ באַלד קומען.

פּאָפּאָל האָט געענדיקט זיין ציגאַרעט און געקוקט מיט גרויסע אויגן אויפן פעקל, וואָס בערטראַן האָט געהאַלטן אין האַנט. בערטראַן האָט עס באַמערקט און אים דערלאַנגט דאָס גאַנצע פּעקל.

— נאַ, האָט ער געזאָגט, האַלט דיר דאָס גאַנצע פּעקל. און נאָך אַ רגע האָט ער זיך צוגעבויגן צו אים: און אויב דו וועסט אַרויפנעמען אויפן שיפל, מאָרגן ביינאַכט, נאָך פּאַסאַזשירן, באַקומסטו אַ גאַנצן קאַרטאָן; אַז דו פאַרסט שוין סייווי... וועסטו אויפנעמען נאָך דריי פּאַסאַזשירן.

פּאָפּאָל האָט זיך איינגעהערט. אַ כראָקע געטאָן, אַ ריטש געטאָן מיטן הינטן און מיטן שטול, אַ שטופּ געטאָן דאָס טישל, און זיך צוגעשאַרט צו בערטראַנס אויער.

— די ענגלענדערין, נו — מילא. דאָס וועל איך טון להכעיס דעם פּוילישן חזיר. אָבער צוויי סאָלדאַטן פאַר אַ קאַרטאָן ציגאַרעטן און נאָך דערצו אַמעריקאַנער, דאָס נישט. די אַמעריקאַנער, מיט די פּעטע הינטנס, האָבן אונדז געלאָזט פאַלן. זאָלן זיי ברענען אַנדערשוווּ... אויב שוין יאָ, טאָ קאַפּאָראַל-ציגאַרעטן, ביזן דע שע נו... עס פּאַסט נישט. עס איז אַ חילול-הכבוד: צוויי סאָלדאַטן פאַר אַ קאַרטאָן ציגאַרעטן... איך בין אַ פּאַטריאָט, אַ באַסקער פּאַטריאָט דערצו, כאַ-כאַ, און איך שאַץ הויך די אַרמעע, אַפילו ווען אירע גענעראַלן לאָזן זיך פאַרפירן דורך פּאָליטיק... וואָס זענען

אָבער די פשוטע זעלנער שולדיק? זיי קעמפן, זיי זענען די אמתע העלדן אויפן ערשטן פראָנט, און די מעדאַלן גייען צו די אָפיצירן פון הינטן... איך נעם נישט קיין ציגאַרעטן פאַר בראַווע זעלנער, בפרט קריגס־אינוואַלידן...

— איך האָב געלט, האָט פלאָריאַן אים איבערגעריסן; זאָגט וויפיל איר פאַרלאַנגט.

— און קיין געלט נעם איך אויך נישט. ווייל איך שוין גיכער טון עס איינגאַנצן אומזיסט... בפרט וואָס זיי גייען ווייטער קעמפן. איך קען שוין נישט; זאָל איך כאָטש האָבן אויף אַזויפיל צוגעטראָגן מיין חלק אינעם אַנטגילטיקן נצחון...

— אָבער דאָך, האָט פלאָריאַן איבערגעריסן. איך האָב געלט, כשר פאַרדינטעס, פון מיין לעצטער אויסשטעלונג, לייכט פאַרדינ־טעס, נעמט עס צו ביי מיר.

— ניין, ניין, נישט קיין געלט, פון סאָלדאַטן נעם איך נישט קיין געלט... אָבער...

ער האָט זיך צוגעבויגן צו מאַרקס אויער און געזאָגט אינדער־שטיל:

— גיב מיר דיין רעוואָלווער, ברודערל, ווערט פון געשעפט.

— ד׳אָקאָר, מסכים, האָט מאַרק אויסגערופן און גענומען זוכן זיין רעוואָלווער.

— נאָר נישט געאײַלט זיך! האָט בערטראַן אַ כאַפּ געטאָן מאַרקס האַנט. פּאַמעלעך, נאָכנישט איצט. ערשט מאָרגן, ביים אָרויפ־גיין אויפן שיפל, אָדער בעסער — ביים פאַרלאָזן...

— האָסט נישט קיין צוטרוי צו אַ באַסקער פישער, בערטראַן?! האָט פּאַפּאָל זיך געבייזערט. מען זעט, אַז דו ביסט אַ פרעמדער, נישט פון אונדזערע קאַנטן.

— נישט קיין פראַגע פון צוטרוי, פּאַפּאָל. עס פירט זיך צווישן קאָנטראַבאַנדע, און אויך ביי פישערס, אַז דאָס געלט ווערט ערשט גע־סילוקט ביים ליפערן די סחורה; און איך, אַלס פרעמדער, ווי דו זאָגסט, דאַרף דאָך נישט לערנען אַ געטרייען באַסקער, אַז מען דאַרף אָפּהיטן אַ טראַדיציע.

— וואָס מיר דיינע שיינע רייד. איינס ווייס איך: האָב איך אין האַנט, האַלט איך. וואָס מער געוווּר איז בעסער! נישט איין דייטשן קאָפּ וועל איך שפּאַלטן מיט דעם רעוואָלווער.

מאַרק האָט אַרויסגעצויגן דעם רעוואָלווער און דערלאַנגט. בערטראַן האָט נישט געלאָזן און אָפּגעשטופּט בײדע הענט, די וואָס האָט דערלאַנגט און די וואָס האָט געוואָלט נעמען. פּאַפּאַל האָט אָבער מיט אַ העפטיקער באַוועגונג אַ כאַפּ געטאָן, און אויסגערופן מיט דער האַנט אין דער הויך:

— אַ באַ לע באַש!

עס איז געפאַלן אַ שאָס. אַ קלינגענדיקער הילך. די לאָמפּ האָט זיך אַ וואַקל געטאָן און גענומען שפּייען מיט פלאַמען.

— מעז איל ע פו! האָט געשריגן די דיקע מויד און פאַרהאַלטן דעם ברייטן ראַנד־טעלער אַרום דער לאָמפּ.

די קויל האָט געטראָפן דעם איבערשטן טייל פון צילינדער און אָפּגעשאָסן אַ דיקע רייף פון אויבן. די רייף איז אַרויפגעפאַלן אַ גאַנצע אויף דעם בערעט פון אַ זיצנדיקן שכן. פּאַפּאַל האָט זי אַ נעם געטאָן, גענומען וואַרפן פון איין האַנט אין דער צווייטער, בכדי נישט אָפּצובריען זיך, און אויסגערופן מיט טריאומף:

— אָט, זעט, וואָס הייסט אַ גוטער שיסער פון באַסקן־לאַנד!

— איך בין צופרידן, וואָס מיין געווער פאַלט אַרייַן אין גוטע הענט! האָט מאַרק געזאָגט אַ געריהרטער ביז טרערן.

פּאַפּאַל האָט באַמערקט זיינע טרערן. און באַמערקט אויך דעם בייזן בליק פון בערטראַן. האָט ער אויסגעצויגן זיין האַנט צו מאַרקן:

— נאַ, איך גיב דיר אים צוריק ביז מאָרגן אָוונט. און זאָל בערטראַן, דער פרעמדער, נישט טראָגן זיך מיט אַן אומזיסטן חשד אויף אַ באַסקער פון דור־דורות. אָבער געדענק, היט אים גוט, ער איז נישט מער דיינער... און אויסגערופן: אַמעליאַ, איצט צאָל איך אַ רונדע פון היימישן וויין, פון באַסקן־לאַנד.

— וויוו לע באַסק!

— וויוו פּאַפּאַל!

האָבן זיך געהערט קולות און דער רעש האָט ווידער אויסגע־פולט דעם ענגן חלל.

אינמיטן גערודער האָט זיך דערהערט אַ קלונג ביי דער טיר. דער וואָס האָט זי פריער אַריינגעלאָזן, האָט געעפנט די אינעווייניקסטע טיר, דערנאָך די דרויסנדיקע.

— לע קאַלאַנעל! האָט ער אויסגערופן צום עולם.

אַלע האָבן געוואָנדן זייערע בליקן צום נײַ־געקומענעם. בער־טראַן און פּאַפּאָל האָבן געביילט די פויסטן.

דער קאָלאָנעל האָט באַפוילן דער מויד אַראָפּצודרייען דעם קנויט, און שטיין געבליבן ביי דער אָפענער טיר.

— פּשיאַקרעוו, האָט ער בייז אַ ברום געטאָן אונטער די וואָנ־סעס. עס איז דאָך דאָ ממש דערשטיקט צו ווערן.

די צוויי חברים האָבן גענאָסן פון דער געדיכטער טונקלעניש און פון דער אָפענער טיר, און זיך אומבאַמערקט אַרויסגעשאַרט פון קאַפע.

זיי האָבן באַשלאָסן צו געניסן פון דעם, וואָס דער קאָלאָנעל איז אין קנייפּע, און זענען אַריין אין דער קאָמאַנדע.

זיי זענען צוגעגאַנגען צום פראַנצויזישן קאַפּיטאַן, וואָס איז געזעסן אַ דרימלנדיקער ביים טיש. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט. דער־זעענדיק זעלנער אין פראַנצויזישע מונדירן, האָט ער זיך דער־פרייט און זיי דערלאַנגט די האַנט.

— איר וועט קאָנען פאָרן היינט ביינאַכט, פאַראַן נאָך ערטער פאַר פראַנצויזן.

זיי האָבן אים דערלאַנגט די מיליטערישע ביכלעך.

ער האָט געקוקט אויף די ביכלעך און דער שמייכל איז פאַר־שוווּנדן פון זיינע באַקן:

— זשע סואי נאַוורע, איך באַדויער שטאַרק.

— פאַרוואָס? מיר האָבן געקעמפט אין דער פראַנצויזישער אויסלענדער־בריגאַדע אַלס פּריוויליקע...

— און מיין חבר איז אַפילו פאַרוווּנדעט געוואָרן, האָט פּלאָ־ריאַן אַרויסגעהאָלפן; קוקט, ער לאָמט, האָט יסורים.

דער קאַפּיטאַן האָט געדרייט מיטן קאָפּ אויף ניין:

— איר זייט פּאָלאַקן, ווענדט זיך צו זיי.

— אָבער מיר האָבן געקעמפט פאַר פראַנקרייך.

דער קאַפּיטאַן האָט אַ וואָרף געטאָן די פּאַפּירן צום פּוילישן אָפיציר, וואָס איז געזעסן ביים דערנעבנדיקן טיש, אונטערברומענ־דיק:

— איך וויל נישט האָבן קיין קאָמפּליקאַציעס מיט די פּאָלאַקן, שוין גענוג איינגעריסן מיטן קאָלאָנעל.

און ער האָט גענומען ווידער דרימלען.

דער פּוילישער אָפיציר האָט אַריינגעקוקט אין די מיליטערישע ביכלעך, געקוקט מיט ביטול אַמאָל אויף איינעם פון זיי, אַמאָל אויפן צווייטן, סאַרקאַסטיש געשמייכלט, געשאָקלט אויף ניין, און זיי צו־ריקגעגעבן די דאָקומענטן.

20

דער וועג צוריק איז געווען פריי. קיין אויטאָס, נישט אַהין, נישט אַהער. ערטערווייז, ווו די ראַנד־ביימער זענען געווען שיטער צעשטעלט, האָבן לבנה־פלעקן העלער געמאַכט דעם פינצטערן וועג.

פלאָריאַן האָט געגעבן אַ פעסטן קוועטש אויפן גאַז־פּעדאַל, אָבער גיך צוריק אָפּגעהויבן דעם פוס. ער האָט באַמערקט, אַז דער אוסטין גייט נישט גראַד, פאַרקריכט דאָ אויפן ראַנד־גראָז, דאָ — אין סאַמע מיטן וועג. ער האָט עס געלייגט אויפן חשבון פון די אויס־געטרונקענע גלעזלעך. קיין ווייטיק אין קנעכל האָט ער מער נישט געפילט; זעט זיך אויס, אַז די שאַרפע געטראַנקן האָבן גוט גע־ווירקט, ווי אַ רפואה. זיי האָבן אָבער שלעכט געווירקט אויפן קאָפּ, אויף די אויגן.

— אייל זיך אַביסל צו! האָט מאַרק געזאָגט, זעענדיק, אַז דער וואָגן רירט זיך קוים. דאָריס וועט איבערקלערן, און דערווייל גע־פּרוירן ווערן.

— איך זע, אַז זי איז דיר גוט אַריין אין קאָפּ, די דאָריס. דו טראַכסט שוין מער וועגן איר ווי וועגן דבורהן...

— איך זע, אַז דו ביסט אייפערזיכטיק, פלאָריאַן, האָט ער אים איבערגעריסן. איך האָב דיך ביז היינט נישט געקענט אַלס אַזעלכן.

— ווייל דו ביסט אַ שלעכטער אָבסערוואַטאָר, מיין ליבער, און ביסט נאַאיוו, קענסט דיך נישט אויף מענטשן.

— וואָס הייסט, פלאָריאַן; וואָס ווילסטו זאָגן דערמיט?

— איך בין שוין אייפערזיכטיק אויף דיר זייט דו האָסט מיר צום ערשטן מאָל געוויזן דאָס בילד פון דבורהן... און נאָך מער, זייט

דו האָסט מיר געוומען דערציילן אַלע אירע מעלות, אַלע חסרונות, אַלע פּרטים אַפילו פון דיין אינטימען לעבן...

— וואָס איז מיט דיר, פלאָריאַן? איך דערקען דיך טאַקע נישט!

— וואָס מיינסטו, אַ מענטש איז פון אייזן? האָסט מיר אַזויפיל דערציילט וועגן איר, בעת די דריי חדשים, אַז איך ווייס שוין מער וועגן איר ווי דו... אַט פאָרסטו אויף וואַקאַנס, און באַקענסט זי ביי דיינע קרובים; מסתמא האָט מען זי דיר בכוונה אונטערגעשטעלט... עס ווערן געשריבן תנאים. זי קומט צו דער וועלט־אויסשטעלונג קיין פּאַריז, און בלייבט שוין מיט דיר. זי אַרבעט שווער, כדי דו זאָלסט קאָנען ענדיקן די סטודיעס. זי וויל האָבן אַ קינד, און דו ווילסט נישט. און דו מאַכסט איר אַליין קאַליע, און דו פאַרגיסט ביטערע טרערן בעת־מעשה, ווייל עס טוט איר וויי. אָבער זי פאַרבייסט די ליפּן און זאָגט גאָרנישט... זי איז אַזאַ ווילע, אַזאַ בראַווע, נישטאָ אירסגלייכן... און זי איז פאַרבליבן די זעלבע, וואָס זי איז געווען אין פּוילישן שטעטל, די זעלבע קליינשטעטלדיקע דבורה, מיט איר טיפּישן ייִדישן חן, מיט די לאַנגע האָר, מיטן שמייכלנדיקן פּנים, מיט איר איינגעבוי־רענער צנועותדיקייט... נו, איז אַ חידוש וואָס איך בין געוואָרן אייפערזיכטיק? האָסט אַפילו נישט פאַרשטאַנען צוליב וואָס איך מאָל זי כסדר און זע אומעטום נאָר זי און פאַרוואָס איך צי דיך כסדר ביי דער צונג, דו זאָלסט מיר דערציילן וועגן איר נאָך און נאָך... און האָסט פאַרגעסן, אַז איך בין אַ קינסטלער, אַ פּאָעטישע נשמה. אַז כ׳בין מיד שוין פון די אַלע מאָדעלקעס, פון דעם באָהעמען לעבן, און חלום וועגן אַ נאָרמאַל לעבן, מיט אַ פרוי, אונדזערס אַ פרוי, אַזוי ווי דו...

— פלאָריאַן, מיין פריינט, וואָס איז מיט דיר? באַזין זיך!

— איך האָב זיך באַזינען. איך מאַך מיט דיר אַ טויש: דו נעם דיר דאָריסן, און איך בלייב; איך וועל וואַרטן אויף דבורהן, און קומט זי נישט — לויפן קיין ליאָן. דו האָסט זי שוין גענוג געהאַט... איך וועל זי שיצן קעגן די דייטשן. און איינציייטיק אָפּהיטן מיינע בילדער, צוגרייטן די אויסשטעלונג...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. עס האָט אים אַ מיש געטאָן אין קאָפּ. ער האָט אָפּגעשטעלט דעם וואָגן. עס האָט אים גענומען איבלען. ער האָט זיך אַרויסגעבויגן דורכן פענצטער און אָפּגעבראָכן.

— ביסט שיכור! האָט מאַרק אויסגערופן און אָפּגעשאָקלט זיך פון זיין געפּלעפּטקייט.

— גאַנץ מעגלעך.

— נישט גאַנץ מעגלעך, נאָר מער ווי זיכער. איצט פאַרשטיי איך שוין...

— וואָס פאַרשטייסט דו? האָט ער אים איבערגעהאַקט.

— אַז דאָס אַלץ, וואָס האָסט אַקאָרשט געזאָגט, איז נישט מער ווי...

— זאָל זיין, אַז דו ווילסט עס אַזוי אויסטייטשן.

ער איז אַרויס פון וואָגן. געשטעלט זיך ברעכן. ער האָט גע־מאַכט עטלעכע טריט אַהין און אַהער. געדרייט זיך עטלעכע מאָל אַרום וואָגן, און געשטעלט זיך באַנעצן אַ ראָד...

פּלוצים האָט זיך דערהערט אַ הילכיק רוישן פון דער זייט פון ים. דייטשע עראָפּלאַנען. זיי האָבן זיך דערנענטערט צום ברעג, אַראָפּ־געניִדערט, פאַרקערעוועט צום וועג, און אָנגעוואָרפן פּחד.

פלאָריאַן האָט געעפנט די הינטער־טיר, אַ צי געטאָן זיין חבר און געשלעפּט אים אַראָפּ פון וועג אינעם הויכן גראָז אַריין.

זיי זענען אַזוי געלעגן אַ צייט, אַ סך לענגער ווי די דייטשע עראָפּלאַנען האָבן זיך געדרייט אין דער געגנט.

ביי מאַרקן האָט שטאַרק געקלאַפּט דאָס האַרץ און געמאַכט זידן דאָס בלוט אין די אָדערן. ער האָט געפילט, אַז די יסורים פון די קלעפּ זענען אַזוי ווי פאַרשוווּנדן. אָבער נייע יסורים האָבן גענומען אַרומלויפן איבער זיין לייב, צונויפּציִען דאָס האַרץ, און געמאַכט דול דעם מוח, געשטערט אינעם אָטעמען. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, שטעלן פראַגן, אָבער די שטיקעניש אין האַלדז האָט אים נישט געלאָזן עפענען דאָס מויל. די אויגנלעדלעך האָבן זיך פאַרהאַקט און נישט געלאָזט זיך עפענען. נאָר אַ קליין שפּעלטעלע איז געבליבן אָפן אין די ווינקלען אויף אַרויסצולאָזן טרערן.

פלאָריאַן איז געלעגן אין גראָז און געקעמפט מיט אַ שפּאַ־רעניש צום ברעכן. ער האָט זיך עטלעכע מאָל אויפגעזעצט און גע־וואָלט זיך באַפרייען פון דער אויפשטויסנדיקער נישט־גוטסקייט, און נישט געקאָנט. ער האָט געכאַפּט אַ בליק אויף זיין חבר, וואָס ליגט מיטן רוקן צו אים, וואָרפט זיך, זיפצט שווער אונטער, ווי ער וואָלט געוויינט.

טרערן האָבן געגומען רינען פון זיינע אויגן. ער האָט זיך דער־פילט שולדיק. ער האָט זיך געוואָלט דערמאָנען, וואָס אַזעלכעס ער האָט געזאָגט זיין פריינט און צוליב וואָס האָט ער געזאָגט, דאָס וואָס ער האָט געזאָגט. ער האָט פּלוצים געפילט אַ ליידיקייט אין קאָפּ און אַ נעפּל פאַר די אויגן. רעדער, גרויסע רעדער, האָבן זיך גענומען דרייען פאַר די אויגן. און אין די רעדער האָט ער געזען זי, דבורהן, און דאָריס, און מאַרקן, ווי זיי דרייען זיך אַרום און אַרום, יאָגן זיך נאָך, ווילן זיך דעריאָגן, ציען זייערע הענט אויס, לאַנגע דינע הענט, אויסגעצויגענע ווי האָר, און זיי וויקלען זיך צונויף אינעם האָר־גע־קנויל, ווי אַ באַרג מיט שפּין־געוועב צווישן דרייענדיקע מיל־פליג־לען אויפן ווינט... און ווי אַ פליג פאַלט ער אַליין אַריין אינעם שפּין־געוועב און דרייט זיך מיט, דרייט זיך מיט... און אינמיטן געדריי וויל ער אַרויספאַלן אויף מאַרקן, זיין חבר, יאָ — זיין חבר, און שרייען צו אים: „מאַרק, מיין ליבער חבר, זיי מיר מוחל, זיי מיר טויזנטמאָל מוחל. יאָ, דו האָסט פאַרשטאַנען ריכטיק. דאָס איז מיין שולד. נישט מיין שולד, נאָר די שולד פון דער שפּאַרעניש, וואָס יאָגט פון מיין בויך אַרויס. די נישט־גוטסקייט, אָט זע, אָט"...

דער שטאַרקער און איבלדיקער ריח פון ברעכן האָט אויפגע־ריסן מאַרקן פון אָרט. ער האָט פאַרהאַלטן די נאָז און אָפּגעשאָקלט די אויסגעבראָכענע פליסיקייט פון זיין רעקל.

— חזיר! האָט ער אַ שליידער געטאָן אין פּנים פון זיין חבר. מנוול!

— ביסט גערעכט, מיין פריינט. נאָ, האָסטו, שלאָג מיך, שלאָג מיך, איך בין עס ווערט.

ער האָט אים אונטערגעשטעלט דעם קאָפּ, אַרונטערגעשטעלט אונטער זיינע הענט און געבעטן זיך ביי אים:

— נאָ, שלאָג מיך, הרגע מיך, רייס פון מיר די הויט. איך בין אַ מנוול!

מאַרק האָט אים געלאָזט שטיין און צוגעגאַנגען צום אויטאָ. פלאָריאַן איז אים נאָכגעלאָפן. מאַרק האָט אים אַוועקגעשטופּט און זיך אַוועקגעזעצט ביים רעדל. ער האָט אים געעפנט די הינטערשטע טיר און אים געוויזן, ער זאָל זיך אַוועקלייגן.

פלאָריאַן האָט געטאָן אַזוי ווי זיין חבר האָט אים געהייסן.

21

דאָריס האָט געוואַרט אויף זיי.

זי האָט גיך אויפגעגעבן דעם געדאַנק אַרויסצוגנבענען זיך פון שטאָט, הגם עס וואָלט איר לייכט אָנגעקומען. זי איז אָבער געווען שטאַרק מיד און דערשעפּט. און דערצו, נאָכוואָס שאַפן קאָמפּליקאַציעס אירע צוויי פריינט? דאָרטן איז אַ מיליטערישע זאָנע, מיט אַ שטרענגער דיסציפּלין, די געמיטער פון די באַפעל־געבער זענען צעשרויפט, און עס וואָלט געקומען צו נייע סקאַנדאַלן. זי האָט נאָר באַדויערט, וואָס זי האָט תיכף נישט גענומען דעם דאָזיקן באַשלוס, נאָר ערשט איצט, וואַנדערנדיק איבער די גאַסן פון ביאַריץ. זי וואָלט אַזוינאָך געקאָנט פאַרשפּאָרן אירע פריינט דעם פאַרלוסט פון אַ קאָסטבאַרע האַלבע שעה. און אַ שאָד וואָס דער פּלאַן, וואָס איז גע־בוירן געוואָרן ערשט מיטן צופאַל פון דער נאַכט, איז קיינעם פון זיי נישט איינגעפאַלן, זיי וואָלטן דאָך שוין לאַנג געווען צוריק, און אויסגעמיטן אַזוינאָך דעם פּיינלעכן אינצידענט מיטן קאָלאָנעל. זעט זיך אויס, אַז די איבערלעבונגען, דאָס וואָגלען, די מידקייט, און שפּעטער אויך די קלעפּ — האָבן ביי זיי אָפּגעטעמפּט די רעפלעקסן און צוגענומען די פעאיקייט פון גיכער אָריענטאַציע.

אויך זייער העפלעכקייט, איבערטריבענע העפלעכקייט לגבי אַ צופעליק־באַקאַנטער, איז טיילווייז שולדיק דערין.

זי האָט זיך געשעצט גליקלעך, וואָס זי האָט באַגעגנט אַזעלכע דערצויגענע און גוטע פריינט. אָן זיי וואָלט זי דאָך אינגאַנצן אַוועק־געקומען, וואָלט זי זיך געפילט אינגאַנצן איינזאַם אין איר אומ־גליק.

זי האָט געשפּאַנט מיט פולע טריט איבער די פינצטערע גאַסן און געסלעך און געטראַכט וועגן איר לאַגע. אייגנטלעך, איז דאָך איר לאַגע אַ סך ווייניקער קריטיש ווי פון אירע צוויי פריינט. די סכנה, וואָס לויערט אויף זיי איז דאָך אַ סך ערנסטער, אַ סך ממשות־

דיקער. זי האָט געליִיענט וועגן די ראַסן־פאַרפאָלגונגען, וועגן די לײַדן, אויף וועלכע עס זענען אויסגעשטעלט די יידן, אומעטום ווו עס טרעט דער דייטשער שטיוול. זי האָט געלייענט וועגן קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וועגן קינדער וואָס ווערן אָוועקגעריסן פון זייערע מאַמעס, וועגן אַלטע לייט, וואָס ווערן אומגעבראַכט מאַסנווייז און אָן רחמנות, און בלויז דערפאַר וואָס זיי זענען יידן.

זי איז געווען צופרידן, וואָס זי האָט כאָטש מיט אַ קלייניקייט געקענט קומען זיי צוהילף, טיילן זייער איינזאַמקייט און אַרויסהעלפן זיי מיט איר אויטאָ. און אפשר אַ דאַנק דעם, וועלן זיי זיך גיכער קענען ראַטעווען?

א שיכור, וואָס האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס און גערעדט צו זיך, האָט זי פאַרהאַלטן. זי האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיינע הענט. ער האָט געלאָזט פאַלן אַ מיאוס וואָרט, ווי זי וואָלט געווען אַ זינדיקע פרוי, איינע פון יענע... זי האָט זיך געפילט געטראָפן, אַפילו ווען עס זאָגט עס אַ שיכור. אָבער, ניין. ער האָט נישט געמיינט זי. אָט, קייקלט ער זיך ווייטער ביי דער מויער און דערמאָנט דאָס זעלבע וואָרט, אָבער צוזאַמען מיטן נאָמען פון זיין לאַנד, זיין אייגן לאַנד. אַז דאָס האָט זיין אייגן לאַנד זיך פראָסטיטואירט. און נישט זי...

יאָ, זי איז אַן ערלעכע פרוי, וואָס ערלעכער קאָן שוין נישט זיין. זי האָט פּאַטריקן כסדר אָפּגעשטויסן, אָפּגעשטויסן, געהייסן צוריקגיין צו זיין פרוי. ער האָט זי אָבער כסדר פאַרפאָלגט מיט זיין ליבע, מיט זיינע אָפטע באַזוכן, מיט זיינע מתנות. סיווּי לעבט ער נישט מיט זיין פרוי, און ער האָט איינגעגעבן אויף אַ גט. ער האָט איר צוגעזאָגט אַ טייל פון פאַרמעגן, אָבי זי זאָל אים לאָזן פריי. קיין קינדער קאָן זי נישט האָבן, און ער האָט אַזוי ליב קינדער; ער וואָלט וועלן האָבן עטלעכע קינדער, וואָס זאָלן ירשענען זיינע גיטער, זיינע שלעסער, זיין ערן־טיטל, כדי דער נאָמען זאָל נישט אויסגעלאָשן ווערן. זי האָט אים אָפּגעשטויסן. זי דאַרף נישט קיין ענגלישן יחוס, און קיין גיטער, און קיין שלעסער נישט. זי וויל ווייטער בלייבן אַ סקאָטיש, דאָרפיש מיידל, אין איר אָרעמען גאָרטן, אין איר שלאָס... זי וויל ווייטער אַרומלויפן אין די וואַסערן פון דער טעי, וואָס פליסט הינטער דעם שלאָס און פאַלט אַריין ערגעץ

ווייט אין ים אַריין. זי וויל דאָ ווייטער אַרומלויפן באָרוועס, אויף די לאַנקעס, קלעטערן אויף די בערג, אַרומטאַפּטשן ביז די קני אי־נעם וואַסער, אָדער אָוועקלייגן זיך מיטן בויך אַראָפּ און שווימען, אויסמיידנדיק די שפּיציקע פעלדזן־שטיינער, וואָס טיילן פונאַנדער די ברייטע קאַריטע אין קליינע ריטשקעלעך... זי וויל ווייטער בלייבן מיטן טאַטן, וואָס היט דעם שלאָס, וואָס פלעגט די בלומען און פירט מענטשן אַרום צו באַזוכן די דאַאיקע מערקווירדיקייטן... זי וויל ווייטער העלפן דעם טאַטן אינעם גאָרטן, צוהיטן אַז די טוריסטן זאָלן נישט באַשעדיקן די בילדער, וואָס הענגען אויף די ווענט, און די סטאַטועס, וואָס שטייען אין די ווינקלען; זי וויל העלפן סערווירן די הויך־געשעצטע געסט, וואָס ווערן דאָ אויפגענומען, בפרט נאָך אַ יאַגד־פּאַרטי... זי דאַרף נישט קיין אייגענעם שלאָס, קיין איי־גענעם גאָרטן, און קיין אייגענעם גראַף אויך נישט; קיין אייגענע יאַגד־פּאַרטיס אויך נישט...

טאַקע בעת אַזאַ יאַגד־פּאַרטי האָט זי אים דאָס ערשטע מאָל געזען, פּאַטריקן. ער מיט זיין פרוי האָבן געהערט צו די איינגעלאַ־דענע געסט פונעם שלאָס. איינע פון די באַדינערס איז גראָד גע־ווען קראַנק, האָט דער טאַטע זי געבעטן צו פאַרנעמען איר אָרט אַלס וויין־סערווערין. האָט ער דעמאָלט אַזוי אַרויסרופעריש גע־קוקט אויף איר, אַז אַ פלאַש האָט זיך איר אַרויסגעגליטשט פון האַנט, פאַרגיסנדיק זיין יום־טוב רעקל. זי האָט זיך אַנטשולדיקט און אַנטלאָפן מיט אַ געוויין אין וויין־קעלער. ער איז איר נאָכגעלאָפן. ער האָט געגלעט אירע האָר, אירע באַקן, געדרוקט איר האַנט, אַזוי לאַנג ביז זיין פרוי איז געקומען אים אויפזוכן. און יעדעס מאָל, ווען ער איז געקומען, האָט ער זיך געפרעגט אויף איר און געבעטן איר טאַטן, אַז זי זאָל סערווירן אים דעם וויין און נישט קיין אַנדערע: „זי דאַרף זיך אויסלערנען". און געמאַכט איר יעדעס מאָל קאָמ־פּלימענטן, אַז זי קען שוין, אַז זי קען וואָסאַמאָל בעסער...

ער האָט געגומען קומען אָפטער. יאָ אַ יאַגד־פּאַרטי, נישט קיין יאַגט־פּאַרטי. ער פלעגט קומען אַנגעטאָן אַלס זשאָקעי, און אויס־פּרווון די פערד פונעם שלאָס־שטאַל. יאָגן זיך איבער די בערג און פעלדער, און אַריינפאַלן אַ מידער אין קעלער, אַרומזוכן זי און פאַר־לאַנגען, אַז זי זאָל אים באַדינען, נאָר זי, און פון די בעסטע און

פריש־געצאַפּטע ווייַנען. דערנאָך פלעגט ער זי צודריקן צו די פּע־סער. זי האָט זיך געוועדט, אָפּגעשטויסן. ווי קומט אַזאַ אַדעליקער האַר צו איר, דעם פּשוטן דאָרפס־מיידל ? ער האָט גערעדט צו איר רייד, וואָס זי האָט צום ערשטן מאָל געהערט. ער האָט איר געשאָפן הנאה, וואָס זי האָט קיינמאָל פריער נישט געהאַט. ער האָט זי אַרויפ־געכאַפּט אויפן פערד און אַנגעטריבן אים אין אַ ווילדן גאַלאָפּ, ביז דאָס פערד האָט זיך כעסיק צעהירזשעט, און זיי ביידן אַ שליידער געטאָן פון זיך. זענען זיי געבליבן ליגן אינעם הויכן גראָז ביז דער טאַטע איז געקומען, גייענדיק נאָכן קול פון פערדס הירזשען, און האָט זיי פונאַנדערגעריסן...

און אַט איז דער שלאָס. ניין, דאָס איז נישט קיין שלאָס, הגם עס כאַפּט אָן ענלעכקייט פון פּאַרענט. דאָס איז דער פּאַלאַס־האָטעל. דאָ האָט זי פאַרבראַכט מיט אים דעם לעצטן וואַקאַנס, אַ קנאַפּ יאָר צוריק. דער לעצטער וואַקאַנס, איידער ער איז אַריין אין מיליטער. ער האָט זיך פרייוויליק געמאַלדן, כדי פּטור צו ווערן פון זיין ווייב, דער מרשעת, וואָס איז אים כסדר דערגאַנגען די יאָרן, אים נאָכ־שפּיאָנירט און אַרויסגערופן סקאַנדאַלן. האָט ער פאַרלאַנגט צוצו־איילן די גט־פּראָצעדור, און געבעטן מען זאָל אים שיקן אויפן קאָנטינענט. און איר האָט ער געקויפט דעם אוסטין, אַז זי זאָל אים נאָכפאָרן קיין פראַנקרייך, און זיך געפינען נישט ווייט פון אים, נאָכפאָרן זיין אייגנהייט...

22

זי איז גיך פאַרבייגעלאָפן דעם פּאַלאַס־האָטעל, בכדי זיך נישט צו דערמאָנען דעם גליקלעכן חודש, וואָס זי האָט דאָ פאַרבראַכט מיט איר פּאַטריקן. ניין, נישט איצט איז די צייט זיך צו דערמאָנען דאָס אַלץ, ווען פּאַטריק ליגט מסתמא ערגעץ אין אַ שפּיטאָל אין שווערע יסורים, אַז עס איז אים אַפילו נישט מעגלעך צו געבן אַ ידיעה זיין דאַריס.

און אויך וועגן דער פּלאַזשע דאָ, ווײַל זי נישט טראַכטן. ער האָט געדונגען אַ געבלימלטן געצעלט, וואָס פּאַרמאַכט זיך פון אַלע זײַטן, און אינעווייניק, אויפן זאַמד, האָבן זיי ממשיך געווען אינמיטן טאָג דאָס נישט־פאַרענדיקטע גליק פון דער נאַכט... און דערנאָך — אינמיטן פון די ברויזנדיקע כוואַליעס. אָט האָט געריבן דאָס זאַמד איר רוקן, אָט איר פּאַרענט, און אָט האָט געשניטן דער ים פון אַלע זײַטן, און אַרום און אַרום האָט מען זי געשטאָכן מיט די אויגן, מקנא געווען, נישט פאַרגונען דאָס גליק...

ניין, זי וויל נישט טראַכטן וועגן דעם אַלעם.

דער ים איז שוואַרץ. שוואַרצע כוואַליעס יאָגן זיך איבער און ווילן אײַנע פריער פון דער צווייטער פאַרדעקן דעם זאַמד־שטח אַרום ברעג. ערגעץ ווײַט הוידען זיך ברעקלעך לבנה אויף כוואַליע־רוקנס און בלײַבן פונדערווײַטנס, דערגייען נישט אַהערצו.

געווען אַ נאַכט אַזאַ ווי הײַנט. האָט ער געדונגען אַ מאָטאָר־שיפל און באַפוילן דעם אָנטרייבער ער זאָל פאָרן פּייל אויסן בויגן: „זעסט דאָרטן, שטיקער ליכט אויף דעם הויכן רוקן פון ים? פאָר אַהינצו, און זאָל זײַן ליכטיק!“.

דאָס שיפל איז געשפּרונגען און געהוידעט זיך, אַז אָט־אָט דרייט עס זיך איבער. האָט ער זי צוגעדרוקט פעסט צום באָדעם, צוגעדעקט מיט זײַן שווערן גוף, אַז זי זאָל נישט אַרויספאַלן: „דאָ איז נישט דאָס פלאַכע וואַסערל הינטער דײַן שלאָס; דאָ איז טיף און אין די טיפענישן לויערן אויסגעהונגערטע רעקינס“.

זי האָט גענומען לויפן. זי האָט נישט געוואָלט טראַכטן וועגן אויסגעהונגערטע רעקינס אין די טיפענישן פון ים. זי האָט בעסער געוואָלט טראַכטן וועגן איר היימישן טײַך, וואָס מען קאָן אַדורכגיין צופוס פון איין ברעג צום צווייטן און אויב מען וויל — זיך לאָזן אַוועקטראָגן מיטן קיצלדיקן שטראָם. און מען מוז אומעטום האָבן די אויגן נישט צו צעשטעכן די ברוסטלעך... און אויב מען וויל, קאָן מען כאַפּן מיט די בלויזע הענט קליינע פישעלעך, וואָס פּלאָנ־טערן זיך דאָ אַרום און ווילן זיך נישט צעקלאַפּן אין די שפּיציקע שטיינער, ווילן נישט פאַרלירן קיין אײנציקע שיפּ פון זייער גאָל־דענעם בגד.

יאָ, ווי גייט עס דאָרטן דאָס מעשהלע מיט דעם גאָלדענעם פּישעלע און דעם דאָרפס־מיידל? אַן אַלטער קעניג האָט אַריינגע־לאָזן, פון פינגער אַראָפּ, זיין בריליאַנטענעם רינג אין וואַסער אַריין. דער רינג איז איינגעשלונגען געוואָרן דורך אַ גאָלדן פּישעלע. האָט דער אַלטער קעניג געזאָגט: דאָס מיידל, וואָס וועט געפינען דאָס פּישעלע, וועט באַקומען דעם פּרינץ פאַר אַ מאַן, און ווערן גע־קרוינט אַלס מלכה... יאָ, איז עס געווען אַ פּשוט דאָרפס־מיידל, וואָס האָט געפונען דאָס פּישעלע, און געבראַכט עס צום קעניג. האָט דער קעניג געהייסן אויפשניידן דאָס פּישעלע, מען זאָל אַרויסנעמען דעם רינג. האָט דאָס מיידל גענומען וויינען, ביטער וויינען, ווייל דעם פּישעלע וועט וויי־טון. האָט דער קעניג געזאָגט צום מיידל: „אַז דו ביסט אַזאַ גוטע, האָסט דו מיט דעם אַליין שוין פאַרדינט צו ווערן דעם קרוינפּרינצס פרוי". אָבער דעם קעניגס וואָרט איז וואָרט, און אַזוי לאַנג ווי דער רינג וועט נישט אַרויס פונעם פּישעלע, קען זי נישט ווערן קיין מלכה. מען האָט זי דערווייל אַריינגענומען אינעם שלאָס, באַקליידט אין זייד און גינגאָלדענע שלייערס, געגעבן עסן פון שענסטן און פון בעסטן, און זי איז געזעסן נעבן פּישעלע און געוואַרט. געוואַרט ביז דער רינג וועט אַליין אַרויס, אָן יסורים. און דער פּרינץ איז געזעסן דערנעבן, געזונגען ליבע־לידער און גע־זיפצט. און געוואַרט. און ווען דאָס פּישעלע איז אַלט געוואָרן און פון עלטער געשטאָרבן, איז דאָס רינגל אַליין אַרויס. און ווען מען האָט דעם דאָרפס־מיידל אָנגעטאָן די קרוין, איז איר גליק געווען אַזוי גרויס, אַז איר האַרץ איז דערפון געפּלאַצט, און זי איז גע־שטאָרבן...

23

זיי האָבן זי געפונען ליגן אינעם הויכן גראָז, נעבן ליכט־טורם. איר קאָפּ איז געווען אונטערגעהויבן, געפירט אויף אַ רונדיקן פעלדז־שטיין, אַ באַדעקטן מיט מאָך.

איר פּנים איז געווען פאַרדעקט מיטן קאָפּ־טיכל און די האָר

פונאַנדערגעלאָזן. זיי זענען געפאַלן פון בײדע זייטן שטיין און אױס־געמישט זיך מיטן גראָז. די ברוסטן זענען געווען אָפּגעדעקט. די הענט — אויסגעצויגן און די פינגער צונויפגעוויקלט מיטן גראָז. אירע פיס זענען געווען באָרוועס און פונאַנדערגעעפנט. דאָס קלײדל און אונטערוועש זענען געווען אַרױפגעשאַרצט ביז ווייט איבער די קני.

דער טורעם איז געשטאַנען גראַד, הויך און אָן לעבן. קאַרגע לבנה־שטראַלן, וואָס ווייטע כוואַליע־בערגער האָבן געשליידערט מיט קראַפט אַהערצו, האָבן נישט באַוויזן צו דערגיין ביז אױבן אַרויף. אפשר מיט כוונה? בכדי נישט קעגנצושטעלן זיך דעם רצון פון מענטש, וואָס האָט פאַרמשפּט די טורעם־לאָמטער צו חשכות.

דער ערשטער געדאַנק זײַערער איז געווען: ווער ווייסט צי איז זי נישט פאַרגוואַלדיקט געוואָרן דורך אויסוורפן, וואָס האָבן גע־נאָסן פון אַן אײַנזאַמער און שוצלאָזער פרוי? מסתמא זענען זיי איר נאָכגעגאַנגען, און דאָ, ווייט פון אַן אויג, ווייט פון אַן אויער, זענען זיי איר באַפאַלן, און באַצוווּנגען.

זי האָט געאָטעמט. איר פאַרענט האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ. אירע ברוסטן זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען, און האָבן זיך מיט־געהויבן, אַרויף און אַראָפּ, און אין אַ זייט.

זיי האָבן נישט געפונען קיין שום סימנים פון ברוטאַליטעט. די בלוזקע איז געווען פונאַנדערגעקנעפּלט און די קנעפּלעך האָבן זיך גע־האַלטן אויף זייער אָרט. נישט געווען קיין צייכן פון אַ ריס, פון אַמ־פּערניש, אויף די הוילע אַראָפּגערוקטע ברוסט־נעסטן, וועלכע דער ווינט האָט אומזיסט געוואָלט אויספולן, צוריקגעבן זיי זייער פריערדיקע פאָרם.

זיי האָבן געטראַכט: אפשר האָט זי זיך אונטערגעגעבן פון גוטן ווילן, אָן וועלכן עס איז ווידערשטאַנד? אַ מידע, אַן אויסגעמאַטערטע, אַ שוצלאָזע, אין קלעם פון הפקר און איבערמאַכט? און אפשר האָבן זיי זיך גאָר טועה געווען וואָס שייך איר אָנשטענדיקייט? אפשר איז זי גאָר אַ...

— **עס** מוז איר זײַן קאַלט, האָט מאַרק זיך אָנגערופן קוים צו דערהערן. זי וועט קראַנק ווערן און נישט קענען מיטמאַכן די רײַזע אַהיים. מען דאַרף זי אויפוועקן.

— ניין, האָט פלאָריאַן געזאָגט שטיל און געשאָקלט מיט דער האַנט.

מאַרק האָט אַראָפּגענומען דאָס רעקל און געוואָלט צודעקן איר פּאַרענט.

פלאָריאַן האָט נישט געלאָזן.

— גזלן! האָט ער אויסגערופן. דאָס איז דאָס שענסטע בילד, וואָס איך האָב ווען עס איז געזען אין מיין לעבן. צעשטער עס נישט, איך בעט דיך!

— דו ביסט דער גזלן, נישט איך. זי וועט זיך צוקילן. מען מוז זי אויפוועקן!

— ניין, נאָכנישט. שפּעטער! לאָמיך דערווייל אַנזעטיקן מיט דעם בילד. דאָס איז דאָך קיין בילד נישט, מיין חבר, דאָס איז דאָך כישוף. צי האָסטו אַמאָל אין דיין לעבן, מאַרק, זיך אויסגעמאָלן כישוף? אָט דאָס איז עס. און נישט נאָר דאָס, נאָר אַ סך מער ווי די פאָרשטעלונג קען גרייכן.

ער האָט אָנגעכאַפּט אַ זוים פון טיכל, לייכט אונטערגעהויבן און מיט אַ העפטיקן שלעפּ אָפּגעדעקט איר פּנים.

— קוק זיך איין, מיין חבר! מען דאַרף נישט זיין קיין מאָלער, קיין פּאָעט, אָה, ניין. די אויגן, מאַרק, די וויעס, די לייטזעליקייט, וואָס אויפן גאַנצן פּנים. און דער האַלדז, דער האַלדז, מיין פריינט, קוק זיך איין, ווי ער ציט זיך אַראָפּ, צווישן די ברוסטן און נאָך מער אַראָפּצו, ווי ער וואָלט אַרויסגעוואַקסן פון איר נאָפּל. צי האָסטו שוין געזען, מאַרק, אַ האַלדז, וואָס וואַקסט אַרויס פון אַ נאָפּל, האַ?

— איך זע איינס, פלאָריאַן, אַז דאָס שיכורות איז דיר טיף פאַר־קראָכן אין די ביינער. אַז דו האָסט דיך נאָך אַלץ נישט אויסגעניכ־טערט. דו וואָלסט אפשר גיכער געדאַרפט נעמען אַ באָד, אינעם ים...

— הער, מיין פריינט, עס האָט זיך שוין געלוינט די גאַנצע מלחמה, אויב זי האָט מיך געדאַרפט דערפירן צו דעם מאָמענט, צו דעם כישוף... יאָ, עס האָט זיך געלוינט, ברודערקע!

— איך זע נאָר איין אויסוועג פאַר דיר, זע איך: אַ קאַלטע באָד אין ים. דאָס קאַלטע וואַסער וועט דיך אויפפרישן, דיך אויסניכטערן.

פלאָריאַן האָט אַרונטערגערוקט בײדע הענט, ווי שאָוולען, אונ־טער איר לייב, אונטערגעהויבן, זי גוט אַוועקגעזעצט אויף די אָרעמס און געלאָזט זיך לויפן מיט איר אַראָפּצו.

— ווו לויפסטו?! האָט מאַרק אים נאָכגעשריגן אַ באַנומענער.
— איך לויף נישט, איך לויף נישט, נאָר איך פלי!
— דו ביסט משוגע געוואָרן, ווי איז מיר!
— עס איז גוט אַזאַ משוגעת, עס איז גוט!
— גראָד איצט, פלאָריאַן, גראָד איצט? וואָס טוסטו?
— איך פלי צום ברעג, צום וואַסער, צו דער לבנה! אָט, זעסטו דאָרטן, אין וואַסער, שטיקער לבנה, וואָס גייען אונדז אַנטקעגן? איך וויל נאָך מער כישוף, נאָך מער!

מאַרק איז נאָכגעלאָפן.

ער איז אַריין אין וואַסער, טראַגנדיק זי אַקעגן דעם לבנה־פלאַסטער, וואָס האָט דערנענטערט זיך מיט ציטערדיקע שפרונגען. אַ שפרונג אַהער. אַ שפרונג צוריק. אַ שפרונג אַהער. אַ שפרונג צוריק. און שוין.

זי האָט זיך איבערגעוועקט, זיך אַ וואָרף געטאָן און ווידער אַנט־שלאָפן געוואָרן.

— גוט אַזוי, גוט אַזוי! האָט ער זיך ביי איר געבעטן. שלאָף. שלאָף נאָך אַ ווייל. אָט קומט אָן אַ נייע שיף מיט לבנה, אַ גרעסערע שיף לבנה. שלאָף, מיין טייערע.

מאַרק איז געשטאַנען ביים ברעג און זיך געבראָכן די הענט. ער האָט מורא געהאַט פאַר אַן אומגליק, אַ גרויס אומגליק.

ער האָט גיך אַראָפּגעוואָרפן די שיך, די הויזן, און אַריין אין וואַסער.

ווען ער איז געקומען אויף דער הויך פון זיין פריינט, האָט ער אים אָנגעכאַפּט מיט ציטערדיקע און פאַרקרעמפטע הענט.

— באַזין דיך, איך בעט דיך. אין גאָטס נאָמען, פלאָריאַן, פלאָר־יאַן!

— נו, שריי נישט, גזלן! דו וועסט זי איבערוועקן. נאַ, האָט ער אים געבעטן, דערלאַנגעדיק דאָס מיידל. קום אַהער. אָט אַזוי, אָט אַזוי. צי אויס די הענט, אָט אַזוי, מער צו דער לבנה! אָט אַזוי, האַלט זי פעסט. טו, ווי איך זאָג דיר...

און ער האָט זיך געשטעלט דערנעבן קוקן.

— גוט אַזוי, דעם קאָפּ אונטערגעהויבן, מער צו דער לבנה!

ער האָט זיך געשטעלט אין אַ זייט.

— און איצט בייג אויס דאָס בילד, ריר זיך אַ טריט לינקס. שטיי אַזוי, מיין ליבער. נאָך אַ קליינעם טריט לינקס, מיטן פּראָפיל צום וואַסער. איך בעט דיך! אַ קליינעם טריט רעכטס און הינטערווייליקעצך. איך בעט דיך. האָב רחמנות.

און מאַרק האָט אויסגעפּירט געטרײַ זיינע באַפעלן. געהאַט מיט אים רחמנות.

24

פלאָריאַן האָט זי אַרויסגעריסן פון חברס הענט און אַרויפ־געלאָפן מיט איר אויפן בערגל, צום ליכט־טורעם, אויפן פריערדיקן אָרט.

ער האָט אַנידערגעקניט נעבן איר און געקוקט. ער האָט זיך צוגעזעצט צו איר און געקוקט, אַריינגעשטעקט זיינע אויגן אין איר פּנים, אין איר לייב, כדי בעסער צו זען, צו פילן, צו נערן זיך מיט איר כישוף, ביז צו דער זעט, ביז איבער דער זעט.

— דאָס ביסט דו, מיין געליבטער?

ער האָט נישט געענטפערט.

— רוק זיך צו. איך וויל פילן דיין נאָענטקייט. נאָך נאָענטער.

ער האָט זיך צוגערוקט.

— דו ביסט נאַס, מיין געליבטער. נאַס, ווי דאָס גאָלדענע פּי־שעלע. פאַרוואָס זינגסטו מיר נישט קיין ליבע־לידער? ווייל איך בין געשטאָרבן?... ווער זאָגט עס, ווער? אָט בין איך צוריק אין דער היים, ביי מיין טייך, מיינע בלומען, מיינע בערג. און איך טו אויס די שיך און לויף אַרום אין וואַסער. און דאָס וואַסער איז קאַלט און שוואַרץ ווי דער ים, שניידט אונטער די פיס. לויף איך צו די פעלדזן, צו די גראָזן; פאַל אַנידער ווי אַ שיכור. און דאָ אינעם גראָז, גיב איך זיך דיר איבער; צום ערשטן מאָל איבער. און איך פאַל אַ טויטע. און דו לייגסט מיר אַ שטיין אונטערן קאָפּ, עס זאָל זיך מיר בעסער ליגן.

איך רייס אַראָפּ דאָס טיכל פון קאָפּ, דעק צו מיין פּנים. איך שעם זיך פאַר זיך אַליין... שפּעטער ביסטו צוריקגעקומען, מיך גענומען אין דיינע אָרעמס און געפלויגן מיט מיר, אַראָפּ, און באַלד אַרויף, ביז צו דער לבנה... און ווידער אַרויף... און אָט ליג איך, אַזוי ווי דו האָסט מיך געלאָזן. אָן אַ קרוין, נישט קיין מלכּה. ווידער אַ דאָרפישע טאָכ־טער. ווידער אַ פּשוט סקאָטיש דאָרפסמיידל...

מארק איז געשטאַנען אַנגעלענט אין דער אייזערנער צוים פון־נעם טורעם און אַרויפגעצויגן די הויזן. טראָפּנס ים זאַנען געריגען איבער זיין לייב און געמאַכט אים ציטערן. ער האָט זיך געפילט מיד, קראַנק. די הייַנטיקע נאַכט, בפרט די לעצטע שעהן, האָבן אים גע־קאָסט מער געזונט ווי אַלע איבערלעבונגען צוזאַמען פון אַ גאַר לאַנ־גער צייט. און נישט סתם אַ קרענק, נאָר עפּעס אַן אומבאַגרייפלעכער צושטאַנד, אַ געמיש פון עקל, אַפּשוי, אַנטוישונג, פאַרראַט, שרעק און נאָך עפּעס וואָס ער האָט נישט געקענט דעפינירן.

ער האָט געזוכט עפּעס אַן אויסטייטש, אַ באַשייד, געוואָלט זיך דערטראַכטן צו עפּעס אַ זין, און נישט געקענט צוזאַמענגעמען די גע־דאַנקען. זיין קאָפּ איז געווען שווער, ווי דער טורעם דאָ וואָלט נישט געשטאַנען אויף דער ערד נאָר אויף זיין קאָפּ. ער האָט זיך פעסט אָנגעהאַלטן אין די אייזערנע שטאַנגען, נישט אומצופאַלן. ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער קאָלאָנע, כּדי נישט צו זען אַ נייע סצענע פון זיין חברס שגעוונדיקן עקסטאַז און דעם מיידלס משונהדיק־גלאַנצנדיקע אויגן, פול מיט לאַקונג און שרעק.

ער איז אַזוי געשטאַנען און געשאָקלט מיטן קאָפּ. מער האָט ער מיט זיין קאָפּ נישט געקאָנט טון. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי זאָגט עפּעס גאָר שטיל, ווי עמיץ וואָלט גערעדט ערגעץ ווייט און ווי פון חלום אַרויס. זי רעדט צו אים, און ער, פלאָריאַן, שווייגט. זי רוימט אים איין וואָסאָמאָל שטילער עפּעס אַ גרויסן און לאַנגן סוד, און ער שווייגט.

„צו אַלדע רוחות", האָט ער געזאָגט צו זיך. „ווי לאַנג וועט אַזוי אָנגיין דער דאָזיקער טייוולאָנישער שפּיל, ווי לאַנג ? !".

ער האָט געפילט ווי זיינע קני קלאַפּן זיך אָפּ מיט ווייטיק פון די אייזערנע שטאַנגען, אַמאָל איין קני, אַמאָל די צווייטע, אַמאָל ביידע צוזאַמען. האָט ער זיך אָפּגערוקט, געשטעלט אַ טריט אויף הינטן, צו־

האַלטנדיק זיך פעסט נישט אומצופאַלן. דער ראָסט פונעם אײַזן האָט געשטאָכן און געבריט ווי שפּיציקע גלי־װערעמלעך. האָט ער נאָכגע־לאָזן די הענט, און זײַנע קני האָבן זיך אײַנגעבראָכן. האָט ער זיך אָנ־געכאַפּט אין די הויכע גראָזן, וואָס האָבן זיך געוויקלט אַרום דער צוים, און געבליבן זיצן, מיטן קאָפּ צום פּאַרענט, צווישן צוויי שטאַנ־גען.

25

ביים אַרויספאָר פון ביאַריץ, האָבן זיך שוין די לעצטע צויטן פון סוף נאַכט גענומען באַהעפטן מיט די ערשטע שפּראָצן פון ערב־טאָג, זיך לייגן צוזאַמען אונטער די רעדער פון אויטאָ, און קייקלען זיך אינאײנעם.

אַ וואַלד איז זיי אַקעגנגעקומען אַרויסרופעריש: קוקט, מײַנע ביימער זענען גאָרנישט אַזוי שוואַרץ, ווי עס קאָן זיך דוכטן! און די ביימער האָבן אונטערגעכאַפּט: קוקט, מיר זענען נישט בלויז וואַלד, מיר זענען אויך ביימער, איינער און איינער; סיידן איר זאָלט קוקן אין דער טיף.

דאָריס האָט אַרויסגעהילט זיך דורכן פענצטער און געקוקט אין דער טיף, ווי זי וואָלט וועלן וויסן וואָס עס טוט זיך דאָרטן. זי איז צו־געפאָרן נאָענטער צום ראַנד, צו די ביימער, און פאַרהאַלטן דעם אויטאָ.

— זייט מוחל, האָט זי געזאָגט, און געלאָזט זיך לויפן צווישן די ביימער. באַלד קומען. זייט מוחל!

— ווידער עפּעס אַ משוגעת, אַ נייע? האָט מאַרק אַ ברום געטאָן. עס נעמט קיין סוף נישט היינט!

פלאָריאַן האָט איר נאָכגעקוקט, געזען ווי זי פאַרשווינדט, האָט ער אויסגעדרייט זײַן פּנים צום חבר, מיט אַ שמייכל:

— דאָס מאָל איז עס זיכער אינגאַנצן אַ פּראָזאַאישער געברויך.

מאַרק האָט זיך אויך צעשמייכלט, אָבער מיט אַ סך ווייניקער זיכערקייט.

מארק איז געזעסן מיטן רוקן צו זיין חבר און אַרויסגעקוקט אַ פֿאַרטראַכטער.

— דו קאָנסט מיר נאָך אַלץ נישט מוחל זיין, האַ? האָט ער אים געקלאַפּט אין פּלייצע.

ער האָט געשוויגן און ווייטער געקוקט פֿאַרויס.

— איך האָב דאָך דיר בפירוש געזאָגט, אַז כ'האָב נישט געוווּסט וואָס איך רעד. אַז דאָס האָט פֿון מיר גערעדט דער וויין, דער שאַמ־פּאַן. איך האָב זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון. איך שווער דיר. דריי זיך אויס צו מיר, איך בעט דיך.

מאַרק האָט זיך נישט אויסגעדרייט.

— ווען כ'בין געלעגן אויבן, אויפֿן גראָז, אַן אַנטשפּאַנטער, האָב איך זיך ערשט אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז איך האָב גערעדט שטותים, פֿון וועג אַראָפּ; אַז איך בין באַגאַנגען אַן עוולה לגבי דיר, מיין בעסטן חבר. דאָס האָט געטריבן פֿון מיר דעם שלאָף. איך האָב געטראַכט, אַז ווי נאָר דו וועסט דיך איבערוועקן, וועל איך צופֿאַלן צו דיר און בעטן זאָלסט מיר מוחל זיין.

— אַזעלכע זאַכן קען מען נישט מוחל זיין, קען מען נישט אַזוי גיך פֿאַרגעסן.

— דו האָסט דאָך מיר שפּעטער געגעבן די האַנט.

— איך האָב דיר געגעבן די האַנט, בכדי דאָריס זאָל נישט כאַפּן זיך, אַז צווישן אונדז הערשט אַ ברוגז, אַז מיר האָבן זיך פּלוצים פֿיינט באַקומען, האָט מאַרק אַריינגערעדט אין דער שויב אַריין, מיט אַ קול פֿול תרעומות.

— יאָ, זיכער, ווען דאָס וואָלט געזאָגט געוואָרן ניכטער, ביים קלאָרן געדאַנק, וואָלט עס געווען שווער מוחל צו זיין; וואָלט איך נישט געוואָגט דיר צו קוקן אין די אויגן, צו דיר צו רעדן. אָבער אַזוי?...

— איך וועל דיר לאַנג נישט קאָנען קוקן אין די אויגן און רעדן צו דיר מיטן פּנים אַרויף; עס וועט גאָרנישט העלפֿן...

— איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז איך פֿאָר צוזאַמען מיט דיר און...

— און מיט דאָריסן? האָט ער אים שאַרף איבערגעהאַקט, אויס־דרייענדיק זיך צו אים.

— יאָ, מיט דאָריסן און מיט דיר, אַלע דריי צוזאַמען.

— און אויב, למשל, דאַריס בלייבט, וואָלסטו אַ שטייגער אויך געפאָרן ?

אנשטאָט אַ תשובה, האָט פלאָריאַן אַ שלעפּ געטאָן זיין חבר ביים אָרעם און אַרויסגעצויגן פון אויטאָ.

— נאָך וואָס טויגן מיר די בויך־ סברות ? קום, לאָמיר זיך נעמען צו פּראָזאַאישע זאַכן, טאַקע ווי דאַריס. עס שפּאַנט מיך די בלאָז, ווער פּשוט צעזעצט...

זיי האָבן ביידע זיך אָוועקגעשטעלט נעבן אויטאָ, וועגסזייט, מיט די רוקנס איינער צום צווייטן.

— אָט, איצט, אַז דו שטייסט צו מיר מיטן רוקן, האָט פלאָריאַן געזאָגט מיט אַ געלעכטער, ביסטו אינגאַנצן גערעכט. אָבער זאָג מיר צו, אַז בלויז ביי אַזעלכע געלעגנהייטן...

— און וואָס וועט זיין, אַז דו וועסט דיך ווידער אַנטרינקען, האַ ?

— איך זאָג דיר צו, אַז מער נעם איך נישט קיין טראָפּן ווייַן אין מויל אַריין. איך וועל זיך דערפאַר אַליין באַשטראָפן. וועסט זען.

מאַרק האָט דער ערשטער געענדיקט און אַריין אויף זיין פּלאַץ.

— זעט זיך אויס — האָט פלאָריאַן געזאָגט, אַן אויפגעהייטער־טער, פאַרקנעפּלענדיק די הויזן — אַז זי האָט געהאַט נישט נאָר בלאָז־שפּאַרעניש, נאָר אויך בויך־שניידונג. מען וועט זי אפשר ווידער דאַרפן גיין זוכן...

— נאָר נישט דו, איך בעט דיך, נאָר נישט דו ! דו ווילסט שוין ווידער אָנהויבן מיט דיינע משוגעתן !

ער איז אַרויס פון אויטאָ, אויסגעשפּרייט די אָרעמס, ווי ער וואָלט אים וועלן פאַרשטעלן דעם וועג.

פלאָריאַן האָט אויך געעפנט זיינע אָרעמס, אַרויפגעפאַלן אויף מאַרקן און אים אַרומגענומען, געדרוקט פעסט צו זיך. מאַרק האָט אַראָפּגעלאָזט די הענט, נישט געקאָנט פועלן ביי זיך אַרומצונעמען זיין חבר.

עס האָבן זיך דערהערט אירע לויפנדיקע טריט און דאָס גע־בּרעך פון צווייגן און שפּענער אונטער אירע פלינקע פיס.

— זייט מוחל, האָט זי געזאָגט אַ זשענירטע.

זי האָט זיך צוגעבויגן צום שפּיגעלע און גענומען אַגלייגן אירע האָר.

— איך זע אויס ווי אַ פייגל־געשפּענסט אין פעלד, בעת אַ שטור־

רעם, האָט זי געזאָגט. קוקט נישט אויף מיר, יונגעלייט, איך בעט אייך.
דערנאָך האָט זי זיך געפּאָרעט מיטן קאָפּ־טיכל און עס פאַר־קנופּט מיט אירע קונציקע פינגער פון הינטן.

פון דער ווייטנס האָבן גענומען אַרויסטויכן די טורעמס פון דער באַיאָנער קאַטעדראַלע. אַ גלאָק האָט גענומען דערמאָנען גלוי־ביקע, אַז עס איז צייט צו קומען דאַנקען דעם באַשעפער פאַר אַ נייעם פרימאָרגן.

דאָריס האָט אויטאָמאַטיש אַ דריי געטאָן דעם קנאָפּ פון ראַדיאָ־אַפּאַראַט. דע־גאָל האָט געהאַלטן ביים פאַרענדיקן זיין רוף פון לאָנ־דאָן. דער ספּיקער האָט דערנאָך געזאָגט, אַז דער פאַרראַט פון פּע־טענען איז אַ טאָטאַלער און אַז מאָרגן וועט היטלער אַליין קומען זיך פאַרנייגן פאַרן אומבאַקאַנטן זעלנער ביים פאַריזער טריאומף־טויער, און דערנאָך וועט ער צוזאַמען מיט גערינגן אויפנעמען אַ דעפּילאַדע אויף שאַנז־עלידזי. דער גאַנצער ווידערשטאַנד פון פראַנקרייך איז געבראָכן. די דייטשן איילן זיך מיט ריזן־שריט צו דער שפּאַנישער גרענעץ און דערנענטערן זיך צום באַסקן־ברעג...

— יאָ, האָט זי איבערגעריסן דעם ראַדיאָ, און אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף הינטן. ווי האַלט איר טאַקע מיט אייער שיף? נישטאָ מער קיין צייט צום פאַרלירן: איר הערט דאָך...

— מיר האָבן גוטע נייעס, האָט מאַרק געענטפערט מיט אַ זי־כערן טאָן. און נישט נאָר פאַר אונדז, נאָר פאַר אייך אויך.

— דאָס הייסט?

— פאָרט, מיר וועלן אייך שוין זאָגן שפּעטער. פאָרט!

— פליז! האָט פלאָריאַן זיך פאַרנייגט העפלעך ביז צו איר פּנים.

26

די באַן־סטאַציע איז געווען כמעט ליידיק. עטלעכע שלעפּערס האָבן זיך געוואַלגערט אויף די בענק, מיט די רוקנס צום הויפּט־איינגאַנג. איינער האָט געשאָלטן, הלמאַי מען קומט שטערן די רו, אַז קיין באַנען זענען נישטאָ. אין אַ ווינקל, אונטער אַ באַרג מיט צודעקן,

האָט זיך געוואָרפֿן אַ לאַנגער גוף און געשיט שטיקער קללות פֿאַר־בראָקט מיט באַסקישן זשאַרגאָן, סתם אַזוי, אָן צוזאַמענהאַנג.

דער נעכטיקער בריגאַדיר איז געזעסן אויף אַ שטול נעבן בײַ־לעטן־פֿענצטערל און געדרימלט, מיט איין האַנט אויפֿן אָנלען און די צווייטע אויפֿן רעוואָלווער בײַ דער זײַט. ער האָט שטיל אונטער־געשנאָרכט.

דער באַאַמטער איז זיי אַקעגנגעגאַנגען מיט וואַקלדיקע טריט. ער האָט זיך געוווּנדערט וואָס זיי טוען נאָך דאָ. זאָלן זיי כאַטש אַראָפּ־וואַרפֿן פֿון זיך די מונדירן. מען שמועסט, אַז די דײַטשן וועלן הײַנט אַרײַן אין שטאָט, און ווען זיי וועלן כאַפּן אין מיליטערישע בג־דים שיסן זיי אויפֿן אָרט.

מאַרק פֿרעגט אים צי האָט ער נישט באַמערקט צווישן עולם דאָ אַ יונגע פֿרוי. זי האָט אויסגעזען אַזוי און אַזוי. דער באַאַמטער שאָקלט אויף ניין. ער פֿרעגט צי האָט זיך קיינער נישט נאָכגעפֿרעגט אויף אים. ער באַקומט די זעלבע תשובה.

דער גוף אינעם ווינקל האָט זיך אויפֿגעזעצט, אַרויסגעשלעפּט אַ גרויסע פֿלאַש מיט רויטן ווײַן, אַ צי געטאָן מיט רעש, מיט געהוסט, און אויסגעצויגן די פֿלאַש צום באַאַמטן:

— נאַ, סאַקרע פֿיליפּ, פֿאַרליר נישט דײַן צײַט אויף רעדן.

— נאַר דו טרינקסט, נאַר דו טרינקסט, אַלטער תרח. שוין געענוג! מאַכסט דיך אומגליקלעך!

ער האָט גענומען פֿון אים די פֿלאַש, אָפּגעווישט מיטן אַרבל די ברעגן, און געגעבן אַ פֿעסטן זופּ.

— נעם נאָך אַ זופּ, איך האָב דאָ נאָך אַנדערע פֿלאַשן, זאָרג זיך נישט. טרינק, ווען סטו נישט דאַרפֿן צוזען, ווי די „סאַל באָש“ טרעטן מיט זייערע דרעקישע פֿיס אונדזער הייליקע ערד; ווערט דאָס אומ־גליק זײַן קלענער!

פֿיליפּ האָט געגעבן נאָך אַ פֿעסטערן זופּ. דער אַלטער האָט אַ־רויסגענומען נאָך אַ פֿלאַש און דערלאַנגט דעם מידל, אירע צוויי באַגלייטער. אַלע דריי האָבן אָפּגעזאָגט און זיך געזעגנט צום אַרויס־גאַנג.

פֿון ווינקל איז זיי נאָכגעלאָפֿן אַ בייזער פֿאַרוואָרף.

דער שול־הויף איז געווען ליידיק. עס האָבן זיך בלויז געוואַל־גערט דאָ און דאָרט וואַליזעס, פֿאַרמאַכטע, אויפֿגעעפֿנטע, קושנס,

קאָלדרעס, אַ קינדער־וועגעלע. דער הויפּט־איינגאַנג אין דער סי־נאַגאָגע איז געווען פאַרמאַכט.

זיי האָבן אָנגעקלאַפּט אין אַ זייטיקער טיר. זיי האָבן געהערט קלאַפּן נאָך פעסטער. פּלוצים האָט זיך דערהערט פון דרינען אַ ציטערדיק קול פון אַן אַלטער פרוי:

— ווער איז דאָרט?

— מיר קומען זיך באַכפּרעגן...

— נישטאָ דאָ קיינער, בלויז איך, אַן אַלטע פרוי.

— שרעקט זיך נישט. מיר זענען זעלנער, מיר קומען...

עס האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ ספּאַזמאַטישער אויסגעשריי און דער רעש פון אַ שווערן קערפּער, וואָס פאַלט אַ פאַרחלשטער אויפן דיל.

עס האָבן זיך געהערט ראַשיקע טריט אויף יענער זייט טיר, און אַן אַמפּערניש, געוואַלדן, אַ געוויין פון אַ קינד.

— עפנט! האָט מאַרק געשריגן און געקלאַפּט מיט אַלע כוחות אין דער טיר. איך בין אַ דאָקטאָר, איך וועל אייך העלפן!

אַ יונג מיידעלע, ווישנדיק זיך די אייגעלעך פון טרערן, האָט זיי געעפנט.

אַ הינקנדיקער מאַן אין די מיטעלע יאָרן און אַ געל־האָריקע פרוי, אין זיין עלטער, האָבן זיך געפּאָרעט און געשלעפּט אַ פאַרחלשטע אַלטיטשקע צום בעט צו, און געגאָסן אויף איר וואַסער.

דאָס מיידעלע האָט אויפגעהערט וויינען. איר פּנים האָט אויפגעשטראַלט, און אונטערהאָפּסלענדיק, אונטערזינגענדיק, גענומען אויסרופן:

— טאַטע, מאַמע, באָבע, נישט קיין דייטשן, טראַ־לאַ־לאַ; פּאַ פער, באָבע, פּאַ פער...

ווען די אַלטיטשקע איז געקומען צו זיך, האָבן זיך אַלע האַרציק צעלאַכט.

— ווער ווייסט, האָט זיך אָנגערופן דער הינקענדיקער, איבערייסנדיק פּלוצים די הייטערע שטימונג, צי איז עס נישט דאָס לעצטע געלעכטער אין דעם הויז? זאָל גאָט אונדז האַלטן אין זיין שוץ, אונדז און...

— מיר זענען יידן, האָט מאַרק געוויזן אויף זיך און אויף זיין פריינט, מיר זענען געקומען זיך עפּעס באַכפּרעגן.

— און זיין פאָלק ישראל, האָט דער מאַן פאַרענדיקט זיין פריער־דיקן זאַץ.

דאָס מיידעלע איז פלוצים אַרונטערגעקראָכן אונטערן בעט און נאָך אַ רגע אַרויסגערוקט זיך מיט אַ קויטיקן שלאָפּרעקל, שלעפּנדיק אין דער האַנט אַ גרויסע פּופּע, מיט פינטלענדיקע אויגן און מיט אַ מויל, וואָס האָט זיך באַוויגן, און יעדעס מאָל אַרויסגעלאָזן אַ פייף.

— איך האָב געמיינט, האָט דאָס מיידעלע געזאָגט אַן אויפגעע־הייטערטע, אַז עס קלאַפּן דייטשע זעלנער, האָב איך קודם־כל פאַר־שטעקט מיין פּופּע, אַז זיי זאָלן זי מיר נישט צונעמען... אָבער אַזוי ?... איר הערט, זי באַגריסט אייך, זי זאָגט אייך באָנזשור, אויף הע־ברעאיש...

אַלע האָבן זיך ווידער צעלאַכט.

— איר זעט, אַז דאָס איז נישט געווען דאָס לעצטע געלעכטער, האָט דאָריס זיך אָנגערופן צו די באַלעבאַטים. חו וואַיע ? איל פאַ זשאַמע דעזעספּערע, יו אַנדערסטענד ?

דאָריס האָט גענומען דאָס מיידעלע און איר פּופּע אין די אָרעמס אַריין און זיי ביידן געקושט.

עס איז אפשר נישט געווען ריכטיק פון זייער זייט, אָבער זיי האָבן נישט געקאָנט אָפּזאָגן די גאַסטפריינטשאַפט. מען איז אַזוי שטאַרק צוגעשטאַנען צו זיי, און אַזוי האַרציק פאַרבעטן, אַז זיי זענען לסוף איינגעגאַנגען אויסצונוצן דאָס וואַש־צימער, און נעמען אַ טעפּל הייסע קאַפע.

די אַלטיטשקע האָט געבראַכט אַ היימישן שטרודל און דער־לאַנגט צום קאַפע.

— עסט קינדער, האָט זי געבעטן. ער איז נאָך גאַנץ, דער שבת־קוכן, דער ביסן גייט נישט אַראָפּ.

— איך האָב געגעסן, באָבע, האָט די קליינע געזאָגט. פאַרוואָס זאָגסטו, אַז גאַנץ ?

— שווייג מלכהלע, מען פרעגט דיך נישט.

— מען טאָר נישט זאָגן ליגן, באָבע, אַפילו ווען מען פרעגט נישט, האָט זי אונטערגעהאַפּסלט.

די אַלטע האָט גענומען ווישן די טרערן און אַרומגענומען דאָס קעפּעלע פון קינד.

— וואָס מיינט איר, האָט זי זיך געוואָנדן צו די צוויי זעלנער. אַזעלכע קליינע קינדער וועלן זיי אויך הרגענען? אַזעלכע קלוגע יידישע קעפּעלעך אויך? אַ שאָד, אַז עס זאָל זיי אַ האָר אַראָפּפאַלן פון קאָפּ.

— מיך וועלן זיי נישט הרגענען, באָבע. איך האָב נישט קיין מו־ראַ פאַר די דייטשן. אָה, קוק, איך בין שטאַרק. זי האָט אַ הויב געטאָן איר שוואַרצע פּופּע מיטביידע הענטלעך אין דער הייך, כדי צו באַ־שטעטיקן דאָס וואָס זי האָט געזאָגט, און אויסגערופן מיט פּאַזע:

— נו וועגקראָן, פאַרסקע נו סאָם לע פלי פאָר!

— און פונקט ווי נאַאיווע קינדער, האָבן מיר אויף אַן אמת געגלויבט דעריין, האָט געזאָגט איר פאָטער. איז דעריבער די אַנטוי־שונג גרעסער. ווער האָט געקאָנט צולאָזן צו זיך דעם געדאַנק, אויף אַ רגע אַפילו, אַז דאָס שלעכטס וועט זיגן.

— נישט מער ווי צייטווייליק, האָט מאַרק אויסגעבעסערט.

— יאָ, איך וויס. עס שטייט אַזוי געשריבן אין אונדזערע הייליקע ספרים. איך בין אָבער נישט מער ווי אַ שמש. מיינע ידיעות זענען, ליידער, זייער אויבערפלעכלעכע. און אויך מיינע פיזישע כוחות זע־נען הינטערשטעליק; ווען נישט, וואָלט איך שוין איצט געווען ביים גענעראַל, אין לאָנדאָן. דער שפּאַנישער קאָנסול האָט געגעבן וויזעס נאָר פאַר יונגע און מיליטער־פעאיקע מענער.

— ער איז אַ צדיק, דער קאָנסול, האָט די אַלטע אונטערגעכאַפּט מיט אַ פרומען טאָן.

— יאָ, ווי האַלט עס מיט די וויזעס? האָט מאַרק געפרעגט ניי־געריק.

— נישטאָ מער קיין וויזעס, ליידער, האָט דער שמש שווער גע־זיפצט. זיין רעגירונג האָט אים פאַרבאָטן. טראָצדעם האָט ער נאָך אַרויסגעגעבן וויזעס ביז שפּעט ביינאַכט; ביז שפּאַניע האָט פאַרמאַכט איר גרענעץ מיט פראַנקרייך.

— ער איז אַ צדיק, האָט די באָבע איבערחזרט.

— דאָס האָט אים געקאָסט געזונט, דעם קאָנסול. ווי אַ קליין קינד, איז ער געקומען צום ראַבינער מיט אַ געוויין, מיט תרעומות אויף זיין רעגירונג, הלמאי מען שטערט אַזאַ הומאַניטאַרע אַרבעט. ער האָט זיך נישט געקאָנט שענקן, וואָס מען פּענטעט זיינע הענט.

— און ער האָט געבעטן דעם רב ער זאָל אים בענטשן, האָט די אַלטע צוגעגעבן.

— דער רב האָט שפּעטער דערציילט, האָט ווייטער געזאָגט דער שמש, אַז לויט אים שטאַמט דער קאָנסול פון די אַנוסים און אַז עס האָט זיך זיכער אויפגעוועקט אין אים דאָס בלוט פון די אבות, אין אַנבליק פון עוולות, מענטשלעכער געפּאַלנקייט, און פיזישער איי־בערמאַכט.

— אַזעלכע אַקטן, ווי דעם קאָנסולס, האָט פלאָריאַן זיך אָנגע־רופן, זענען שטאַרקער ווי פיזישע קראַפט, ווי באַוואָפנטע אַרמייען; זיי גיבן צוריק דעם גלויבן אין גייסטיקער גבורה, וואָס איז אייביק. יריחו איז געפאַלן מיטן כוח פון שופרס...

— און די סקאָטלענדער האָבן באַזינגט די ענגלענדער, האָט זיך אָנגערופן דאָריס, וואָס האָט כסדר געזוכט אַ געלעגנהייט אויך עפּעס צו זאָגן — ווייסט איר מיט וואָס? מיט זייער גלויבן אינעם גערעכטן קאַמף און מיט דער הילף פון שטעך־ און ברי־געװיקסן; און זייט דע־מאָלט איז דער סימבאָל פון סקאָטלאַנד דער „העטזער ענד טסיסל“, יו אַנדערסטענד?

27

אין דער מערי האָבן זיי געטראָפן די סימפּאַטישע פרוי, פּאַ־מעלאַ דעזאָנזש. זי איז זיי אַקעגנגעגאַנגען.

— באַנזשור. לײדער האָב איך נישט פאַר אייך קיין ידיעות. די פּערזאָן, וואָס איר דערוואַרט, האָט זיך נישט געמאָלדן. איך באַ־דויער עס צוזאַמען מיט אייך.

און פון אַ טאָן פון מיטלייד איז זי תיכף אַריבערגעגאַנגען צו חידוש און פּאַניק:

— אָבער גאָט איז מיט אייך, מײנע פריינט! איר גיט זיך גאָר־נישט אָפּ קיין חשבון פון דער סיטואַציע, זע איך. דאָ איז געפערלעך, און דערצו אין מונדירן. אויב איר בלייבט, מוזט איר תיכף אַראָפּ־

וואָרפֿן די מיליטערישע בגדים, אָבער תּיכּף. יעדן מיליטערמאַן, וואָס זיי כאַפּן, דערשיסן זיי אָן רחמים.

און איידער זיי האָבן איר געענטפֿערט, האָט זי צוגעגעבן, אָנ־נעמענדיק די צוויי זעלנער ביי די אָרעמס:

— קומט מיט מיר! איך וועל אייך געבן יעדן אַ ציווילן אָנצוג פֿון מיין זון, ליידער וועט ער זיי שוין נישט דאַרפֿן. איר מוזט שוין אַראָפּוואַרפֿן די מונדירן.

— מערסי, מערסי באָקו, האָט דאַריס זיך אָנגערופֿן, איר זייט זייער פֿריינטלעך. אָבער ביי אונדז שטייט גאָר די פֿראַגע פֿון געפֿינען אַ דריטן מונדיר...

— מיר פֿאָרן באַלד אָפּ קיין סען־זשאַן־דע־ליז, האָט געזאָגט פֿלאָריאַן, מיר גלויבן, אַז עס וועט אונדז געלונגען אַרויפֿצובאַקומען זיך אויף אַ בריטישער שיף, וואָס גייט אָפּ די נאַכט...

— הייסט עס, אַז איר זייט נאָכנישט זיכער? איר גלויבט בלויז? האָט די פֿרוי אים איבערגעריסן מיט אַ פּחד אין איר קול.

— עס הייסט, האָט געזאָגט מאַרק, אַז אויפֿן נאָרמאַלן וועג קאָנען מיר זיך נישט אַרויפֿבאַקומען אויף דער מיליטערישער שיף...

— צוליב דעם מיידל, איך פֿאַרשטיי שוין. נו, ווילט איר זי פֿאַרקליידן פֿאַר אַ סאָלדאַט... נו, גוט, האָט זי אַרומגענומען מיט די אָרעמס אַלע דריי און געשטויסן זיי צום אַרויסגאַנג. קומט מיט מיר, איך וועל דער מאַדמואַזעל געבן מיין זונס מונדיר, וואָס מען האָט מיר צוריקגעשיקט פֿון פֿראָנט, נאָך זיין טויט, זיי זענען פֿון דער זעלבער הויך. מען וועט נאָר מוזן אַביסל שמעלערן, צושניידן. קומט, לאָמיר נישט פֿאַרלירן קיין צייט, יעדע פֿאַרלוירענע רגע קאָן דאָ איצט זיין לעבנס־געפֿערלעך, בפֿרט וואָס מען וועט דאַרפֿן צייט צוצופּאַסן דעם מונדיר.

זי האָט גערעדט אַזוי שנעל און אַזוי אַנטשלאָסן, אַז זיי האָבן נישט געקאָנט אַריינוואַרפֿן קיין איינציק וואָרט.

זי האָט געוווינט אין אַ דערבייאיקער גאַס אויפֿן צווייטן שטאָק. די דירה איז געווען ציכטיק צוגערוימט, איינגעאָרדנט אָן לוקסוס, אָבער מיט אַ סך געשמאַק. פֿון אומעטום האָבן אַראָפּגעקוקט בילדער, מיט אַ טרויער־באַנד אין אויבערשטן ווינקל פֿון דער ראַם. דאָס איז געווען דאָס זעלבע פּנים, נאָר אין פֿאַרשידענעם עלטער.

— דאָס איז מיין יינגל, האָט זי געזאָגט, מיט אַ ציטערדיקן קול.

דאָ איז ער אינגאַנצן צוויי יאָר אַלט, און דאָ — זעקס, ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל גענומען גיין אין שולע. און דאָ גייט ער צו דער קאָמוניע, דערנעבן בין איך און אויף דער צווייטער זייט, אויף דער צווייטער זייט...

טרערן האָבן זי גענומען שטיקן און נישט געלאָזט רעדן. דאָריס האָט איר צוגערוקט אַ שטול און אַרומגענומען זי מיט אַן אָרעם.

— אויף דער צווייטער זייט, האָט זי זיך באַמיט צו באַהערשן, איז זיין פאָטער. באַלד דערנאָך איז ער אומגעקומען פון אַן אַרבעטס־אומגליק, אין דער פאַבריק. איך האָב נישט מער חתונה געהאַט, גע־בליבן געטריי זיין אָנדענק. אַן ענלעכן מאַן וואָלט סיידוי נישט געווען מעגלעך צו געפינען. און איך האָב אים אַליין דערצויגן... געאַרבעט שווער און אים געגעבן לערע, אַן אָנשטענדיק פאַך, און דערפירט ביזן מיליטער. און אָט איז ער, דאָרטן, אינעם מונדיר, פאַרהילט אין שוואַרצן...

דאָריס האָט זי צוגעדריקט פעסט צו זיך, באַגאַסן זיך מיט טרערן.

— אָבער, וואָס זיץ איך? האָט די פרוי זיך אויפגעריסן. איר האָט דאָך אייערע אייגענע צרות, וואָס דאַרפט איר נאָך מיינע? לאָמיר נישט פאַרלירן קיין צייט!

דאָריס האָט אויסגעזען ווי אַן אמתער זעלנער.

און דאָס אַ דאַנק דער שניידערישער אינטואיציע פון מאַדאַם פאַמעלאַ און דער הילף פון די קינסטלערישע פעאיקייטן פון פלאָ־ריאַן. ער האָט אָנגעפירט מיט דער אַרבעט פון אויספּיטערן דעם פאַרענט און די אַקסלען אַזוי, אַז עס זאָלן פאַרווישט ווערן די פרויען־קאָנטורן.

ערגער איז געווען מיט אירע האָר.

מאַדאַם פאַמעלאַ, וואָס איז אַליין געווען קורץ געשוירן, האָט איר דערלאַנגט אַ שער.

מיט אַ העפטיקער באַוועגונג האָט פלאָריאַן זי איר אַרויסגע־כאַפּט:

— ניין, נאָר נישט דאָס, בשום אופן נישט!

— האָר וואַקסן דאָך צוריק, האָט מאַדאַם פאַמעלאַ באַמערקט העפלעך.

דאָריס האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער פלאָריאַן האָט זי אַ שלעפּ געטאָן ברוטאַל צום שפּיגל און גענומען צוזאַמענעמען אירע האָר, צונויפפלעכטן, צונויפפרעסן און פאַרבינדן מיט שטריקלעך.

מאַדאַם פּאַמעלאַ האָט דערווייל אויפגעטרענט די נעט פון מי־ליטערישן בערעט פון איר זון, אים אַנגעמאָסטן אויפן מיידלס קאָפּ, דערנאָך אַרויסגעלאָזן דעם רעזערוו־שטאָף, ווידער אַנגעמאָסטן. און, אַ צופרידענע, געזעצט זיך דעפיניטיוו פאַרנייען.

אַלע זענען געווען צופרידן.

28

מאדאם פּאַמעלאַ האָט זיי באַגלייט צום אויטאָ. די לאַדנס פון די געשעפטן זענען געווען פאַרמאַכט. אויף טייל פון זיי איז געווען אויפ־געקלעפּט, אָדער אויסגעמאָלן אַ גרויסע אויפשריפט: „פּערמע זשיסק׳אַפּרע לאַ וויקטואַר". נעבן אַ קראָם, איז געשטאַנען איינער אויף אַ לייטער און אַראָפּגעקראַצט די אותיות.

— וואָס איילט איר זיך אַזוי, מסיע קריסטיאַן? האָט זי אים געפרעגט פאַרבייגייענדיק.

— מען זאָגט, אַז זיי זענען שוין נישט ווייט, אַז היינט אָונט קומען זיי אָן, מאַדאַם פּאַמעלאַ.

— נו, איז וואָס, מסיע קריסטיאַן? מיינט איר טאַקע, אַז אַלץ איז שוין פאַרשפּילט?

ער האָט געהויבן מיט די אַקסלען, אויפגעהערט קראַצן און גע־פילט זיך שולדיק, וואָס די ווילע מאַדאַם פּאַמעלאַ האָט אים גע־טראָפן בעת דער דאָזיקער אַרבעט.

— איר האָט דאָך געהערט וואָס מסיע ל׳אַבבע האָט געזאָגט זונטיק בעת דער מעסע, אַז מען זאָל אויפנעמען דעם דייטש ווי אַ שונא, און זיך צוגרייטן צום אַנטגילטיקן נצחון, וואָס מוז קומען.

ער איז אַראָפּ פון לייטער. זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט און פעסט געדרוקט.

זי האָט זיך מיט די געזעגנט. געקושט זיך מיט ביידע זעל־נער אַח געכאַפּט אין די אָרעמס אַריין דאָס מיידל, אַריינגעווייבט אין איר האַלדז, נישט געקאָנט זי אָפּלאָזן.

דאָריס האָט זיך אָפּגעריסן פון איר און אַריין אין אויטאָ. זי האָט זיך געגרייט אָנצוצינדן דעם מאָטאָר, אָבער פּלוצים אַראָפּגעלאָזן די האַנט, און אויפגעשפּרונגען פון אָרט:

— און וואָס וועט זיין מיטן אויטאָ?!

— טאָקע, מיר האָבן גאָרנישט געטראַכט דערוועגן, האָט מאַרק באַמערקט.

— אַ כפּרה די אויטאָ, האָט פלאָריאַן אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

דאָריס האָט גיך געעפנט די טיר און צוגעפאַלן צו מאַדאַם פּאַמעלאַ, וואָס איז געשטאַנען דערנעבן:

— מאַדאַם, האָט זי געזאָגט, איר זיט אַזאַ גוטע; בעט איך איך, זאָגט מיר נישט אָפּ! נעמט צו דעם, דעם... אוי־טאָ, נעמט צו, איך גיב אים אייך אַלס מתנה...

— וואָס פאַלט אייך איין, מאַדמואַזעל? איך פאַרלאַנג נישט קיין דאַנק. די בעסטע מתנה וועט זיין, ווען איך וועל וויסן, אַז איר זייט דערפאָרן בשלום קיין ענגלאַנד. און צווייטנס, האָט איר דאָך מיר דערציילט, אַז מיט דעם אויטאָ בינדן אייך אינטימע זכרו־נות...

— און מיט דעם מונדיר, מאַדאַם, בינדן דען אייך נישט אינ־טימע זכרונות, און דאָך האָט איר מיר אים געגעבן...

— מיר מוזן דאָך קודם־כל פאָרן קיין סען־זשאַן־דע־ליז, האָט מאַרק באַמערקט.

— סייווי, מאַדאַם, וועט מען דאָך דעם אויטאָ נישט אַרויפלאָזן אויף דער שיף, האָט דאָריס אַרגומענטירט. און נאָך אַ רגע צוגע־געבן, אין דער צייט ווען אַפילו אונדזער אָרט אויף דער שיף איז אויך נאָכנישט אײַנגאַנצן זיכער...

— וואָס? האָט מאַדאַם פּאַמעלאַ אויפגעשטעלט אַ פּאָר צע־שראָקענע אויגן, און זיך אָנגעכאַפּט אינעם אויטאָ, כדי נישט אומ־צופאַלן. וואָס?!

זיי האָבן זיך געשטעלט אַרום איר און איר דערציילט דעם גאַנצן אמת וועגן זייער רייזע, וועגן זייערע קאָנטאַקטן מיט דער קאָנטראַבאַנדע, וועגן פּאַפּאַל, וועגן בערטראַן. זי האָט זיך אָנגע־האַלטן אינעם אויטאָ, און זיך צוגעהערט. איר פּנים איז פּלוצים געוואָרן אויפגעהייטערט, באַדעקט זיך מיט אַ שמייכל.

— וואַרט צו אַ ווײַלע, האָט זי געזאָגט. איך האָב אַ פּלאַן. איך וועל בײַ אײַך דעם אויטאָ נישט נעמען ווי אַ מתנה, איך וועל אים אָבער אויסבאָרגן, אויף דער צײַט פון קריג... און מיט אײַער דערלויבעניש, וועל איך אים אָוועקגעבן מײַנעם אַ קרובֿ, אַ בריגאַדיר אין דער היגער פּאָליציי... ער האַלט בײַם אָרגאַניזירן דעם היגן ווידערשטאַנד, וועט אים אַ וואָגן ברענגען נוצן... ער וועט אים לאָזן איבערמאָלן, אַז מען זאָל נישט דערקענען אַז ער איז ענגליש, אים פאַררעגיסטרירן אויף אַן אַלטער דאַטע... און שפּעטער, נאָכן נצחון, וועט איר אים קומען אָפּנעמען; ער בלײַבט אײַערער... איך וועל צוהיטן, אַז ער זאָל נישט ווערן צופיל אָפּגענוצט, בלויז צו רעזיסטאַנס־אַרבעט...

זי האָט גערעדט שנעל, ווי עמיץ וואָס וואָלט שוין פון לאַנג געהאַט דורכגעטראַכט אַזאַ פּלאַן. זי האָט זיך אַ רגע אָפּגערוט, און ווידער גענומען רעדן גיך: עס פּאַלט אויס גוט, ווײַל באַטיסט, דער בריגאַדיר, קען דאָרטן אַלעמען אין דער קנײַפּע און לעבט מיט אַלעמען דאָרטן גוט, אַחוץ מיט בערטראַן, אָבער ער האָט דאָרטן אַ קליינע דעה; און דערצו איז פּאָפּאָל אַ גרויסער פּאַטריאָט און אַ שונא פון די דײַטשן... באַטיסט האָט טאַקע געטראַכט אים אַרײַנצוציען אין דער געפּלאַנטער אַרבעט... די קאָנטראַבאַנדיסטן זענען דאָך געניטע געהײם־אַרבעטער און זייער דרייסטע, אַמביציעזע מענטשן; אַזעלכע דאַרף מען דאָך איצטער... נו, וועט באַטיסט שיסן צוויי האָזן מיטאַמאָל... עס זעט אויס עפּעס ווי אַ גאָט־זאַך, ווי אַ גליקלעכער צונויפפאַל פון אומשטענדן, ווי אַ געהיימע האַנט וואָלט מיט דעם אַלעם אָנגעפירט...

זיי האָבן נאָכגעפאָלגט איר געדאַנק און פאַרכאַפּט געוואָרן דורך איר ענטוזיאַזם, דורך אירע איבערצײַגעוודיקע אויספירן, און זיך געטוליעט צו איר, ווי צו אַ מאַמען.

— און איצט, האָט זי געזאָגט, מאַכנדיק זיך אַן אָרט אַוועקצוגיין: איצטער וועל איך גיין אויפזוכן באַטיסטן. ער וועט אײַך אָפּפירן אַהינצו, זען אַלץ ווי אַמבעסטן צו דערלײַדיקן. וואַרט צו, קינדער.

און ווען דער אויטאָ האָט גענומען פאָרן, האָט זי נאָכגעשריגן:

— הער, באַטיסט, זאָלסט נישט צוריקקומען ביז וועסט נישט זען אַפּגייען די ענגלישע שיף, דו הערסט? נישט פריער!

29

פּאַמעלאַ האָט געוואָנדן אירע טריט צו דער קאַטעדראַלע.

זי האָט זיך דורכגעשטופּט צווישן די קניענדיקע פרויען און מענער ביז צו דער באַריערע נעבן דער אַמבאָנע. זי האָט אַנידער־געקנים. זי האָט געבעטן גאָט און כריסטוסן, אַז זיי זאָלן זיך דערבאַ־רעמען איבער די יונגע קינדער און זיי דערפירן בשלום צו דער שיף און דערנאָך — צו די ברעגן פון ענגלאַנד. דערנאָך האָט זי געבעטן פאַר דער נשמה פון איר זון, וואָס איז אַזוי יונג אַוועק פון דער וועלט. און פאַר דער נשמה פון איר יונג־פאַרשטאָרבענעם מאַן. און געבעטן ביי בײדן, אַז זיי זאָלן לויפן זיך מיען פאַר אַלע ליידנדיקע און פאַרן פאַטערלאַנד, וואָס דאַרף נעבעך, אַזאַ גרויסע ישועה, וואָס דאַרף אויסהאַלטן און זיין שטאַרק, כדי צו זיין באַרעכטיקט צו אַ געדעכטן נצחון.

און ווען די קני האָבן איר געגומען ווײ־טון, האָט זי זיך צוגע־זעצט אויף אַ דערנעבנדיקער באַנק, און ווייטער געטאָן תפילה. זי האָט זיך געפילט אַזוי גוט. עס האָט זיך איר גאַרנישט געוואָלט אַרויס־גיין פון דעם הייליקן אָרט. האָט זי געדאַנקט גאָט, און אַלע הייליקע וועזנס בילדער קוקן דאָ אַראָפּ צו איר פון אַלע זייטן, פאַר דעם חסד צו קאָנען טון גוטס צו די דריי יונגע מענטשן. און זי האָט גע־דאַנקט זיי אַלעמען און יעדן באַזונדער, וואָס עס איז איר אונטער־געשיקט געוואָרן די ריכטיקע מחשבה, אינעם ריכטיקן מאָמענט, און אַזוינאָך צוגעהאָלפן אינעם ראַטעווען אַ יונג מיידל, פון ענגלאַנד, פון וואַנען עס דאַרף קומען אַ ישועה אויך פאַרן דערשלאָגענעם פאַ־טערלאַנד — און צווײ יונגע זעלנער, ייִדישע זעלנער... און אַז ייִדן, טאָ וואָס?! זענען זיי דאָך אויך גאָטס קינדער!

דערנאָך האָט זי בלויז געהאַלטן די הענט פון פאַרענט, ווי בעתן געבעט, און געשוויגן, געשוויגן.

ווען זי איז אַרויס אינדרויסן, איז געווען פינצטער. אויפן הימל זענען געשטאַנען שוואַרצע כמאַרעס. עס איז זי צו־ריק באַפאַלן אַ מורא. זי האָט מורא באַקומען, אַז דער שטורעם קאָן שטערן דעם פישער־שיפל אין פאָרן און בעתן אויפלאַדענען זיך אויף דער שיף. האָט זי ווידער פאַרלייגט אירע הענט ווי פריער, און גייענ־דיק, געגומען בעטן, אַז דער שטורעם זאָל זיך איינהאַלטן, איבער־וואַרטן ביז זיי וועלן אַרויף אויף דער ענגלישער שיף.

עס האָבן געגומען פאַלן די ערשטע טראָפּנס. אַ בליץ האָט צע־ריסן אויף אַ רגע די פינצטערניש אַרום די שפּיצן פון דער קאַטע־דראַלע. האָט זי געגומען אויפסניי בעטן: און אַז עס איז שוין יאָ באַ־שערט אַ שטורעם, זאָל ער נישט האָבן קיין שליטה איבער דעם שיפל, איבער דער שיף.

זי איז שטיין געבליבן נעבן איר הויז. זי איז נישט אַריינגעגאַנ־גען. וואָס וועט זי טון ביי זיך אין שטוב? פאַרוואָס זאָל זי זיצן ביי זיך אין שטוב, אין דער וואַרעם, געשיצט קעגן רעגן, אין דער צייט ווען די יונגע קינדער זענען אויסגעשטעלט אויפן שטורעם, און זייער לעבן איז אין סכנה?! ניין, עס וואָלט נישט געווען ריכטיק. זי וויל כאָטש אין אַ גאַר קליינער מאָס, ליידן צוזאַמען מיט זיי. זי וויל נישט יוצא זיין בלויז מיט תחנונים.

מענטשן האָבן אַרויסגעקוקט פון די פענצטער און זיך געוווּנ־דערט, וואָס זי גייט עפּעס מיט אַ געמאָסטענעם טריט, מיטן קאָפּ אַרויף, מיט די הענט פאַרלייגט ווי אין קירכע, און עס אַרט זי גאָר־נישט דער שטורעם־רעגן. זיי האָבן געמיינט, אַז זי איז פון זינען אַראָפּ, משוגע געוואָרן נעבעך צוליב דעם טויט פון איר זון.

עוויאַן, יוני 1966

אַמאָל איז געווען אַ דאָרף

די קדושים וואָס פאַלן אין קאַמף און ליידן —
אַ ליכטיקן גן־עדן.
די וואָס קעמפן ווייטער אָפן און פאַרבאָרגן —
אַ ליכטיקן מאָרגן.

קאַפּיטל איינס

ווען מ׳האָט זיך געגרייט צו האַקן דעם אַלטן סאָסנע־וואַלד אין פּאָטאָק, וואָס געהערט צו די פּאָטאָצקיס, האָט פראַנעק צאַבאַן, פונעם שכנותדיקן דאָרף, אַ צען וויאָרסט אַוועק, זיך מיישב געווען מיט אַנטאָשאַן, זיין ווייב, און באַשלאָסן צו פאַרקויפן דאָס קעלבל, וואָס האָט רייכער געמאַכט זייער אָרעמע ווירטשאַפט מיט אַ קנאַפּע וואָך צוריק, און צו קויפן — אַ האַק.

פראַנעק האָט אָפּגעוואַרט יאָסלען, דעם קצב פון שטעטל, מוצאי־שבת, ווען ער גייט אויפקויפן בהמות אין די דערפער, און אים אַריינגעפירט אין שטאַל. דאָס קעלבל איז געלעגן מיט פאַרפּלאָנטערטע פיסלעך און געדרימלט מיט אַ פאַרלוירענעם קאָפּ צווישן דעם אונטערגעבעטן שטרוי און דער מאַמעס מיסט אויפן דיל. יאָסל האָט אַ גלעט געטאָן דעם קעלבלס בויך, אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן הינטן און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ס׳הייסט: אַ נישקשהדיק פעלכל. דערנאָך אַ קיצל געטאָן אונטערן בויך און אונטערגעהויבן דאָס קעלבל, געלאָזט שטיין אויף די ציטערדיקע פיסלעך, ווי שפּרינגפעדערן, לאָזנדיק ציטערן און וואַקלען זיך אויף אַ ווייל; דערנאָך אַ פּעסטן בלאָז געטאָן, און געשמייכלט אין פראַנעקס באַזאָרגט פּנים אַריין:

— נאָך אַ בלאָז און דאָס קעלבל פאַלט פון די פיס.

— נישט קיין וווּנדער, האָט פראַנעק געגעבן צו פאַרשטיין, אַ צוציק נאָך, קוים אַ וואָך אַלט.

— צו יונג, צו יונג, האָט יאָסל געדרייט מיטן קאָפּ, מוזן נאָך האַלטן עטלעכע וואָכן, אויספּאַשן, אויסלייטישן... בלויז הויט און ביי־נער, קיין ווערט נישט! אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, אָדער חדשים, וועט מען זען, וועט מען רעדן.

פראַנעק איז געשטאַנען אָן לשון, מיט גרויסע אויגן פול מיט געטראַפּנקייט און געקוקט אַמאָל אויף יאָסלען, אַמאָל אויפן קעלבל, אַמאָל אויף דער גלאַנציקער לבנה אויפן הימל, אַמאָל אויף איר ליכ־טיקן שיין, וואָס גיסט זיך אַזוי רחבותדיק אין שטאָל אַריין מיט דער נגידישקייט פון אַ זון.

יאָסל האָט איבערגעחזרט דאָס, וואָס ער האָט פריער געזאָגט און פאַרענדיקט מיט אַ טראָפּ:

— קומען שפּעטער, ווען קעלבל אונטערוואַקסן...

און דערלאַנגט די האַנט:

— האָט מיר גוט, גאָספּאָדאַזשו!

פראַנעק האָט אים דערלאַנגט זיין האַנט. אַרומגענומען פעסט מיט די פינגער און זיך מיישב געווען:

— אַרויסלאָזן?

— נישט אַרויסלאָזן?

אַ ספּאָנטאַנע באַוועגונג פון דער צווייטער האַנט האָט אונטער־געזאָגט:

— נישט אַרויסלאָזן!

ער האָט מיט בײדע הענט געהאַלטן יאָסלס אויסגעשטרעקטע האַנט און געבעטן זיך:

— נעמט עס איצט, איך בעט אייך, איך ברויך געלט.

— ס'וועט דאָך שפּעטער מער ווערט זיין, מער געלט, האָט יאָסל געצויגן זיין האַנט.

— איך מוז שוין האָבן ס'געלט, האָט פראַנעק זיך געבעטן, ווען נישט, גאַרנישט פאַרקויפן דאָס קעלבל, לאָזן ווערן אַ קאַלב, אַ קו, פאַר זיך, פאַרגרעסערן די ווירטשאַפט... נאָר מוז שוין האָבן די פּאָר גילדן, כדי צו קויפן אַ האַק... אָט גייט מען האַקן דעם פּאַטאָ־קער וואַלד...

יאָסל איז געשטאַנען רואיק, דערנענטערט זיך צו פראַנעקן, איינגעבויגן דעם עלנבויגן און איבערגעלאָזט זיין האַנט אין פראַנעקס בעטנדיקע הענט און פינגער:

— האַק? אַ האַק? צו האַקן וואַלד?

— יאָ, צייט צו נעמען זיך צו דער אַרבעט, אַז פֿאַראַן אַ מעגלעכקייט, אַז פּאָטאָצקי זוכט אַרבעטס־הענט, און צווייטנס... אַנטאָשאַ, אַנטאָשאַ ריכט זיך, זי ריכט זיך... זיין אויסגאַבן! מוז טראַכטן וועגן תּכלית...

יאָסל האָט צוגעלייגט זיין לינקע האַנט צו די דריי פֿריערדיקע, פֿריינטלעך געדריקט פֿראַנעקס הענט און געענדערט דעם טאָן:

— אַז אַזוי, איז עפּעס אַנדערש.

פֿראַנעק האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און אַריינגעפֿירט צו זיך אין דער כאַטע.

אַנטאָשאַ האָט אַרויפֿגעשטעלט בראָנפֿן אויפֿן טיש און איינגעגאָסן אַ גלעזל ביזן ברעג פֿאַר יאָסלען, אַ האַלב גלעזל פֿאַר פֿראַנעקן און אַ ביסל, אַ סימבאָלישע שיכט צו באַדעקן דעם באָדעם, פֿאַר זיך.

— נאַ זדראָוויע! האָט יאָסל אַ הויכן קלונג געטאָן מיט זיין גלעזל אין אַנטאָשאַס.

— נאַ זדראָוויע! האָט יאָסל אַ טויבן קלונג געטאָן אין פֿראַנעקס גלעזל.

— נאַ זדראָוויע!

— נאַ זדראָוויע!

— זאָל זיין מיט מזל, פֿראַנעק האָלץ־העקער! האָט יאָסל געקלאַפּט פֿראַנעקן איבער דער פּלייצע.

— זאָל זיין מיט הצלחה און גליק, און נחת און גערעטעניש, מאַמעלע, האָט יאָסל פֿאַרנייגט זיך הכנעהדיק צו אַנטאָשאַן.

— אמן! האָט פֿראַנעק געהויבן ס׳גלעזל אַ צופֿרידענער.

— אמן! האָט אַנטאָשאַ געהויבן ס׳גלעזל אַ שעמעוודיקע.

פֿראַנעק האָט איינגעגאָסן נאָך אַ גלעזל פֿאַר יאָסלען. יאָסל האָט עס אויסגעלײדיקט מיט אַ לאַנגן זופּ און מיט אַ פֿאַרשפּעטיקטן לחיים:

— זאָל לעבן פֿראַנעק צאַבאַן, דער האָלץ־האַקער! זאָל לעבן דער נייער דור צאַבאַנעס! זאָל לעבן די האַק!

און אײדער דער בראָנפֿן איז אים אַריין אין קאָפּ, האָט ער גענומען זיך געזעגענען:

— האַלט נאָך דאָס קעלבל אַ דריי טעג; קומען דינסטיק אַוונט און ברענגען די האַק; די בעסטע האַק אין שטאָט; דאָס שענסטע און טייערסטע וואָס איז נאָר פֿאַראַן אין דער מדינה...

— אפשר נאָך אַ כוסה? האָט פראַנעק געפרעגט, גוטער היי־מישער בראַנפן.

— נייִן, נייִן! מערצישעם דינסטיק ביים מקח, איך וועל ברענגען אַ פלעשל אָקעוויט מיט זיך, זייט ניכטער ביז דינסטיק... האָט מיר גוט, פראַנעק האַלץ־העקער!

— האָט מיר גוט, יאָסעק!

— האָט מיר גוט, אַנטאָשאַ, מאַמעלע!

— האָט מיר גוט, יאָסעק!

זיי האָבן לאַנג נאָכגעקוקט יאָסלען, ביז ער איז פאַרשוווּנדן ווו דער וועג פאַלט אַריין אין טאָל און ווערט אויס וועג. זיי האָבן אויסגעדרייט די קעפּ צו זיך און געקוקט איינער אויפן צווייטן. געלייענט די צופרידנקייט אין צווייטנס פּנים, שווייגנדיק. פראַנעק האָט זיך דער ערשטער אָפּגערופן:

— און שפּעטער זיך אויפשטעלן אַן אייגן הייזל, אַרומצוימען; צוקויפן אַ מאָרגע ערד; און אַ גאָרטן; און אַ מאָרגע פעלד; און אַרויפאַרבעטן זיך; און נישט זיין תמיד אָרעמע פויערים, ווי אַלע צאַבאַנעס...

— יאָ, געררעכט, האָט אַנטאָשאַ צוגעשטימט און אָנגענומען אים פאַר דער האַנט און צוגעפירט צו איר בויך. פאַראַן פאַר וועמען זיך מקריב צו זיין, נישט אמת?!

— אמת, האָט פראַנעק פאַרשטאַנען איר מיין און געפירט מיט די פינגער איבער די צעשפּאַרטע נעט פון איר ברייט קליידל. ס'לעבן מוז אים אָנקומען גרינגער ווי זיינע טאַטע־מאַמע. נישט זיין קיין שקלאַף ביי אַ פּריץ; האָבן אַן אייגענע ווירטשאַפט; זיין אַ באַלעבאָס פאַר זיך...

ער האָט זי צוגעדריקט פעסט צו זיך. אַרויפגעהויבן איר אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, געגומען קושן אירע בלייכע באַקן און קאַלטע ליפּן אַזוי לאַנג ביז זיי זענען געוואָרן רויט און גליאיק. זי האָט אים אַרומגענומען און געקניפּט זיינע פליינצעס מיט צאַפּלדיקע פינגער.

דער קנויט, אינעם אָרעמען נאַפטלעמפּל אויף דער וואַנט, האָט געסרחהט, פאַרוואַנדלט זיך אין קויל און פאַרלאַנגט פרישע פייכטקייט אָדער שנעלע גסיסה. קיינער אָבער איז נישט געווען אין דער כאַטע וואָס זאָל צוגיסן נאַפט אָדער אַראָפּדרייען דעם קנויט, אָדער בכלל געדענקען וועגן דער לאָמפּ אויף דער וואַנט.

קאַפּיטל צוויי

פראַנעק האָט צוגעאַרבעט אַ דעמבן, לאַנגן הענטל פאַר דער האַק און עס באַפּעסטיקט מיט אייזערנע קלינעס צום האַק־לאָך. אַ לאַנג הענטל מיט אַ שמאָלן האַלדז, אַ דיקערן לייב און אַ דיקן פוס, אויסגעהוילט לייכט אין קנעכל, צוגעפּאַסט צו זיינע טפחים. דאָס לאַנגע הענטל האָט דערלויבט אויף אַ גרויסן פאַרמעסט — אויף אַ וויג איבערן קאָפּ און אַ פעסטן זעץ:

— טראַך!

אַ בויג זיך אויף הינטן, אַ פאַרוואָרף הינטערווײַלעכס די האַק אויף דער גאַנצער לענג פון די אָרעמס און דער גאַנצער לענג פון לאַנגן הענטל; אַ פייף פונעם דורכגעשניטענעם חלל; אַ רגעדיקע הפסקה; אַ דערמוטיקונגס־אויסרוף:

— אָה־אָה־אָ־פּ־פּ!

און אַ וויג זיך אויף פאָרנט, אַ בויג פאָרויס, אַ בויג אַראָפּצו; און ווידער אַ פייף פונעם חלל:

— פּ־פּ־פּ־ס־ססס!

און:

— טררראַך!

אַ קרעכץ פון צעשפּליטערטער קאָרע, פון צעשעדיקטן האָלץ. יסורים פון אַ צעמזיקט לייב.

דער ווידוי פון אַ גוסס.

דער לעצטער כאָרכל פון אַן אונטערגעשניטענעם גאָרגל, פון אַ פאַרשניטן לעבן.

מער ווי דריי־פיר קלעפּ האָט ער נישט געברויכט צו געבן מיט דער שאַרף, סיידן דער בוים איז געווען זייער דיק און ביי־

נערדיק. די גאַר דיקעביימער, מחבלדיקע שטאַמען, פלעגן אַנדערע אונטערזעגן און ער פלעגט מיט דער טעמפּער זייט, מיטן רוקן פונעם שטאָל, דערענדיקן:

— טאַם!

אַ גנאַדע־שטויס!

— טראַם!

אַ צושפּיל פון פליענדיקע שטיקער שפּענער.

און בוימער זענען געפאַלן, געבראַכן הענט און פיס, און נאַקן, מיט רויש און גערודער, רייכער מאַכנדיק דעם גראַף פּאָטאָצקי, וואָס האָט פאַר ביליק געלט און ביליקער מלאכה געהייסן האַקן דעם וואַלד פון פאַרטאָג ביז אָוונט.

נאָך דער אַרבעט איז די האַק געשטאַנען אין שטוב אויף אַן אַנגעזעען אָרט, אונטערן הייליקן בילד פון דער מאַטקע מיטן קינד, פון וועלכנס וואונדערלעכער קרוין צעגייען זיך סנאָפּעס שטראַלן, צויבער־שטראַלן, איבערן בילד, איבער דער וואַנט. דאָס שטאָל פון דער האַק, וואָס האָט געגרייכט מיטן אויבערשטן ראַנד צו דער ראַם פונעם בילד, האָט אויך געשטראַלט מיט זילבערנע שטראַלן און זיך אויסגעמישט מיט די שטראַלן פון דער קרוין, אָנפילנדיק מיט כישוף די כאַטע.

אַנטאָשאַ פלעגט פוצן די האַק מיט גלאַנץ־פּאַפּיר, מיט אַ שוואָם פון דראָטענע פעדעם, מיט אַ לייוונט און איבערפוצן מיט אַן עק פונעם פאַרטוך. בשעתן פוצן פלעגט זי זאָגן צו פראַנעקן, וועלכער איז געזעסן אַ מידער און פאַרדייט דאָס עסן:

— טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אַז עס איז נישט קיין האַק, נאָר אַ צירונג... אַ צירונג, וואָס כ׳פלעג פוצן, ווען כ׳בין געווען אַ דינסט ביים פריץ אַמאָל.

און זעענדיק אַז פראַנעק האָרכט זיך צו, איבערקייענדיק אַ ביסן, פלעגט זי צוגעבן:

— און טיילמאָל דאַכט זיך מיר, אַז דאָס איז נישט קיין טויטע האַק, נאָר אַ לעבעדיק באַשעפעניש... ווי ס׳וואָלט געווען נישט אַ שטיק שטאָל און האָלץ, נאָר — זאָל מען זאָגן... דאָס קעלבל! אַזוי צאַרט און ליב ווי דאָס קעלבעלע, וואָס מ׳האָט עס אויסגעטוישט אויף אַ האַק...

פראַנעק האָט עפּעס געברומט אונטער דער נאָז און געקייט אונ־טערברומענדיק.

— און טיילמאָל, האָט אַנטאָשאַ ווייטער גערעדט, דאַכט זיך מיר, אַז עס איז נישט קיין האַק און... נישט קיין קעלבל, נאָר... אַ קינד, ווי דאָס קינד, וואָס געיערט אין מיין שויס...

פראַנעק האָט זי געלאָזט רעדן און דערענדיקט דאָס עסן, גע־לאָזט איר הנאה האָבן פון אירע רייד און אַליין געגאַסן פון זיי, פילנ־דיק אַזאַ ליבע נאָגעניש אונטערן גריבל און אַ הכנעהדיקייט, וואָס האָט אים אָפּגענומען דאָס לשון.

יעדן שבת פלעגט ער אַהיימברענגען די אפּותיקא — דעם ווערט פון אַ וואָך אַרבעט אויסגערעכנט אויף פּאַפּיר־געלט און זילבערנע און קופּערנע מטבעות. פראַנעק פלעגט אַהיימברענגען וואָסאָמאָל מער. דעם גראַפס אַנגעשטעלטער, וואָס האָט געוואַכט איבער דער אַרבעט און געקוקט יעדן אויף די הענט, האָט אָפּגעשאַצט פראַנעקס פליי־סיקייט און אַרויסגיביקייט אין פאַרגלייך צו אַנדערע, און דערפאַר אים געצאָלט מער, לויט דעם באַרגביימער, וואָס ער פלעגט טעגלעך אונטערהאַקן. פראַנעק פלעגט זיך שטאַרק אָנשטרענגען און איז דער־גאַנגען צו אַ טעגלעכן רעזולטאַט, מיט וועלכן אַ האַלבער מנין אַנ־דערע אַרבעטער צוזאַמען האָבן זיך נישט געקאָנט באַרימען. ער איז נישט געווען קיין שטאַרקער; ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מאַן מיט דורכשניטלעכער קראַפט. געווען איז ער פון מיטעלן וווקס, ברייטבייניק, מיט צוויי לאַנגע אָרעמס, ווי ביי אַן אַלטן וואָג־ברונעם אין אַ פאַרוואָרפן דאָרף. האָט ער זיך אַמאָל פּרובירט אין גבורה מיט די פויערים, פלעגט ער מערסטנטיילס פאַרשפּילן. אין אַ געשלעג אָדער אין אַ קאַמף מיט אַ קרעפטיקן פויער אין דער געגנט, איז ער זעלטן געווען דער זיגער. אָבער ווען ס'איז געקומען צו דער אַרבעט אין וואַלד, האָט זיך קיינער נישט געקאָנט גלייכן צו אים. קיינער האָט אין אַ וואָך נישט געקאָנט אַנידערלייגן אַזויפיל ביימער ווי ער אין אַ טאָג. ווען ער האָט געהאַלטן די האַק אין דער האַנט, האָט ער באַזעסן אַן איבערמענטשלעכן כוח, באַוועגן זיך ווי אַ מאַשין — גאַרנישט ווי אַ מענטש. די פויערים האָבן אים מקנא גע־ווען און געגלייבט, אַז עפּעס אַ כישוף זיצט אין דער האַק, נישט אַנ־דערש ווי אַ כישוף. ער אַליין האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון דערפון. ער האָט געפילט אַז די האַק גייט לייכט ווי פון זיך אַליין, אַז

די ביימער פאַלן גיך, און זיך געוווּנדערט פאַרוואָס אַנדערע זענען אַזעלכע קריכערס און לאַ־יצלחס אין דער אַרבעט. פון דער האַק איז ער געווען צופרידן, זי געשווינט ווי דעם גרעסטן אוצר, זיך נישט געשיידט פון איר בשעת דער אַרבעט אַפילו אויף קיין רגע נישט. און אָפטמאָל, באַוועגנדיק זיך מיט דער האַק, פלעגט ער טראַכטן וועגן יאָסלען און אים בענטשן פאַר דער האַק: קלאַפּן און זאָגן אַ ברכה פאַר יאָסלען; דערמאָנענע מיט פרומקייט זיין נאָמען און סילאַבי־זירן אים צום טאַקט פון די זעץ. אָפט פלעגט ער טראַכטן וועגן זיין ווייב, אַנטאָשאַן, וואָס וואַרט אינדערהיים אומגעדולדיק אויף אים און חלומט וועגן אַ גליקלעכער צוקונפט, וועגן דעם קינד, וואָס זי וועט אין קורצן ברענגען אויף דער וועלט און וועגן דעם הייזל, וואָס זיי וועלן אויפבויען מיט אייגענע הענט; וועגן גאָרטן נעבן הייזל. וועגן אַ גרינגער לעבן אויף אייגענעם מיסט...

ער האָט געפילט, אַז מיט יעדן פאַרמעסט, מיט יעדן זעץ, אײַלט ער צו די צייט, ווען די חלומות וועלן ווערן ווירקלעכקייט. ער האָט געפילט, אַז יעדער פאַרדינטער גראָשן איז אַ שטאַפּל, וואָס פירט דערצו. און אַ דאַנק זיין אַרבעטזאַמקייט און עקשנות האָט ער זיך אויסגעאַרבעט גוטע מוסקולן און אַ געוויסע אויטאָמאַטישקייט אין די באַוועגונגען, וועלכע פלעגן נאָך מער פאַרשטאַרקן זיין אַרויסגיביקייט, וואָס האָט ווייטער נאָכגעצויגן נאָך זיך אַ גרעסערע שלימות אין דער אַרבעט.

דאָס געלט, וואָס ער האָט געבראַכט יעדן שבת, האָט ער אַוועק־געגעבן אַנטאָשאַן ביזן לעצטן גראָשן. אַנטאָשאַ פלעגט ציילן און אָנ־לייגן אין בערגלעך:

— אַזויפיל אויף אַ וואָך הוצאות.

— אַזויפיל פאַרן הייזל.

— אַזויפיל פאַרן קינדס אויסשטייער.

— אַזויפיל פאַר דער הייבאַם...

יעדעס בערגעלע האָט זי געלייגט אין אַן אַנדער פושקעלע, עס פאַרשלאָסן מיט שלעסלעך און די שליסלעך גענומען צו זיך, אַרויפ־געצויגן אויפן שנירל מיטן צלמל, וואָס זי האָט תמיד געטראָגן אויפן האַלדז.

קאַפּיטל דריי

ווען אַנטאָשאַ איז שוין געווען אין די העכערע חדשים, האָבן זיי זיך געמוזט צעשיידן. פראַנעק האָט אויסגעטוישט די האַק אויף אַ ביקס און געגאַנגען פּאַרטיידיקן זיין לאַנד, זיין היים. ווען דער גרויזאַמער, היסטאָרישער שונא, האָט זיך אַריינגעריסן אַ שיינעם פרימאָרגן אין לאַנד אַריין מיט שטורעם און פייער, האָט פראַנעק אַרויפגעזעצט דעם באַגנעט אויף זיין ביקס און געקעמפט ווי אַ וויל־דער לייב. ער האָט אויסגעזוכט דייטשן אין די שוץ־גרובנס, אין די באַהעלטעניש, אַריינגעריסן זיך אין זייערע רייען, געקומען נאָענט און געצווונגען אונטערצונעמען אַ געפעכט מיט באַגנעט אויף ביקס. ער האָט באַוויגן מיטן באַגנעט, ווי מיט דער האַק אין וואַלד. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די ביקס איז דאָס הענטל, און דער באַגנעט — די האַק גופא. ער האָט זיך אַרויפגעריסן אויף לויפנדיקע טאַנקן און מיטן באַגנעט געשטאָכן אין די אָפענע שפּאַלטן פון פּאַנצער און דערשטאָכן דעם אָנטרייבער פון טאַנק. ער האָט זיך געוואָרפן מיט ברענענדיקע בענזין־פלאַשן אויף די מחבלדיקע אייזערנע גיגאַנטן, וואָס האָבן געוועלטיקט אומעטום אומגעשטערט, פאַרטשאַדעט די אָנטרייבער, געצווונגען אַרויסצוקריכן פון אינעווייניק און — דער־שטאָכן; בלאָקירט די וועגן און אויפגעהאַלטן דעם מאַרש פון שונא.

און ווען זיין מסירת־נפש און העלדישקייט האָבן נישט גע־האָלפן, דער שונא האָט סוף־כל־סוף געהאַט די איבערהאַנט און ס'האָט אים, פראַנעקן, געדראָט געפאַנגענשאַפט, האָט ער מיט הענט און פינגער זיך געמאַכט אַ וועג איבער דערשטיקטע, דערהרגעטע גופים פון זיינע היטער, צו זיך אַהיים, צו זיין אַנטאָשאַן, וועלכע האָט אויף אים געוואַרט מיט אויגן מידע פון וויינען, מיט ליפּן מידע פון בעטן, מיט קניען מידע פון קניען.

אָבער נישט באַשערט געווען לאַנג זיך צו פרייען מיט זיך און

צו געניסן די אידיליע אין דעם שלווהדיקן דאָרף, אין וועלכן דער קריג איז נאָך נישט אַריינגעדרונגען, און צו לעבן נאָך מיט פאַר־סעפּטעמבערדיקע טעג.

ווען דער שונא האָט זיך געהאַלטן אַלס זיגער און האַר פון טויט און לעבן אין דער מדינה, אין נאָמען פון זיינע אומצאָליקע טאַנקן און אַעראָפּלאַנען, אין נאָמען פון דער ציוויליזאַציע, פיזישער מאַכט־לאָזיקייט פונעם באַזיגטן — האָט ער זיך גענומען איינאָרדענען אין די אָקופּירטע געגנטן ווי ביי זיך אינדערהיים. נאָך דער שטאָט און שטעטל האָט ער זיך גענומען צום דאָרף. אַ קליינע אָפּטיילונג זעל־נער איז אַראָפּגעקומען אין פּראַנעקס דאָרף אַריין, כדי איינצופירן די נייע אָרדענונג — אויפצוצווינגען די נייע געזעצן.

צוערשט — געהייסן אַלעמען ברענגען דאָס געווער, אַלץ וואָס זיי פאַרמאָגן, רעוואָלווערן, ביקסן, פּוזיעס, באַגנעטן און יעדעס כלי־זין, וואָס איז געבליבן פונעם קורצן קריג. זיי האָבן געגנוי געוווּסט, לויט דעם רעגיסטער, ווער עס האָט און ווער נישט. אויסערדעם האָבן זיי געזוכט אין די הייזער, געכישטערט אין יעדן ווינקל און קאָנ־פיסקירט. און ווען זיי האָבן געהאַט ס'געווער, האָבן זיי געהייסן ברענגען אין אַמט אַריין, אין דער גמינע, פונוואַנען זיי האָבן פאַר־טריבן די אַלטע באַאַמטע, אַלע קאָסעס און סערפּן, און ווידלעס, קילאָפּן און אַלע העק; אַלע שאַרפע און שפּיציקע מכשירים, וואָס קאָנען ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ כלי־זין. קיין רעגיסטער פאַר די מכשירים איז נישט געווען, האָבן זיי געדראָט מיט טויט־שטראָף און פאַרשיקונג פאַר יעדע באַהאַלטענע קאָסע אָדער האַק, פאַר יעדן פאַרזוך נישט אויסצופירן בוכשטעבלעך דעם פאַרלאַנג פון די באַ־פעלער.

האָבן די פּויערים פאַרלוירן די קעפּ, נישט געוווּסט וואָס צו טון. געגאַנגען צו שכנים און באַקאַנטע באַראַטן זיך און געזוכט אַן עצה. עטלעכע פּויערים זענען זיך צונויפגעקומען ביי פּראַנעקן אין כאַטע.

— מיט וואָס וועט מען שניידן היי?

— מיט וואָס וועט מען שניידן קאָרן?

— מיט וואָס וועט מען שניידן האָבער?

— האַ־האַ־האַ!

— וואָס איז ס'געלעכטער, וואָס?!

— מיט וואָס וועט מען האַקן האָלץ אין ווינטער?

— ווינטער? — האַ־האַ־האַ!

— וואָס איז ווידער ס׳געלעכטער? האַ?!

— מיט וואָס מיסטיקן די פעלדער?

— האַ־האַ!... מיט זייערע לייבער, מיט די טויטע קערפּערס פון די דייטשן! ווער ברויכט ווידלעס? מ׳וועט זיי אַרויסשלעפּן ביי די פיס און הענט און זיי לאָזן ליגן אויפן פעלד ביז די זון און די ווערעם און די פייגל וועלן זיי צעלייגן און צעשלעפּן שטיקערווייז אונטערצומיסטיקן יעדע פלאַנץ... ווינטער־צייט? האַ־האַ! ווינטער וועט שוין קיין צייכן נישט בלייבן פון זיי אַלע און זייערע גזירות, קיין זכר נישט... די מכשירים וועלן איגגיכן צונויף קומען און — נישט אין פעלד, נישט אין דערווירטשאַפט, נאָר צו פאַרטרייבן זיי פונדאַנען, די רוצחים!

— ער איז גערעכט, פראַנעק — האָט יאָסל, דער קצב, זיך אָנ־גערופן פון אַ ווינקל אַרויס — די מכשירים וועלן צונויף קומען, מיר מוזן נקמה נעמען פאַר די עוולות!...

— ער איז גערעכט!

— ער איז גערעכט!

— ער איז גערעכט!

האָבן קולות אין דער פינצטערער כאַטע צוגעשטימט.

— די פראַנצויזן גרייטן זיך צו שטורמען די זיגפריד־ליניע — האָט יאָסל, מעשה־קענער, צוגעגעבן — די ענגלענדער אויך, און אַ נייע פוילישע אַרמיי אין פראַנקרייך איז גרייט צו קלאַפּן...

— מוזן מיר זיין גרייט מיט אונדזערע קאָסעס און העק צו העלפן, קעמפן דאָ אין לאַנד — האָט פראַנעק אַרויסגעהאָלפן יאָסלען.

— ער איז גערעכט!

— ער איז גערעכט!

— ער איז גערעכט!

— מיט וואָס וועלן מיר נקמה נעמען ווען די צייט קומט? האָט געפרעגט אַדאַם, דער אַרבעטער פון שכינותדיקן שטעטל, וואָס איז אַנטרונען אין דאָרף אַריין און זיך אויסבאַהאַלטן אינאיינעם מיט יאָסלען ביי פראַנעקן, מיט די בלויזע הענט? מיט בלויזע פויסטן קעגן זייערע ביקסן און מאַשינגעווער? מיט בלויזע הענט פאַר די אוממענטשלעכע עוולות? מיט בלויזע הענט פאַר די געהרגעטע קינדער און פרויען, פאַר מיינע טאַטע־מאַמע?...

— פּאַר מיינע געשענדטע שוועסטערס און אויסגעקוילעטער משפּחה... האָט יאָסל צוגעגעבן.

— פּאַר הונדערטער טויזנטער געשענדטע שוועסטערס און געקוילעטע משפּחות, האָט אַדאַם ווייטער געצויגן. נו, פרעג איך אייך...

ווען אַדאַם האָט געוואָלט פאַרענדיקן דעם זאַץ, האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ ספּאַזמאַטיש געוויין. געוויינט האָט אַנטאָשאַ. זי איז געזעסן אויפן דיל נעבן פייער אָנגעלענט אויף אַן עלנבויגן און גע־כליפּעט.

פראַנעק איז צוגעגאַנגען צו איר און באַרואיקט:

— נו, וויין נישט! ס'איז אַ גרויזאַמע מלחמה, שרעקלעכע זאַכן געשעען! וואָס וועלן טרערן העלפן? אַ שאָד די אויגן.

ער האָט אויפגערודערט ס'פייער, צוגעלייגט שפּענער און אַ קלעצל טאָרף, און צוגערוקט אַנטאָשאַן נאָענטער צום אויוון:

— טרוקן אויס די טרערן און מער, בעט איך דיך, וויין נישט; ס'פּאַסט נישט! ביסט דאָך נישט קיין קינד.

— איך בין נישט קיין קינד, האָט זי געזאָגט און צוגערוקט זיך מיטן פּנים צום פלאַם, אָבער די ידיעות זייערע האָבן מיך אַזוי גערירט... איך ווייס, אַז ס'פּאַסט נישט!

און ווען עס איז ווידער געוואָרן רואיק, האָט אַדאַם פאַרענדיקט מיט אַ פראַגע די איבערגעריסענע אויספירונגען:

— איז, פרעג איך אייך, ווילט איר נעמען נקמה מיט די בלויזע הענט, מיט בלויזע פינגער?! און צוגעגעבן:

— און אפשר מיט געוויין, מיט טרערן, האַ?!

— ער איז גערעכט!

— ער איז גערעכט!

— ער איז גערעכט!

די שפּענער אויפן פייער האָבן זיך צעפלאַקערט מיט אַ ליכ־טיקן פלאַם און איבערגעריסן אויף אַ ווײַלע די סודותדיקע שטי־מונג אין דער כאַטע. ס'איז געוואָרן שטיל. די אַנוועזנדיקע האָבן זיך אַדורכגעקוקט צווישן זיך און געשוויגן. פראַנעק האָט גענומען די האַק אין דער האַנט אַריין און איז אַרויסגעגאַנגען זיך אַרומקוקן. אַנטאָשאַ האָט זיך אויפגעריסן פון דיל און איז נאָכגעלאָפן. סטאַך, דער קאָוואַל, איז צוגעגאַנגען צום אויוון, אַוועקגעשאַרט די ברע־נענדיקע שפּענער און אַרויפגעלייגט צוויי שווערע קלעצלעך טאָרף

צו דערשטיקן דעם פלאַם. סטאַכס טאַטע, דער אַלטער קאָוואַל, האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צום הייליקן בילד און זיך געצלמט. יאָן, דער אַלטיטשקער פּאַטער פון דעם סאַלטיס, וואָס די דייטשן האָבן פאַרמאַכט אין אַ לאַגער, האָט אַנידערגעקניט, פאַרלייגט די הענט ווי צו אַ תּפילה און אין זינען געהאַט אַ תּפילה. יאָסל האָט אַריינגעשטעקט זיין רעכטע האַנט אונטערן רעקל און אָנגענומען דאָס הענטל פון האַקמעסער, וואָס האָט געשטעקט אין בוזעם — דאָס איינציקע וואָס איז אים פאַרבליבן פון זיין יאַטקע אין שטעטל. אַדאַם איז געשטאַנען נעבן דער טיר מיט ביידע הענט צוזאַמענגעצויגן אין פויסטן, אַ בייזער, מיט שטיקער נישט־דערזאָגטע קללות אויף די ליפּן.

פראַנעק איז צוריקגעקומען האַלטנדיק אַנטאַשאַן אונטערן אָרעם:

— אַלץ אין אָרדענונג, האָט ער געזאָגט, געדאַכט זיך בלויז! דאָס פייער, דער פלאַקער, דער פלאַם — בלויז געדאַכט זיך!

— עס מאַכט נישט ווען מ׳איז פאַרזיכטיק, זיי שפּיאָנירן תּמיד; אין שטעטל האָבן זיי דאָס זעלביקע געטאָן — אויסגעשפּיאָנירט אַלע געהיימע אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען און אַלע געהיימע אַרבעטער־טוער און דערנאָך גערודפט... בעסער זיין פאַרזיכטיק!

— און ידן האָבן זיי גאָרנישט שפּיאָנירט, אַפילו נישט מטריח געווען זיך, אַלעמען אָן אונטערשייד, אַפילו משומדים, געמאָרדעט, געקוילעט, קאַלטערהייט אויסגעראָטן אין שטעטל... איך בין געווען פאָרזיכטיק, און אַנטלאָפן, דער איינציקער ייד, וואָס האָט זיך גע־ראַטעוועט... בעסער זיין פאַרזיכטיק!

— טאָמער געבן מיר זיי בכלל נישט קיין מכשירים, האָט דער אַלטיטשקער קאָוואַל זיך אָנגערופן, וועלן זיי עס האַלטן פאַר אַ בונט און סאַבאָטאַזש, און וועלן רודפן, קוילענען... וואָלט עס געהייכן פאַרזיכטיקייט?

— ניין, האָט אַדאַם געענטפערט, זאָל יעדער איינער, וואָס האָט צו עטלעכע מכשירים, געבן צו איינס, די צעבראָכענע, די אָפּ־גענוצטע און די רעשט באַהאַלטן, גוט פאַרשטעקן און געדענקען ווו זיי ליגן, כדי נישט צו־לאַנג צו זוכן ווען די געלעגנהייט גע־דייט... די צייט איז נישט ווייט, באַלד וועט זי קומען!

— יאָ, האָט יאָסל צוגעשטימט און איבערגעחזרט, די צייט מוז באַלד קומען!

— יאָ, זי מוז!

— יאָ, ווען נישט וואָלט נישט געווען קיין גערעכטיקייט אויף דער וועלט, האָט געזאָגט דער אַלטער קאָוואַל צלמנדיק זיך.

— ווען נישט, איז קיין גאָט נישט פאַראַן, האָט סטאַך צו־געגעבן.

— נו, לעסטער נישט, פאַרשווער נישט גאָטס נאָמען, זון מיי־נער — האָט זיין טאַטע געמוסרט.

— איך פאַרשווער נישט — האָט סטאַך זיך פאַרטיידיקט — נאָר, זאָל דער שונא דאָ לאַנג פאַרבלייבן, אַנגיין מיט זיינע רויבע־רייען און מאָרדן, דאַן גלויב איך נישט אַז ס'איז פאַראַן אַ גאָט...

— וואָס ביסטו, אַ באָלשעוויק?, האָט יאַן, דעם סאָלטיסעס פאָטער זיך צו אים געוואָנדן, אָדער אַ ציגיינער, אַ טאָטער, אָדער גאָר אַ ייד?!

יאָסל האָט זיך אָנגענומען גאָטס עוולה:

— לאָזט גאָט צורו, איך בעט אייך.

אַדאַם האָט זיך אָנגענומען די יידנס עוולה:

— לאָזט צורו די יידן, איך בעט אייך, זיי ליידן שוין גענוג.

— און די ציגיינער אויך, האָט סטאַך צוגעגעבן. איך האָב אַמאָל באַגעגנט אַ ציגיינערקע, ווייס איך נישט, צי ס'איז פאַראַן אַ שענער און האַרציקער מיידל ווי זי איז אויף דער גאַרער וועלט.

— און לאָזט צורו די טאָטערס אויך, האָט יאַן, דעם סאָלטיסעס טאַטע, זיך אָנגערופן. זיי זענען נישט אַזוי שרעקלעך ווי מען מאָלט זיי...

— האָט איר אַמאָל באַגעגנט אַ טאָטער?, האָט אַנטאָשאַ גע־פרעגט. אַז איר פאַרטיידיקט זיי אַזוי, פאַניע יאַניע?

— ס'הייסט, אייגנטלעך, באַגעגנט האָב איך נישט, נאָר כ'ווייס...

— פונוואַנען ווייסט איר, האָט אַנטאָשאַ אָנגעהאַלטן. איז, פאַר־וואָס שרעקט מען קליינע קינדער מיטן טאָטער?

— כ'האָב געהערט... זיי זענען נישט די זעלבע וואָס אַמאָל, ווען זיי האָבן פאַרפּלייצט פוילן. און צווייטנס — וואָס איז דער חילוק? וואָס עפּעס זיך אָנגעכאַפּט אין די אָרעמע טאָטערס? נישט פאַראַן קיין וויכטיקערע ענינים ווי טאָטערס, כ'לעבן?...

— ב'אוודאי, האָט פראַנעק צוגעשטימט און צוגעגעבן:

— וואָס מיר גאָט, וואָס מיר ייד, וואָס מיר טאָטער! זאָל זיך

טוּן וואָס עס וויל, איך גיב נישט מיין האַק. איר טוט וואָס איר ווילט, איך גיב נישט מיין האַק! איך גיב נישט!

— איך גיב אויך נישט, האָט סטאַך איבערגעריסן. איך האָב אין דער אַרבעט עטלעכע העק און קאָסעס. איך וועל זיי גיך פאַר־ענדיקן און באַהאַלטן, געבן זיי אַ מכה!

— איך וועל זיי געבן, האָט פראַנעק ווייטער געצויגן, אָבער מיט דער שאַרף אין די געדערעם אַריין, אינעם ברוסט־קאַסטן אַריין, צווישן די ריפּן, אין חוט־השדרה אַריין! געבן צוזאַמען מיטן טויט, נישט אַנדערש!

און פאַרענדיקט:

— איך גיב נישט, סיידן מיטן טויט צוזאַמען, זאָל זיך טוּן וואָס וויל.

— איך גיב אויך נישט, סיידן מיטן טויט צוזאַמען. זאָל זיך טוּן וואָס וויל, האָט נאָכגעזאָגט סטאַך, דער קאָוואַל.

קאַפּיטל פיר

זיי זענען זיך צעגאַנגען: יעדער איינער אין אַן אַנדער ריכ־טונג; נישט געגאַנגען נאָך אַהיים, נאָר צו אַן אַנדערן באַקאַנטן, צו אַ קרוב, כדי צו הערן אַ פרישע מיינונג, אַ נייע עצה. ס׳איז נאָך נישט געווען שפּעט.

סטאַך, דער קאָוואַל, איז געגאַנגען צו זיך אין קוזשניע אַריין, צו פאַרענדיקן די אָנגעהויבענע אַרבעט. אַדאַם סערוואטקאַ, דער אַרבעטער פון שטעטל, איז מיטגעגאַנגען מיט אים, כדי צוצוהעלפן אין דער אַרבעט, וואָס גיכער צו דערענדיקן די העק און די קאָסעס, וואָס זענען אין דער אַרבעט — צו פאַרענדיקן באַציייטנס און באַ־האַלטן איידער די דייטשן קומען.

דער אַלטער קאָוואַל, סטאַכס פאָטער און דער אַלטער יאַן, דעם סאָלטיסעס פאָטער, האָבן זיך גענומען אונטערן אָרעם און געגאַנ־גען אַרויס פון דאָרף מיטן פעלד אין דער ריכטונג פון פאַטאַק; גע־גאַנגען צום גלח פון דער פאַראַפיע, וואָס איז ממונה איבער אַלע

דערפּער אין דער געגנט, כּדי זיך צו האַלטן אַן עצה מיט אים, הערן זיין קלוגע מיינונג.

פראַנעק און יאָסל זענען געגאַנגען צו ביסקופּסקי, דעם אַל־טיטשקן פריץ, וואָס ווינט אין זיין גוט הינטערן דאָרף. אַלס מיידל האָט אַנטאָשאַ געאַרבעט ביי אים אין הויז. יאָסל האָט תּמיד אויפ־געקויפט בהמות ביי אים און פראַנעק פלעגט אַמאָל אַרבעטן אויף זיינע פעלדער. פראַנעק האָט אים נישט ליב געהאַט, תּמיד זיך באַ־צויגן צו אים מיט ביטול און קנאה, צוליב זיין עשירות און גרויס־האַלטעריי. אָבער זינט דער אַלטער ביסקופּסקי איז געוואָרן אַ יורד, פאַראָרעמט געוואָרן מחמת זיינע קינדערס שלעכטן ווירטשאַפטן און צוליב זיין פּאַראַליזש — האָט פראַנעק געהאַט מיטלייד מיט אים און פאַרגעסן זיינע אַלטע טענות. ווען דער אַלטער האָט גע־פירט דאָס גוט איז אַלץ געווען אין אָרדענונג; ער איז אַן איבער־גערעכנטער און דערפאַרענער מענטש. אָבער די קינדער — נאַ־ראָנים, פאַרשווענדער, פּאָליטיקער און שטאָטישע מענטשן, וואָס האָסן דאָס דאָרף און די פּויערים. אַ פאַרלאָזענער פון די קינדער און אַן אַלמן, האָט ער זיך לעצטנס געענדערט. גענומען זיך אינטע־רעסירן מיט די פּויערים: איינגעלאַדן צו זיך אין די לאַנגע ווינ־טער־אָוונטן, געהאַלטן זיך פריינטלעך מיט זיי.

האָבן זיי באַשלאָסן צו גיין צו אים זיך באַראָטן. אַנטאָשאַ איז נאָכגעלאָפן. פראַנעק האָט זי גענומען אונטער אין אָרעם, יאָסל — אונטערן צווייטן און לייכט אונטערגעהויבן זי, ווייל ס'איז איר גע־ווען שווער צו גיין גיך.

— איז עס אמת, פּאַניע יאָסעק, האָט זי אַ פאַרסאָפּעטע און הייזעריקע בלחשדיק געפרעגט, אַז זיי נעמען אַוועק קינדער פון די עלטערן און שיקן זיי אין זייערע שולעס קיין דייטשלאַנד און מאַכן זיי פאַר דייטשן?

— אמת, פּאַני אַנטאָשאַ, האָט יאָסל באַשטעטיקט און געגעבן איר דעם זעלבן טיטל, מיט וועלכן זי האָט אים פריער באַשאָנקן.

— און קינדער אין די וויגן אויך?

— אויך!

— און זויג־קינדער צעשיידן זיי פון דער מוטערס ברוסט?

— יעדער יאָ!

— און רעדן דייטש צום קינד?

— יאָ!

— קיין איין וואָרט פּויליש נישט?

— קיין איין וואָרט נישט!

ס'איז געוואָרן שטיל. אַזוי שטיל, אַז ס'האָט זיך געהערט אַנטאָשאָס דערשטיקט געוויין און דאָס צוגעאײַלטע קלאַפּן פון איר האַרץ. זי האָט זיך צוגעדריקט פעסט צו בײדע מענער, אָנגעהאַנגען זיך אין זײערע אָרעמס און שטיל ווײנענדיק גערעדט ווי צו זיך?

— ווי שווידערלעך איז עס! ווי שרעקלעך! ווי אוממענטשלעך!

— נו, ווײנט נישט, האָט יאָסל געבעטן, פאַראַן נאָך ערגערס; קריסטלעכע קינדער ווערן אַוועקגעריבט פון די עלטערן, דערצויגן אין דײטשן גײסט, מען לערנט נישט מיט זײ קײן פּויליש — אָבער זײ בלײַבן לעבן! און ווען די צײַט וועט קומען, ווען דער שונא איז געשלאָגן, וועלן זײ אַהײמקומען צו די עלטערן און זיך לערנען פּויליש און זײַן גוטע פּאָלאַקן... אָבער יידישע קינדער ווערן געטויט אין די אויגן פון זײערע מאַמעס, ווערן מאַסנווײז פּאַרטיליקט... און מאַמעס זענען געצוווּנגען צו גראָבן קברים פאַר זײ מיט זײערע הענט און פינגער, אײדער זײ אַלײן קומען אום. און אין טאָג פון נצחון וועלן זײ פון די קברים נישט צוריקקומען, נישט אומקערן זיך צוריק פון די מאַסן־גריבער. אַ טויט קינד איז — טויט, און אַ טויטע מאַמע איז אויך — טויט... נישטאָ מער קײן האָפענונג! אָבער אין אײער פאַל...

יאָסל האָט נישט דערענדיקט, ווײַל אַנטאָשאַ האָט פּלוצים גע־נומען הויך כליפּען און זיך פאַרקײכט. זײ האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

— נו, שווײַג, האָט פראַנעק געבעטן מיט אַן איבערגענומענעם קול. מ'וועט אונדז, חלילה, דערהערן, דערשנאַפּן; נאָך דאָס פעלט אונדז!

ער האָט מיט זײַנע הענט געווישט אירע טרערן פון די אויגן, געגלעט איר די באַקן און צוגעלײגט אַ האַנט צו איר מויל:

— נו, שווײַג, איך בעט דיך.

זי האָט זיך באַרואיקט. און זײ זענען ווידער געגאַנגען, נישט אויסרעדנדיק קײן וואָרט מער.

ס'איז געווען אַ פינצטערע נאַכט, אָן לבנה, אָן שטערן. מ'האָט נישט געזען די הײזלעך בײם וועג און די הויכע סטויגן שטרוי געבן די כאַטעס — אַלץ איז געזונקען אין פינצטערקײט און שלאָף פון קאַלטער נאָוועמבער־נאַכט. הינט האָבן נישט געבילט, גלײַך ווי זײ וואָלטן פאַרלוירן דעם ווײַכטיקסטן פון אַלע זײערע חושים

— דאָס געהער און די מעגלעכקייט צו דערקענען טריט אויף אַ מהלך אַוועק. טיילמאָל נאָר האָט זיך דערהערט אַ היזעריקער, אָפּגעהאַקטער ביל, ווי פון שלאָף, ווי אויס מורא, אָדער אַן אָפּגערעדטער צייכן מיט אַ הינטיכע.

זיי האָבן זיך פאַרקירעוועט ליבקס, כדי אויסצומיידן דעם גמינע־בנין און די שולע, וווּ ס'שטייען איין די דייטשן, און געגאַנגען אויף אַ שטעגל איבערן פעלד, וואָס פירט צום בית־עולם הינטער דער שטאָט. דאָס שטעגל איז געווען שמאָל, האָבן זיי זיך אויסגעצויגן אין אַ שורה, אייגער הינטערן אַנדערן, און זיך געהאַלטן ביי די הענט. פּראַנעק איז געגאַנגען פאָרויס. ער האָט אויסגעפילט דעם וועג מיט זיינע פיס, אינסטינקטיוו. די אויגן זיינע זענען געווען געוואָנדן אויף הינטן, צו די געביידעס, וווּ די דייטשן שטייען איין:

— הינטישע זין!

ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ הינטערוויילעכץ און צוגעלייגט די רעכטע האַנט צו דער שאַרף פון דער האַק, וועלכע ער האָט געהאַט מיט זיך, פאַרשטעקט אין אַ הויזן־רער און אונטערן רעקל:

— קיין לעבעדיקע פון דאַנען נישט אַרויס, מערדער!

די צווייטע האַנט האָט ער געביילט אין אַ פויסט און פעסט צוגעדריקט, פאַרגעסנדיק, אַז ער האַלט אין איר אַנטאָשאָס האַנט.

אַנטאָשאַ האָט אַ לייכטן קוויטש געטאָן.

— איך וועל אייך וויזן, איר קינדער־מערדער!

— יאָ, אָבער וואָס בין איך שולדיק, האָט אַנטאָשאַ געפרעגט מיט אַ געלעכטער. וואָס האָב איך דיר געטאָן?

— איך וועל זיי אָנלערנען, די מענטשן־פרעסער!, האָט פּראַנעק אַרומגענומען פעסט דאָס העלדזל פון דער האַק און מיט דער צווייטער געקוועטשט אַנטאָשאָס האַנט.

— מיין האַנט! האָט זי זיך געבעטן און געלאַכט הויך, וואָס האָסטו צו מיין האַנט?!

— ערשט איצט האָט פּראַנעק באַמערקט אין וואָס עס גייט און לויז געמאַכט די האַנט:

— אַנטשולדיק, זיך פאַרגעסן!

און גענומען הויך לאַכן. יאָסל האָט נישט געוווּסט אין וואָס עס גייט, האָט ער גענומען זיך חידושן און אַרומקוקן:

— וואָס לאַכט איר אַזוי, דערצו אַזוי הויך, דערבאַרעמט אייך!

— זיך פאַרגעסן, האָט פּראַנעק געקייכט, זיך פאַרגעסן!...

— אַזאַ פֿאַרגעסן זיך האָט מיך געקאָנט קאָסטן מיין האַנט, האָט אַנטאָשאַ געלאַכט. קוים איך פֿיל זי...

— און אַזאַ פֿאַרגעסן האָט אונדז געקאָנט קאָסטן ס׳גאַנצע לעבן, נישט נאָר די האַנט, האָט יאָסל אויסגעבעסערט און געוואָרנט.

זיי זענען צוגעקומען צום אַלטן בית־עולם. אויף יענער זייט פֿונעם גדר, אין פֿעלד, וווינט ביסקופּסקי, דער אַלטיטשקער פּריץ. כדי ס׳זאָל זיין באַוואָרנטער און ווינציקער פֿאַרדעכטיק, האָט פֿראַנעק פֿאַרקירעוועט דורכן בית־עולם צווישן די מצבות. אַנטאָשאַ האָט זיך צוגעדריקט צו אים, אים אַרומגענומען מיט איין האַנט און גע־ציטערט אויס פּחד, אויס אימה, וואָס איז זי פּלוצים באַפֿאַלן און געמאַכט שוידערן יעדן אבר.

— ניין! האָט זי געבעטן און נישט געלאָזט פֿראַנעקן גיין פֿאָ־רויס. קום צוריק!

זי האָט אַרויסגעצויגן די צווייטע האַנט פֿון יאָסלס און אַרומ־גענומען פֿראַנעקן, אויסברעכנדיק אין אַ געוויין.

— וואָס איז געשען? האָט פֿראַנעק געפֿרעגט, האָסט מורא פֿאַר טויטע, פֿאַר רוחות?

אַנטאָשאַ האָט אים נאָך פֿעסטער אַרומגענומען און נישט גע־לאָזט אים גיין.

— טויטע זענען גוטע מענטשן, קענען נישט טון קיין שלעכטס!

— לעבעדיקע זענען ערגער, זענען געפֿערלעכער ווי חיות! האָט יאָסל צוגעגעבן, נישט וויסנדיק געני אין וואָס עס גייט.

— צוליבן פּחד פֿאַר די לעבעדיקע מענטשן־חיות, האָט פֿראַ־נעק איר געטייטשט, אַנווייזנדיק אויפֿן גמינע־בנין אין דאָרף, גייען מיר טאַקע דאָ, צווישן די טויטע, דאָ איז זיכערער...

ער האָט זי פֿעסט אַרומגענומען, אונטערגעהויבן און געשטעלט עטלעכע טריט:

— נו, באַרואיק זיך, נאַרעלע, דו ביזט דאָך נישט אַליין. מיר וועלן דיך שיצן אין פֿאַל, ווען...

— נישט דאָס! האָט זי איבערגעריסן און הויך געכליפּעט, נישט דאָס! נישט מורא... נאָר, נאָר...

— איך פֿאַרשטיי נישט, האָט פֿראַנעק געמאַכט נאָך עטלעכע טריט. אין וואָס גייט דיר?

— דאָס קינד! האָט זי אַ געשריי געטאָן מיט ספּאַזמען.

— וואָס הייסט: ס׳קינד, וואָס?

— אין נאָמען פון קינד, האָט זי געשריגן היסטעריש. קום צו־ריק!

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. זיי זענען געשטאַנען צווישן די מצבות פאַרוואונדערט, אַן לשון און זיך צוגעהאָרכט צו איר ביטער וויינען. ווען זי האָט זיך אויף אַ רגע באַרואיקט, האָט פראַנעק, אַן אומגעדולדיקער, מיט אַ שרעק אין קול, געפרעגט:

— וואָס איז געשען? וואָס קינד, ווער קינד?

— גייענדיק צווישן די מצבות, האָט זי שטיל געענטפערט, אונטערוויינענדיק, האָב איך מיך דערמאָנט וועגן אַן אַלטן מנהג, אין וועלכן די פויערטעס אין דער געגנט גלויבן, אַז אַ שוואַנגער־דיקע פרוי, מיטן ערשטן קינד, טאָר נישט גיין אויף אַ בית־עולם...

— אַן אַבערגלויבן, נישט מער! האָט פראַנעק זי באַרואיקט.

— אַ באָבע־מעשה, אַ בייזער חלום, ווייס איך וואָס, האָט יאָסל צוגעגעבן.

— ניין, נישט קיין זאַבאַבאָנע, האָט זי זיך געווערט, קום צו־ריק!

— יאָ, אַ זאַבאַבאָנע, נישט מער!

— נישט קיין באָבע־מעשה! געשען שוין אַזאַ פאַל אין דער געגנט, דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן אַ טויטס; איך בין נאָך דעמאָלט אַ קליין מיידעלע געווען. איך געדענק!

— וואָס דו געדענקסט דאָרט!

— איך געדענק גענוי: יאַגיענקא ווּרובעל האָט זי געהייסן, דעם שיינעם בראַנעקס ווייבל; בראַנעק ווּרובעל, דער שכור, וואָס פלעגט נישט גיין זונטיק אין קלויסטער אַריין... איך געדענק גענוי! קום צוריק, איך בעט דיך!

— וואָס דו געדענקסט דאָרט!... ער איז גאָרנישט געווען קיין שיינער, דער בראַנעק, ער האָט זיך נאָר שיין אָנגעטאָן. זי איז גע־ווען די שיינע... און ער פלעגט שלאָגן זיין ווייב באַזונדערס ווען ער איז געווען שיכור. און אַ סברא אַז שיכורערהייט האָט ער זיין יאַגיענקאַ אַזוי שטאַרק געשלאָגן, געקלאַפּט אין בויך, אַז מיט דער פויסט האָט ער געהרגעט דאָס קינד...

און דערציילנדיק האָט ער זיך אויסגעדרייט און גענומען אַרויס־גיין פון בית־עולם, און אַנטאָשאַ, אַ צופרידענע, און יאָסל, אַ צעחוש־טער — נאָך אים.

און, אויפן וועג צוריק, נאָכן באַגעגעניש מיטן אַלטן פריץ, האָט ער ווייטער גערעדט צו אַנטאָשאַן, ווי אַ המשך פון איבערגעריסע־נעם שמועס:

— וואָס דו געדענקסט דאָרט, וואָס דו ווייסט דאָרט! מענטשן זאָגן, אַז דאָס האָט ער זי געקלאַפּט אין בויך, ווייל זי פלעגט אַרומ־לויפן מיט אַנדערע מענער און ער האָט זי געכאַפּט אַמאָל צוזאַ־מען מיט... מיט, נישט וויכטיק מיט וועמען... און דעמאָלט האָט ער דערהרגעט דאָס קינד אין איר בויך און האָט זי פאַרטריבן. האָט זי געגעכטיקט אויפן בית־עולם, אַזוי עטלעכע נעכט. אַ יתומה גע־ווען, נישט געהאַט וווּ צו גיין...

זיי זענען געגאַנגען נעבן דער צוים פונעם בית־עלמין. אַנטאָ־שאַ האָט זיך באַרואיקט, געהאַלטן פעסט פראַנעקס אָרעם און אַרויפ־געקוקט צו אים מיט אַ געבעט:

— דערצייל ווייטער.

פראַנעק האָט ווייטער דערציילט.

— און שפּעטער האָבן די אַלטע וורובלעס און זייער קרוב, דער פּאַטאָקער גלח, זיך אַרייַנגעלייגט אין דער זאַך, געוואָלט אָפּ־ווישן דעם פלעק, וואָס איז געפאַלן אויף זייער משפחה. בראַנעק האָט זיך איבערגעבעטן מיטן ווייב, ווייל ער האָט זי געברויכט, די נכפּה האָט אים גענומען פאַר איר. און שפּעטער, ווען דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן אַ טויטס, האָט דער גלח, פון דער בימה אין אַ זונטיקדיקער דרשה פול מיט רמזים און פלפול, זיך באַמיט צו פאַרדרייען דעם אמת, וועגן וועלכן יעדער איינער האָט געהערט... געוואָלט אָפּווישן די חרפּה, וואָס הענגט איבער זיין משפּחה. גערעדט קעגן רכילות און ניבול־פּה, קעגן דעם מיאוסן מנהג פון אַרייַנמישן זיך אין יענעמס עסקים. און געוואָרנט יונגע ווייבלעך אין די הויכע חדשים נישט צו גיין אויפן „צמענטאַזש“, זיי געמוסרט. און יעדן זונטיק און יום־טוב איבערגעחזרט די וואָרענונג, ביז ס'איז געוואָרן דערעסן, ביז דער עולם האָט גענומען גלויבן דעריין. און אַזוי, אַזוי איז אויסגעוואַקסן דער גאַנצער ענין אין אַ לעגענדע מיט אַ מוסר... און איבערגעגעבן געוואָרן פון די עלטערן צו די קינדער אויף דעם גלחס נוסח און שפּעטער דערגאַנגען צו דער מדרגה פון אַן אַבערגלויבן — אַ טרוקענע, זינלאָזע זאַבאַבאַנע, אין וועלכער דער יונגער דור גלייבט בלינדערהייט, אָבער די עלטערע, וועלכע קענען איר שורש — לאַכן אין געהיים דערפון...

קאַפּיטל פינף

— יאָ געבן...

— נישט געבן...

— איך גיב נישט, האָט פּראַנעק געזאָגט. איך קען געבן, אָבער מיט דער שאַרף אין די געדערעם אַריין מיטן טויט צוזאַמען, נישט אַנדערש!

— זיי וועלן פאַרשיקן, אויפהענגען.

— איך גיב נישט, סיידן פאַרן פּרייז פון צעמזיקטע קעפּ, צע־שפּאָלטענע שאַרבנס, אויפגעריסענע בייכער, אונטערגעשניטענע העלדזער!

— ער איז גערעכט, פּראַנעק, האָט יאָסל צוגעשטימט. איך גיב אויך נישט. איך האָב מיין פליישהאַק און שעכט־מעסער מיט מיר. איך גיב נישט, סיידן מיטן מעסער אין דער זייט...

— זיי וועלן פאַרשיקן, אויפהענגען! האָט דער אַלטער ביס־קופּסקי איבערגעחזרט.

און צוגעגעבן:

— זייט נישט היציק, יונגעלייט, דאָס שאַדט צום געזונט! ס'איז נישט אַזוי שרעקלעך נאָך!

— ווען איר זאָלט וויסן, וואָס זיי טון, די דייטשן, און וואָס פאַראַ חיות זיי זענען, וואָלט איר אַנדערש גערעדט, האָט אַנטאָשאַ זיך אָנגערופן.

— דאָס זענען חיות, נישט קיין מענטשן, האָט יאָסל צוגעגעבן. ווען איר ווייסט וואָס זיי טון אין שטאָט...

— דערציייל טאַקע עפּעס, יאָסעק, האָט דער אַלטער געבעטן. דו קומסט דאָך פון שטעטל: מיר ווייסן נישט דאָ, אין דאָרף, וועגן דעם. דערציייל.

— ווען איר זאָלט וויסן, וואָס זיי האָבן געטאָן צו די יידן אין שטעטל...

— צו וועמען? האָט דער אַלטער איבערגעריסן.

— צו די יידן!

— צו די יידן, זאָגט איר, אויב איך בין מיך נישט טועה, האָט ער איבערגעפרעגט, אָנשפּיצנדיק די אויערן.

— צו די יידן און...

— אָבער ביי אונדז אין דאָרף, האָט ער אים נישט געלאָזט דערענדיקן, זענען דאָך נישטאָ קיין יידן! נישט אמת? האָט ער געפרעגט דעם עולם אַרום — סיידן דו, יאָסעק, וואָס ביסט אַנטרונען צו די פּויערים, פון וועלכע דו פלעגסט קויפן מציאות פריער, האַנדלען, געגאַרן זיי, באַשווינדלען; ווי עס געשעט אין מסחר... און איצט געקומען זיך שיצן אונטער זייערע פליגלען...

אַ טויט־שטילקייט האָט דורכגענומען די פּויערים, וואָס האָבן געענטפערט אויף פראַנעקס רוף, און זיך אין געהיים פאַרזאַמלט ביים קראַנקן פריץ. זיי האָבן אַפּגעווענדט די קעפּ פון דעם אַלטן, וואָס איז געזעסן צעקריפּלט אין אַ טיפן ראָד־שטול, און האָבן געקוקט אויף יאָסלען און איינער אויפן צווייטן מיט חידוש.

— נאָר ס׳מאַכט נישט, האָט דער אַלטער ווייטער גערעדט. מיר וועלן דיך באַשיצן, איצט ביזטו אונדזער ברודער: דערקען אַ גוט פּויעריש האַרץ; אַן אַלטע פּויערישע מידה... ווען מיינע הענט זענען נישט געלעמט, וואָלט איך זיי אויסגעצויגן צו דיר און דיך ברידערלעך אַרומגענומען...

אַלע האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט. דער אַלטער ביסקופּסקי האָט זיך לייכט באַוויגן אויפן געזעס, אויסגעבויגן די אַקסלען, ווי ער וואָלט וועלן באַוועגן מיט די אָרעמס און זיי אויסציען. נאָך אַ ווײַלע האָט ער ווייטער גערעדט:

— אָבער אויסער דיר, איז דאָך נישט פאַראַן קיין איין ייד! נישט אמת, פראַנעק?

— אָבער זיי טון שלעכטס צו קריסטן אויך, האָט פראַנעק אָפּגענויגט דאָס געשפּרעך.

— און זיי הרגענען קינדער, רויבן צו קריסטלעכע קינדער פון די עלטערן, האָט אַנטאָשאַ צוגעגעבן, און שיקן זיי אין די דייטשע שולעס... צעשיידן זויג־קינדער פון די מאַמעס!

— אַדאַם סערוואַטקאַ, דער אַרבעטער פון שטעטל, וואָס איז

אויך אַנטרונען אַהערצו, דערציילט שוידערלעכע זאַכן, ווי זיי פּייניקן דאָרט אַרבעטער...

— ווּעמען, זאָגט איר? האָט ביסקופּסקי איבערגעפרעגט.

— אַרבעטער!

— אַרבעטער, זאָגט איר, קאָמוניסטן, האַ?

— אַרבעטער, קריסטלעכע אַרבעטער, זאָג איך!

— נישטאָ דאָ קיין אַרבעטער צווישן אונדז אין דאָרף; מיר זענען פּויערים, כלאָפּעס פון דור דורות זענען מיר; פּשוטע דאָרפס־מענטשן זענען מיר; פרומע, גלויביקע ערד־מענטשן זענען מיר; נישט קיין אַרבעטער, נישט קיין פּאַרטייניקעס. נישט קיין יידן און נישט קיין אַרבעטער... ווו איז ער, דער אַדאַם סערוואַטקאַ? איז ער אויך דאָ אין שטוב? איך זע אים נישט.

— ער איז נישטאָ, האָט פראַנעק קורץ געענטפערט.

— זאָגט אים, האָט דער אַלטער געזאָגט מיט אַ ציטערדיקער שטימע, זאָגט אים, אַז ער איז ווילקאָמען, אַז אונדזער ברכה איז מיט אים, נאָר זאָל ער, למען השם, נישט פירן קיין פּאָליטיק דאָ אין דאָרף; קיין דעמאָנסטראַציעס און שטרייקן; נישט ברענגען, חס וחלילה, קיין אומגליק אויף אונדזערע פרידלעכע פּויערים... זאָגט אים, למען השם, איך בעט אייך! זאָג מיר צו, פראַנעק, אַז ער וועט מיר נישט צעבונטעווען די פּאָר פּויערים, וואָס איך באַשעפּטיקט אין דערווירטשאַפט...

— איך זאָג צו, האָט פראַנעק אים באַרואיקט, איך זאָג צו, זייט רואיק.

און צוגעגעבן:

— וואָס פאַלט אייך איין? היינטיקע צייטן, די וועלט גייט אונ־טער, קיינער איז נישט זיכער מיטן לעבן. וועט עמיצן ליגן אין קאָפּ אַזעלכע זאַכן?...

— אויף זיי איז אַלץ צו גלויבן, איר קענט זיי נישט, די פּאַר־טיי־מענטשן, די לינקע, זיי האָבן קיינמאָל נישט קיין מאָס, זיי האָבן קיין שכל נישט. זיי זענען אין אַלעם שולדיק, זיי און די...

ער האָט זיך פאַרקרעקט, איבערגעהאַקט פּלוצים דעם זאַץ און זיך אַרומגעקוקט:

— זיי מוחל, יאַסעק! איך בין גאָרנישט אויסן געווען... גאָר־נישט! האָב איך דען עפּעס געזאָגט? האָב איך דערענדיקט דעם זאַץ, האַ פראַנעק? אמת, איך האָב נישט דערענדיקט, אַנטאַשאַ? נו, זאָגט

איר דאָרט, וואָס זיצט אין שאָטן, זייט עדות, אַז כ'האָב נישט אַרויס־געבראַכט דאָס וואָרט פאַרן מויל נו, זאָגט... ער איז דאָך אַ גאַסט, יאָסעק. ווי וואָלט עס געפּאַסט... ווו איז גאַסטפריינטלעכקייט, די שפּריכווערטלדיקע גאַסטפריינטלעכקייט... נו, זאָג, יאָסעק, האָב איך דיך באַליידיקט? איך, דער אַרויפגעאַרבעטער „שליאַכטשיץ", איך, קאַזשימיעזש ביסקופּסקי, דער גוטבאַזיצער, האָב באַליידיקט אַ גאַסט? ניין, נישט אמת, כ'האָב דאָך גאָרנישט געזאָגט!

ווען ער האָט אויפגעהערט צו רעדן און זיך אויסגעלייטערט, האָט ער געזען, אַז ער איז איינער אַליין אין שטוב, אַז די געסט האָבן אים אַלע פאַרלאָזן און אַז ער רעדט אייגנטלעך צו זיך אַליין. ער האָט זיך געוואָלט אויפשטעלן, זיי נאָכלויפן און צוריקברענגען, געבן כיבוד, איבערבעטן, בעטן מוחל זיין, זאָגן, אַז ער איז אַלט, עובר־בטל, ווייסט נישט וואָס ער רעדט, אַז ער איז קראַנק... ער האָט זיך אָבער נישט געקאָנט אויפשטעלן, נישט געקאָנט זיך רירן פון אָרט.

ער האָט פאַרמאַכט די אויגן און ביטער געוויינט. דערנאָך האָט ער אָפּגעזאָגט אַ געבעט, אַ לאַנגע תפילה אויף אויסנווייניק און זיי אַלעמען אין זינען געהאַט — געבעטן פאַר זיי און פאַר זייערע מע־שים און איינגעשלאָפן בעטנדיק.

קאַפּיטל זעקס

די שטובן אין דער גמינע זענען געווען איבערגעפּולט מיט די געבראַכטע מכשירים. קאַסעס, סערפּן, קילאָפן און העק האָבן זיך געהויפט איינס אויפן אַנדערן, זיך געשטאַקט ווי קריעס ביי אַ פאַר־שטאָפּטן טייך־אָפּפלוס.

דער נייער משגיח איבערן דאָרף, פעלדפעבל קורט שניידער, האָט געקוקט אויפן באַרג אייזנוואַרג און געהילץ, און געשריגן:

— נישט גענוג!

— נאָך אַלץ ווייניק!

— זיי פאַרשטעקן מער ווי זיי ברענגען... מיר קענען זיי, די הינטישע זין!

— נישט גענוג! מער! מער! מער!

פון צייט צו צייט פלעגט זיך עפענען די טיר, אַ שרעקעוודיקע פויערטע פלעגט אַריינקומען מיט איר קאַסע; אַ וויינענדיקע פויערטע פלעגט אַריינקומען מיט איר סערפּ, אַ טרויעריקע, ווייל זי מוז זיך שיידן מיטן איינציקן סערפּ אין איר ווירטשאַפט; אַן אומדרייסטער אַלטער פויער פלעגט קומען מיט זיין קילאָף און באַדויערן וואָס ער מוז אַוועקגעבן אַזאַ ווערטפולע זאַך; אַ יונגער געוואַגטער פויער פלעגט קומען מיט זיין האַק און קוקן דרייסט די דייטשן אין די אויגן אַריין, באַדויערן וואָס קאָן נישט — נאָך נישט — צעשפּאַלטן זייערע קעפּ מיט זיין האַק:

— נאַט אייך! און ווערט צעפּלאַצט!

דער פעלדפעבעל האָט געקוקט בייז, איבערגעקוקט זיך מיט זיינע געהילפן, לעגיטימירט און געשריגן:

— נישט גענוג. מער! מער! נישט אין ראַטעס! ברענגט אַלע מיט אַמאָל, פאַרפלוכטע טויפלסקינדער!

די פויערים פלעגן זיך שווערן אויף אַלע הייליקייטן און פאַרזיכערן און צלמען זיך און ער פלעגט שרייען, דראָען:

— טאָמער געפינט מען פון מאָרגן אָן ביי עמיצן אין ווירטשאַפט איינס פון די שאַרפע מכשירים — איז טויט־שטראָף, איז טויט פאַר דער משפחה, איז אַ חורבן צו דער ווירטשאַפט!

אַ ריזיקער, האָלצערנער צלם איז געשטאַנען נעבן דער וואַנט און אַ גלאַנציקער מעשענער קריסטוס איז געווען צוגענאָגלט צו די קרייצנדיקע אָרעמס פון געהילץ.

— קני אַנידער! האָט דער פעלדפעבל באַפוילן. שווער!

אַ קליינער, שיקלדיקער זעלנער, מיט קרומע פיס און אַ שווערן בויך, איז אונטערגעלאָפן און מיט אַ קוויטשנדיקער שטימע אויף אַ געבראָכענעם פויליש געהייסן נאָכזאָגן:

— כ׳שווער ביי די ווונדן פון גאָטס זון, ביי דיליידן פון דעם, וואָס די נידערטרעכטיקע יידן האָבן פאַרפייניקט... ביי זיין הייליקער מוטער און דער דריי־אייניקייט, אַז דאָס איז אַלץ וואָס כ׳באַזיץ אין מיין הויז, אַז כ׳האָב נישט באַהאַלטן, אַלץ געבראַכט. אַזוי זאָל מיר גאָט העלפן. אָמען!

דער פּאָטאָקער גלח האָט געהאַט מתיר געווען, צוליב פּיקוח־נפש, אַלע שבועות אין אַזעלכע פאַלן, און פון פאַרויס צונישט געמאַכט די נויט־שבועות. דער אַלטער קאָוואַל און דער אַלטער יאַן האָבן געבראַכט די נייעס פון גלח.

האָבן אַלע געשווירן, וויסנדיק, אַז ס׳איז נישט קיין זינד צו שווערן פאַלש אין דעם פאַל:

— איך שווער ביי די ווונדן פון גאָטס זון, ווען די נידער־טרעכטיקע יידן האָבן פאַרפייניקט... ביים נאָמען פון דער היילי־קער דריי־אייניקייט. אַזוי זאָל מיר האַר גאָט העלפן. אָמען!

צומאָרגנס זענען די דייטשן אַרויס אין דאָרף אַריין, כדי צו זוכן. באַוואָפנט מיט אָנגעלאָדענע ביקסן, מיט שווערדן אויף די ביקסן און אייזערנע קאַסקעס אויף די קעפּ זענען זיי געגאַנגען פון איין הויז צום צווייטן, פון איין גאָרן אויפן צווייטן, פון איין שטאַל צום צווייטן, פון איין סטאָדאָלע צו דער צווייטער און — געזוכט, גענישטערט. געקלאַפּט מיט די שווערדן אין די הילצערנע דילן, אין די הילצערנע ווענט און געלויערט אויף אַ מעטאַלענעם קלאַנג; צי ס׳וועט נישט אָפּקלינגען אַ פאַרשטעקטע אייזערנע זאַך פון הינטער די ברעטער. זיי האָבן אָוועקגעריסן ברעטער, אָוועקגעהאַקט בעלקעס און געשאָלטן מיט ביטערע קללות, ווי זיי וואָלט זיך בע־סער געאַרבעט אונטערן קלאַנג פון קללות. זיי האָבן געשטאָכן די סטויגן מיט שטרוי, צעוואָרפן די בינטלעך שטרוי און היי אין סטאָדאָלע, זיי האָבן צעשטערט די קאַרטאָפל־קאָפּצעס אין די פעל־דער און צעשטאָכן די זעק מיט תבואה, מיט ראַזאָוקע, מיט קלייען; גענישטערט אין די פעסלעך מיט זויער־קרויט און אוגערקעס. און געזוכט אַ פאַרשטעקטן קאָפּ פון אַ האַק, פון אַ קילאָף, פון אַ סערפּ, פון אַ קאָסע, פון יעדער מעטאַלענער כלי, וואָס קאָן ווערן פאַר־וואַנדלט אין אַ כלי־זין, און קאָן זיין די סיבה פון געפאַר און אומ־זיכערקייט...

אָבער אָן דערפאָלג. מידע און אויפגערעגטע זענען זיי אין אָוונט צוריק צו זיך; און דאָס דאָרף האָט אָפּגעאָטעמט לייכטער. די פּויערים האָבן זיך גענומען פאַרריכטן דעם שאָדן, וואָס די דייטשן האָבן געמאַכט בשעתן זוכן, צוריק צוגעקלאַפּט די ברעטער, צוגעשטאָפּט די לעכער און געבענטשט גאָט פאַר זיין גוטסקייט, וואָס ער האָט דערלויבט בייצושטיין דעם שרעקלעכן נסיון אָן שטרויכ־לונג און אָן אויסטערלישקייט.

אָבער קוים האָבן זיי דערענדיקט די אַרבעט און די תפילה צו גאָט — האָט זיך ווידער געמאַכט אַ בהלה.

אַ פינצטערע נאַכט געווען. אַ קאַלטע. אַ שניי איז געפאַלן גע־

דיכט און איינגעשלונגען דעם רעש פון די באַשטיוולטע טריט. פּלוצים האָבן זיי זיך ווידער באַוויזן, אומדערוואַרט, מיט שטאַרקע לאַמפּן אין זייערע הענט, און ווידער געזוכט. געמיינט: מסתמא האָבן שוין מאַנכע פּויערים אַרויסגעשלעפּט זייערע מכשירים נאָך דער אַבלאַווע, געפּילט זיך זיכער... אַ צאָרן און אַ נכפּהדיקע ווילדקייט האָט געיאָגט פון זיי. דער פּעלדפּעבל גופא איז געקומען און אָנגעפירט מיט דער זוכעניש. געהייסן אָנצינדן די נאַפט־לאַמפּן אין די שטובן און אַריינגעלויכטן מיט אַ שטאַרקער האַנט־לאַמפּ, ווי אַ רעפלעקטאָר, אין יעדן ווינקל, אין יעדן לאָך. נישט דערלויבט קיינעם צו פאַרלאָזן די כאַטעס אַ גאַנצע נאַכט, כדי די פּויערים זאָלן זיך נישט קאָנען פאַרשטענדיקן און אָנזאָגן איינער דעם צווייטן די נייע אַבלאַווע אויף מכשירים.

אַ גאַנצע נאַכט האָט געדויערט דאָס זוכעניש און דער רעש, און דער טומל, און די קללות. אַ נאָסער שניי איז געפאַלן, געמישט מיט רעגן און געקלאַפּט אין די פּנימער מיט ווייטאָג און אויפרעגונג. איינצייטיק האָט זיך געשטעלט אַ פראָסט, וואָס האָט געמאַכט גליטשיק די וועגן און שטעגן אין דאָרף. די שטיוול האָבן זיך געגליטשט און אָפּגעצעגערט דאָס גיכע אויספירן פונעם ביינאַכט־זוכעניש. הינט האָבן געבילט אויפן וועטער און אויף די פרעמדע מענטשן, וואָס דרייען זיך אַרום אין די הויפן. עטלעכע שאָסן האָבן זיך געהערט און וואָס אַמאָל ווינציקער הינט האָבן געבילט.

און ווען דאָס דאָרף האָט זיך אַ פאַרשלאָפנס אויפגעוועקט אינדערפרי — איז ווי אַ דונער זיך צעגאַנגען די שרעקלעכע נייעס, אַז זיי האָבן געפונען קאָסעס און העק אין דער אַרבעט אין דער קוזשניע און האָבן סטאַכן, דעם קאָוואַל און אַדאַמען, דעם אַרבעטער פון שטעטל, וועלכע זיי האָבן געטראָפן ביי דער אַרבעט — פאַרהאַלטן, געפענטעט אין קייטן און אָפּגעפירט אין תפיסה אַריין אין שטאָט.

אַן אימה איז אַלעמען באַפאַלן, און אַ שוידער צוליבן גורל פון די צוויי יונגע מענטשן. פרומע אַלטע פּויערטעס און פּויערים האָבן געקניט און זיך געצלמט, געשטאַנען שעהנווייז הכנעדיק נעבן די הייליקע בילדער און געבעטן רחמים, געבעטן פאַר די צוויי יונגעלייט, פאַרן אייגענעם הויזגעזינט און פאַר אַלע וואָס ליידן אומשולדיק. און די יונגע און הייסבלוטיקע איינוווינער פון דאָרף האָבן פאַרביסן די ליפּן, געביילט די פויסטן און געשוווירן בקמה.

קאַפּיטל זיבן

און באַלד צומאָרגנס איז געקומען אַ פרישע גזירה. דאָס מאָל האָט עס זיך באַצויגן צו תבואה און שפּייזוואַרג: אין משך פון מאָרגנדיקן טאָג וועלן פאַרפאַרן אויטאָס און וועגענער פאַר יעדן הויז און צונויפנעמען די גאַנצע תבואה און די קאַרטאָפל און צוויקל און מײרן און ציבעלעס און קרויט, וואָס די פּויערים באַזיצן. זאָל יעדער אַרויסשטעלן דאָס אַלץ פאַרן טויער און צוהעלפן אַרויפלאָדענען. זאָל קיינער נישט פּרובירן פאַרשטעקן אָדער אָפּשלעפּן. זאָל דער נעכטיקער ביישפּיל דינען ווי אַ וואָרענונג און באַווייז פון דייטשער וואַכזאַמקייט... געהייסן האָט עס, אַז עס גייט לשם סטאַטיסטיק, לשם עקאָנאָמישער אויסרעכענונג נאָר. אַז אַ טייל וועט שפּעטער ווערן צוריקגעגעבן, אַ טייל וועט ווערן צעטיילט צווישן די אָרעמע פּויערים, און די רעשט וועט גיין צום אַלגעמיינעם שפּייכלער צום נוצן פון דער גאַנצער באַפעלקערונג.

קיינער האָט נישט געגלויבט דערין. מ׳האָט געוווּסט וואָס דאָס מיינט. אַז זיי וועלן אויסהונגערן דאָס דאָרף און צורויבן זייער ברויט און שיקן קיין דייטשלאַנד פאַר זייער אייגן געברויך. ענלעך האָבן זיי געטאָן אין די שטעט.

די פּויערים, וועלכע האָבן נאָך תמיד געלעבט אונטערן איינדרוק פון די געשעענישן פון לעצטן מעת־לעת, האָבן דערפילט די נייע גזירה ווי אַ שווערן שטיין, וואָס הענגט אַרום האַלדז און ציט אין תהום אַריין, און ווי אַ שווערע האַנט, וואָס שטיקט ביים גאַרגל. פאַרחושטע און נידערגעשלאָגענע האָבן זיי צעעפנט אויגן און ליפּן און געפרעגט:

— וואָס טון?

— זיי נעמען אַוועק דעם ביסן פון מויל, ווי איז אונדז!

— און וואָס ווייטער, וואָס וועט זיין ווייטער?

לאַנג האָבן זיי נישט געמוזט וואַרטן אויף אַ תשובה. באַלד

נאָכמיטאָג איז אַ פּאַטראָל פאַרבייגעגאַנגען יעדע כאַטע, אַנגעקלאַפּט אין טיר, אין פענצטער, און אַריינגעשריגן:

— אַלע אויף צוויי אַזייגער נעבן קוזשניע! קיינער זאָל נישט פעלן, פרויען און קינדער, געזונטע אָדער קראַנקע, אַלע מוזן זיין פּונקט צוויי אַזייגער נעבן קוזשניע!

און טאָמער האָבן עמיצנס אויגן אויסגעדריקט חידוש און פאַר־באַרגענעם פּראָטעסט, האָט דער עלטסטער פון פּאַטראָל צוגעלייגט:

— קומט! קומט! ס׳וועט זיין היימלעך!

און אַ צווייטער האָט צוגעגעבן סאַרקאַסטיש:

— קומט, מיר בעטן אייך. ס׳וועט זיין פריילעך! איר וועט זיך אָנלאַכן, פאַרלאָזט נישט די געלעגנהייט, מיר בעטן אייך!

און דער דריטער פון פּאַטראָל, דער קליינער, בייכיקער זעלנער, האָט אין אַ געבראָכענעם פּויליש, לאַכנדיק, אויפגעקלערט:

— דאָס איז אַ געבעט... טאָמער קומט איר נישט, וועט איר באַ־דויערן ס׳גאַנצע לעבן, אַזוי לאַנג ווי ס׳וועט נאָך זיין באַשערט צו לעבן, כי־כי־כי...

אַזוי זענען זיי דראָענדיק און לאַכנדיק געקראָכן פון איין פויער צום צווייטן און צונויפגערופן דעם עולם.

אַ שיינער, טרוקענער נאָכמיטאָג. אַ לייכט פרעסטל. די זון איז געהאָנגען הויך, געשטאַנען אויף איין אָרט, ווי צוגעפרוירן צום אויסגעלייטערטן הימל. מיט די גליטשיקע וועגן און שטעגן האָבן זיך געשאַרט, פון דער געגנט אַרום, מידע און דערשלאָגענע פּויע־רים, פאַרטאָן אין טראַכטעניש. געוואָלט טרעפן, געוואָלט דערגיין מיטן אייגענעם שכל, וואָס עס גרייט זיך דאָרט.

אַ שרעק און אַ שוידער האָבן פאַרטריבן אַלע געדאַנקען פון אונטערן שאַרבן. יעדער האָט עס ממילא פאַרבונדן מיט סטאַכן און אַדאַמען, אָבער נישט געוואָגט צו טראַכטן דערוועגן. געגאַנגען און געפאַלן אויפן גליטשיקן וועג. אויפגעשטעלט זיך און מיט אונטער־געבראָכענע און שווערע פיס ווייטער געגאַנגען.

צו דער באַשטימטער צייט זענען שוין אַלע געשטאַנען אַרום דער קוזשניע. געשוויגן. אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, ווי פאַרמשפּטע, און געוואַרט אויפן ערגסטן.

פּונקט צוויי אַזייגער איז דער קלייגער, שיקלדיקער זעלנער מיטן שווערן בויך און קרומע פיס, אַרויף אויף אַ טריבונע, וואָס

איז געוואָרן צוגעגרייט אויף אַ נישט־דערענדיקטן וואָגן, נעבן אַריינ־גאַנג פון קוזשניע, און גענומען אַרויסלייענען נעמען פון אַ ליסטע — אַלע נעמען פון מענער, פרויען און קינדער, וואָס לעבן אין דאָרף און אַרום. אַנדערע זעלנער מיט די שווערדן אויף די ביקסן האָבן זיך געדרייט צווישן עולם און קאָנטראָלירט צי דער, וואָס מ׳האָט אַרויסגעלייענט זיין נאָמען, איז פאַראַן צווישן די פאַרזאַמלטע. און ווען ס׳האָט געפעלט אַ קינד, וואָס אַ מאַמע האָט איבערגעלאָזן אין שטוב, עס זאָל זיך נישט פאַרקילן אין פראָסט, האָט אַ זעלנער באַ־גלייט די מאַמע אַהיים און געצוואונגען ברענגען דאָס קינד.

די קאָנטראָל און דאָס דערגענצן דעם עולם לויט דער ליסטע האָט געדויערט איבער אַ שעה. די פויערים זענען געשטאַנען אָן גע־דולד, אָן נשמה; דאָס לאַנגע וואַרטן און די שפּאַנונג האָבן זיי מער ווי געטאָן ווי די ערגסטע יסורים און טאָרטורן.

אַ שליטן איז געקומען צו פאָרן פון דער זייט פון בית־עולם מיט רעש. דער קלאַנג פון די שליט־גלעקלעך האָט אַלעמען אויפ־געציטערט און געשניטן ווי מיט מעסערס. אַלע האָבן אויפגעהויבן די קעפּ אויף אַ רגע און אויפסניי אַראָפּגעלאָזט, אויפהאַלטנדיק דעם אָטעם.

— אויפהויבן די קעפּ און קוקן! האָט אַ דייטש געשריגן, דראָ־ענדיק מיט זיין מאַשינגעווער.

— אויפהויבן די קעפּ און קוקן! האָט דער קליינער שיקלדיקער זעלנער זיך געבייזערט פון דער טריבונע אַראָפּ אין אַ געבראָכענעם פויליש — זיי בעטן דאָך אייך!

פון שליטן האָבן צוויי דייטשן אַראָפּגעשלעפּט דעם אַלטן, קראַנקן ביסקופּסקי. זיי האָבן אים צוגעהאַלטן ער זאָל שטיין און אַ שטויס געטאָן אים פאָרויס, צום פראָנט צו. ער איז אַנידערגע־פאַלן ווי אַ שטיין מיטן פּנים אין שניי אַריין, אָן באַוועגונג ווי אַ שטייפער גוף. די דייטשן האָבן אים אָנגענומען ביי די ביינערדיקע פיס און געשלעפּט פאָרויס, שאַרנדיק מיט זיין פּנים אינעם באַשנייטן וועג. זיי האָבן אים צוגעשלעפּט צום פראָנט נעבן דער טריבונע און געמוסרט:

— אַזוי טוט מען, ווען איינער פּאַסט זיך נישט צו צו די באַ־פעלן, היטישע זרע!

— מ׳האָט אייך געבעטן, האָט דער קליינער שיקלדיקער זעל־נער מיט זיין געבראָכענעם פויליש פאַרבעסערט, מ׳האָט דאָך גע־

בעטן מיט גוטן... געזונט צי קראַנק; יעדער איז געבעטן געוואָרן צו קומען; וואָס? דעלעגאַציעס מוז מען שיקן, האָ?

דער אַלטער ביסקופּסקי איז געלעגן אין שניי מיט שטייפע גלידער, אָן אַ סימן פון לעבן, אָן לשון, ווי זיין צונג וואָלט אויך געווען פּאַראַליזירט. איינער פון די דייטשן האָט אים איבערגע־קערט, אויסגעדרייט זיין קאָפּ צו דער קוזשניע און באַפּוילן קוקן.

אַנטאָשאַ, וועלכע איז געשטאַנען דערנעבן, האָט פּלוצים דער־פילט אַ שטאָך אונטערן האַרצן, אַ טיפן ווייטאָג אונטערן גריבל און אַ שווינדלדיקן ציטער אין אַלע אירע אברים. זי האָט אָנגעשפּאַרט זיך אין פראַנעקן, געציטערט אין זיינע אָרעמס און געוויינט אויפן קול. פראַנעק האָט זי צוגעדריקט פעסט צו זיך און געבעטן זי זאָל זיך באַהערשן.

אַ דייטש האָט עס באַמערקט און גענומען שרייען:

— נישט דאָ איז דאָס אָרט פאַר ליבע, דאַנערוועטער, ליבן זיך געקומען אַהער?!

ער האָט זיי צעשיידט. ער האָט אַרויסגעריסן זי פון פראַנעקס אָרעמס און אַ שליידער געטאָן אין שניי אַריין. זי איז געפאַלן אַ ווייי־נענדיקע און געלעגן אין שניי, צאַפּלענדיק מיט ספּאַזמאַטישע קאַנוווּל־סיעס. פראַנעק איז געשטאַנען און זיך געוואָרפן אויס כעס. ער האָט בייז געקוקט אויפן דייטש, גרייט אים דורס צו זיין און צו צערייסן אויף שטיקער. ער האָט באַדויערט, וואָס ער האָט נישט זיין האַק מיט זיך, ער וואָלט אים אָנגעלערנט, דעם אכזר; שפּעטן וואָלט ער אויס אים געמאַכט.

אַרום פיר אַזייגער האָט עס זיך אָנגעהויבן. דער פעלדפעבל קורט שניידער איז געקומען אין באַגלייטונג פון אָן אָפּטיילונג זעל־נער, וועלכע זענען ספּעציעל געשיקט געוואָרן פון שטאָט, כדי צו פאַרשטאַרקן די וואַך אין דאָרף דעם הייַנטיקן טאָג. ער האָט זיך געשטעלט אויף דער טריבונע און גענומען לייענען פון אַ פּאַפּיר, לאַנגזאַם און דייטלעך, אונטערשטרייכנדיק יעדעס וואָרט, יעדע זילבע.

וואָס ער האָט געלייענט האָט קיינער נישט געוווּסט. די נעמען סטאָך און אַדאַם האָבן זיך איבערגעחזרט יעדע רגע און געקלונגען יעדן אין אויער. יעדער האָט זיך געצלמט און אין קורצן אָפּגעזאָגט אַ תפילה ווי נאָך אַ טויטן. שפּעטער האָט דער קליינער, שיקלדיקער זעלנער גענומען איבערזעצן אויף אַ געבראָכן פּויליש. ווען ער וואָלט

גערעדט גוט פויליש, וואָלטן אויך נישט אַלע פאַרשטאַנען אין וואָס עס גייט אייגנטלעך. זיי האָט זיך געדאַכט, אַז זיי חלומען, אַז דאָס משפּט מען זיי אַלעמען און נישט נאָר סטאַכן און אַדאַמען, וואָס זע־נען דאָ גאָרנישט געווען אַנוועזנדיק. נאָר סטאַכס טאַטע־מאַמע, די אַלטע קאָוואַלעס פון דאָרף, זענען געשטאַנען מיט געשמידטע הענט נעבן קוזשניע־טיר, אַנשטאָט זייער זון. זיי זענען געשטאַנען רואיק, שטאַלץ, מיט אַרויפגעהויבענע קעפּ און געקוקט די דייטשן אין די אויגן אַריין.

ווען די איבערזעצונג האָט זיך געענדיקט, האָט מען געעפנט די טיר פון דער קוזשניע און אַ דייטש מיט אַ מאַשין־געווער אין האַנט האָט אַ קאָמאַנדע געטאָן:

— די קעפּ אַרויף! קוקן!

אין דער קוזשניע, ביי דער שוועל, איז געלעגן אַ באַרג מיט האָלץ און קין, אַרומגעלייגט מיט שטרוי און פּאַפּיר. אַ דייטש איז געשטאַנען מיט אַ קענדל און געגאָסן נאַפט אויפן באַרג און באַשפּריצט די ווענט. אַן אַנדערער האָט צוגעפירט דעם אַלטן קאָ־וואַל צום באַרג מיט האָלץ און שטרוי, אויפגעבונדן אים די הענט און דערלאַנגט אַ שוועבעלע. דער אַלטער האָט געהאַלטן די הענט ביי זיך.

דער קליינער, שיקלדיקער זעלנער האָט זיך אונטערגערוקט:

— נו, נעם! ער בעט דיך דאָך; צינד אונטער, לאָז דיך נישט בעטן...

דער אַלטער איז געשטאַנען ווי אַן איינגעמויערטער שטיין, זיך נישט באַוויגן. דער פעלדפעבל האָט אים אַריינגעשטופּט אין האַנט אַ ברענענדיק שוועבעלע און אַ שטויס געטאָן פאָרויס. ער איז אומגעפאַלן. געבליבן ליגן. אין איין רגע איז זיין גאַנץ לעבן פאַרביי פאַר די אויגן — אַ לעבן פון שווערער פּראַצע, פון מי און מאַ־טערניש, און חלומות וועגן אַן אייגענער קוזשניע, פאַר זיך אַליין: זיין אַ באַלעבאָס אין אַן אייגענער קוזשניע... און דער פאַרווירקלעכטער חלום; ענדלעך! מיט דער הילף פון סטאַכן דערגרייכט אַ ציל אין לעבן... און איצט? איצט?

עטלעכע קרעפטיקע הענט האָבן אים אָפּגעהויבן פון דער ערד, אַרויסגעשלעפּט פון די טראַכטענישן און אים געשטויסן; געשטופּט אים אַ ברענענדיקע פאַקל אין האַנט אַריין און אים אַרויפגעוואָרפן אינאיינעם מיט דער פאַקל אויפן באַרג מיט האָלץ און שטרוי.

אַ פּייער איז אויסגעבראָכן און גענומען פלאַקערן און בלאָזן אין די פּנימער אַריין מיט גלי און שטיקעניש. דער עולם האָט זיך דערשראָקן, אָפּגעטרייסלט זיך און פּלוצים געמומען זען, אַז דאָס וואָס געשעט אַרום איז נישט קיין חלום, נאָר נאַקעטע וואָר. זיי האָבן זיך צוריקגערוקט אויף אַ טריט הינטערוויילעכס, ווייל דאָס פייער האָט זיך פאַרשטאַרקט און געבריט אויף אַ מהלך.

פראַנעק האָט אויפגעהויבן אַנטאַשאַן פונעם שניי און זי מיט־געשלעפּט מיט זיך. זיך געריקט אויף עטלעכע טריט צוריק אינאיי־נעם מיט אַלע. די דייטשן האָבן אַרומגערינגלט די פויערים פון הינטן און נישט געלאָזט זיך צעגיין. געהייסן וואַרטן און קוקן אויפן פייער ביז די קוזשניע וועט ליגן אין חורבות, ביז ס'וועט קיין זכר נישט בלייבן פון איר.

די זון האָט זיך צעשמאָלצן פונעם פייער און איז געוואָרן אַ טייל פון אַן אָוונטיקן, פאַרפרוירענעם וואָלקן. דאָס פייער האָט גע־ברענט מיט אַ ריזיקן פלאַם און פאַרלענגערט דעם טאָג. און ווען דאָס לעצטע שטיקל קויל פון דער קוזשניע האָט אויפגעהערט טליען — איז זיך דער עולם צעגאַנגען, צו זיך, צו שכנים, צו באַקאַנטע, כדי נישט צו זיין אַליין מיט זיך, מיט די אייגענע, שוידערלעכע געדאַנקען און איבערלעבונגען.

קאַפּיטל אכט

ביי פראַנעקן אין הויז זענען זיך צונויפגעקומען עטלעכע פּוי־ערים. אויסער זיינע שטענדיקע געסט, זענען אויך געקומען טאַ־דעאוש פּאַסעק און מאַטשיעי וויעזשבאַ, די צוויי האַלצהעקער פון דאָרף, וואָס פלעגן אינאיינעם מיט פראַנעקן האַקן דעם פּאַטאָקער וואַלד, אײדער די דייטשן זענען געקומען, אײדער דער גראַף איז אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד. געווען אויך יאַסל. ער איז נאָך תמיד גע־ווען אין דאָרף. ביי טאָג פלעגט ער זיך אויסבאַהאַלטן אין וואַלד, פאַרשטעלט פאַר אַן אָפּגעריסענעם פויער, און ביינאַכט פלעגט ער קומען אין דאָרף אַריין צו פראַנעקן.

אין שטוב איז געווען זייער טונקל. דאָס נאָפּט־לעמפּל איז גע־האָנגען אויף דער וואַנט, אָבער אָן לעבן. דאָס פייער אינעם אויוון האָט זיך פויל געברענט, אָן פלאַם, אָן פלאַקער, אָן חשק. אַ רויך האָט געיאָגט פון דער געקראַטעטער פאָדערזייט פון אויוון און געקראָכן אין די אויגן אַריין. אָבער נישט אַריינגעקריגן זיך אינעווייניק, ווייל די אויגן־לעדלעך האָבן פאַרשטעלט דעם וועג צו די אַראָפּגעלאָזטע אויגן. די לבנה, כאַטש אַ פולע און אַ גלאַנציקע אינדרויסן, האָט אַריינגעשיינט אין דער כאַטע סוף־חודשדיק, ווי פון הינטער אַ דיקן וואָלקן.

אַנטאָשאַ איז געלעגן אין בעט אינעם שכנותדיקן צימער, אי־בערגעדעקט מיטן בעטגעוואַנט, און געוויינט. איר פאַרטויבט געוויין האָט זיך געהערט איןביידע צימערן. פראַנעק פלעגט פון צייט צו צייט צוגיין צו איר און זי באַרואיקן.

— אפשר אַ דאָקטאָר? האָט פּאַסעק געפרעגט.

— פונוואַנען אַ דאָקטאָר? האָט יאָסל געפרעגט. אַז דעם פּאָ־טאָקער דאָקטאָר, דעם גוטן דאָקטאָר פּוריסמאַן, האָבן זיי פאַרשיקט. אַז דער שטעטלדיקער דאָקטאָר, פּיסקאָרזש, איז אַנטרונען — מ׳זאָגט אַז ער איז אין פראַנקרייך — און דאָרפּסמאַן, דער כירורג, איז אַנטרונען צו די רוסן... איז פונוואַנען אַ דאָקטאָר?

— אפשר אַ הייבאַם? האָט געפרעגט וויעזשבאַ.

— ניין, נישט קיין הייבאַם, האָט אַנטאָשאַ אָפּגעהילט איר קאָפּ און איבערגעריסן וויינען. נאָך צייט!

זי האָט זיך אויפגעזעצט אין בעט, געווישט זיך די אויגן און אַריינגערעדט דורך דער אָפענער טיר צו די געסט:

— ס׳איז גאָרנישט, שוין בעסער; וואָס איך פאַלט דאָרט איין, אַ הייבאַם, האַ־האַ!

— יאָ, בעסער זיך נישט צו איילן מיט אַ קינד היינטיקע צייטן, האָט יאָסל געזאָגט מיט אַ געלעכטער. בעסער עס האַלטן אין שויס ווי אַמלענגסטן! דאָרט איז עס זיכער, דאָרט איז אים גוט; בעסער עס אויסטראָגן אַזוי לאַנג ביז די רוצחים וועלן ווערן פאַרטריבן... נישטאָ וואָס זיך צו איילן!

אַלע האָבן שטיל געלאַכט. דער רויך איז אָפּגעטרעטן. דאָס פייער האָט גענומען ברענען מיט פונקען, וואָס האָבן זיך באַהאָפטן אין קליינע פלאַם־ציגלעך און קאַרג באַלויכטן דעם שטח אַרום אויוון. אַ שטיקל ראַנד פון דער לבנה האָט זיך אַריינגעגנבעט און

געבליבן ליגן צופוסנס פון פענצטער.

— און איצט, האָט זיך יאָסל אָנגערופן, לאָמיר זוכן אַן עצה.

— נו, יאָ! האָט פראַנעק צוגעשטימט; לאָמיר זוכן אַן עצה.

— איז דען פאַראַן אַן עצה קעגן זיי? האָט פּאַסעק געפרעגט.

— איז דען פאַראַן אַן עצה קעגן דער לעצטער גזירה, האָט וויעזשבא געפרעגט. איז דען פאַראַן?

— עס איז דאָך סכנת־נפשות, איז עס דאָך, האָט יאַן, דעם סאָלטיסעס טאַטע געוואָרנט. סכנות־נפשות איז עס דאָך!

— פאַראַן אַן עצה, האָט יאָסל געזאָגט.

— וואָס איז די עצה?

— וואָס איז די עצה?!

— פאַראַן, פאַראַן, האָט יאָסל סודותדיק פאַרזיכערט. פאַראַן!

— מסתמא, אַז יאָסל זאָגט, איז פאַראַן, האָט פראַנעק זיי באַרואיקט. אַז יאָסל זאָגט, ווייסט ער.

— נו, לאָמיר הערן!

— נו, לאָמיר הערן!

יאָסל האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט אָנטשלאָסנקייט געענטפערט קורץ:

— נישט געבן!

— וואָס הייסט, סכנת־נפשות!

— וואָס הייסט?!

— וואָס הייסט?!

— ס'הייסט, האָט יאָסל רואיק געענטפערט. טון אַזוי ווי מיט די קאָסעס, מיט די סערפּן, מיט די העק...

אַלע האָבן אויסגעדרייט די קעפּ אין זיין זייט און געקוקט אויף אים מיט קעלבערנע אויגן פול מיט חידוש.

— אַ האַק קען צונויף קומען, איז שאַרף...

— אַ קאָסע קען צונויף קומען, איז שפּיציק, מ'קען פאַרשטעקן...

— אַ סערפּ איז ווי אַ שווערד, קען צונויף קומען, מ'קען פאַרשטעקן...

— אָבער קאָרן!

— אַ זאַק מיט תבואה?!

— ווו באַהאַלטן?

— זיי וועלן געפינען!

— און פאַרשיקן!

— און שיקן אין שטאָט אַריין צום משפט, ווי סטאַבן און אַדאַ־מען!

— און דערהרגענען!

— און פאַרברענען די כאַטע, ווי די קוזשניע היינט!

— און ווער ווייס וואָס?

יאָסל האָט נישט איבערגעריסן. נאָר ווען זייער פאַנטאַזיע און זייערע פראַגעס האָבן זיך אויסגעשעפּט, האָט ער זיך אָנגערופן:

— ניין, ניין! נישט פאַרשטעקן, נישט באַהאַלטן...

— נאָר?!

— נאָר וואָס?

— פאַרניכטן! האָט יאָסל באַפעלעריש געענטפערט. פאַר־ניכטן! וואַרפן אין סטאַוו אַריין, אין די ברונעמס אַריין, פאַרברענען און זיי נישט געבן; סיי־ווי איז עס פאַרלוירן, זאָלן זיי אויך האָבן דערפון אַ מכה!

— ער איז גערעכט, האָט פראַנעק צוגעשטימט. ער איז גע־רעכט!

— שטער נישט, האָט יאָסל געבעטן און ווייטער גערעדט. זיי וועלן די גאַנצע תבואה צונעמען און אַוועקפירן, שיקן קיין דייטש־לאַנד פאַר זייערע משפחות און דערמעגלעכן זיי אויסצוהאַלטן און צו פאַרלענגערן זייער ווידערשטאַנד, פאַרציען דעם קריג!

— גערעכט!

— ער איז גערעכט!

— זיי וועלן שיקן פאַר זייערע משפחות און פאַרציען דעם קריג!

— בעסער פאַרניכטן, גערעכט!

— מיר נישט — דיר נישט! האָט יאָסל איבערגעריסן זייער ענטוזיאַזם. בעסער פאַרניכטן איידער קאַרמען דעם שונא, בעסער צו צעשטערן גאָטס גאָב, ווי נערן דערמיט גאָטס שונאים!

— גערעכט!

— נו, וועלן זיי שווייגן, די דייטשן? האָט געפרעגט דער אַל־טער יאַן, די כיטראַקעס!

— נו, וועט מען געבן אַ קליינעם טייל, אָפּצוקויפן זיך, אָפּצו־נאַרן זיי, אַזוי ווי מיט די אייזערנע מכשירים; און די רעשט פאַר־ניכטן, פאַרניכטן, מיר נישט, דיר נישט!

— פאַרניכטן!

— פֿאַרניכטן!!

— ער איז גערעכט!

— מיר נישט, דיר נישט!

— אַ קרענק זיי!

— אַ מכה!

— אַ טויט אין זייערע לייבער!

— אַ טויט אין די מאַגנס פֿון זייערע הונגעריקע משפחות!

— אַ טויט זיי!

— אַ טויט!

די התלהבות און אויסרופֿן האָבן פֿאַרהילכט דאָס גערודער, וואָס האָט זיך געטראָגן פֿונדרויסן, און דעם אָפּקלאַנג פֿון טריט, וואָס האָבן זיך דערנענטערט צו פֿראַנעקס כאַטע. און ווען די טיר האָט זיך פּלוצים געעפֿנט מיט אַ פּראַל און,ביים שיין פֿון אַ שטאַרקער טאַשן־לאָמפּ, האָבן זיך דייטשע זעלנער אַ שיט געטאָן אין צימער אַריין מיט באַגנעטן אויף די ביקסן, מיט אַ מאַשינגעווער און מיט ווילדע קולות:

— די הענט אַרויף!

— פֿאַרפֿלוכטע, דאָנערוועטער! הינטישע לייבער, פּוילישע חזרים!

זענען אַלע געבליבן ווי געפּלעפּט. אויפֿגעשטעלט זיך פֿון די ערטער, אויפֿגעהויבן די הענט. געשטאַנען ציטערדיק, מיטן טויט פֿאַר די אויגן, ווי פֿאַר דער תליה.

ווען דער פֿעלדפֿעבל האָט איבערגעחזרט:

— פּוילישע חזרים!

און צעצויגן די זילבן:

— פּוי־לי־שע ח־זי־רים!

האָט עס אַ וואָרף געטאָן מיט זיי. פֿראַנעק האָט עס דערפֿילט, ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן אין האַרצן. יעדע זילבע אַ ביס אין האַרצן. אין איין אויגנבליק האָט ער אָפּגעשאַצט די געפֿאַר. געקוקט אויף די דייטשן, אויף די פּויערים. געזען: סטאַכן, אַדאַמען, סטאַכס טאַטן, די ברענענדיקע קוזשניע, און יאָסלען... יאָ, יאָסלען, דעם אויסבאַהאַלטענעם יידן. און ווידער אַדאַמען. און אַנטאָשאַן. און דעם דייטש, וואָס רייסט אַרויס אַנטאָשאַן פֿון זיינע אָרעמס און שליידערט זי אין שניי. און ווידער יאָסלען. יאָסל מיטן קעלבל. יאָסל מיט דער האַק. יאָ, די האַק. די האַק! די האַק! די האַק! די

האַק, וואָס ליגט פאַרשטעקט אונטער אַ בעלקע אויפן באַלקן איבערן קאָפּ, אויף דער הויך פון זיין אויסגעשטרעקטן אָרעם. די האַק! די האַק!! און ווידער יאָסל. און ווידער אַדאַם. און ווידער דער דייטש, וואָס רייסט אַנטאָשאַן פון זיינע אָרעמס און שליידערט זי אין שניי. יאָ, דער דייטש, דער זעלבער דייטש, אָט־אָ, אָט־אָ דאָ פאַר זיינע אויגן. דער זעלבער, מנוולדיקער דייטש, דער זעלבער! דער זעל־בער!

פלוצים איז געוואָרן פינצטער. אַ רעש. אַ גערודער. אַ גע־פּלאָנטער. פּוילישע אויסרופן האָבן זיך געמישט מיט דייטשע. פּוילישע קרעכצן — מיט דייטשע. עמיצער האָט פאַרהאַקט די טיר. עמיצער האָט געשאָסן אין דער פינצטער אַ סעריע פון מאַשינגעווער און געפאַלן מיטן געווער אויפן דיל. עמיצער האָט פּראָבירט אָנ־צינדן אַ טאַשן־לאָמפּ און געפאַלן מיטן לאָמפּ אויפן דיל.ביינער האָבן געקראַכט. שאַרבנס האָבן זיך געשפּאָלטן מיט אַ טעמפּן קנאַל. ריפּן זענען געפּלאַצט מיט אַ קרעכץ. שאָטנס זענען געפאַלן, גע־שטאָקט זיך איינער אויפן צווייטן און ליגן געבליבן, ווו זיי זענען געשטאַנען, ווי אונטערגעהאַקטעביימער אין אַ וואַלד.

אַ רגע האָט עס געדויערט. און ס׳איז געוואָרן שטיל. מ׳האָט גע־קאָנט הערן די לעצטע גסיסה־קרעכצן און די נישט־דערענדיקטע זילבן פון דייטשע קללות.

קומענדיק אַהער האָבן זיי זיך נישט געריכט אויף קיין סכנה. נאָך דער לעצטער גענויער רעוויזיע און נאָך די שווידערלעכע מאָס־מיטלען, האָבן זיי נישט געגלויבט, אַז ס׳וועט זיך נאָך געפינען אַ מענטש, וואָס וועט וואַגן. זיי זענען געווען איבערצייגט, אַז דער ווי־דערשטאַנד פון די פּויערים איז געבראָכן, צעשמעטערט. זיי זענען געווען זיכער, אַז זייער סיסטעם פון פאַרחושן מיט גזירות און גרויל אין אַ קליינעם צייט־אָפּשניט, האָט פאַרוואַנדלט די פּויערים אין שאָף, אין טייג וואָס מ׳קאָן קנעטן ווי מען וויל... זיי האָבן זיך נישט געריכט, און דעריבער פאַרלוירן די קעפּ, געוואָרן צעטומלט, ווען פּראַנעק האָט זיי באַגריסט פלוצים מיט זיין האַק.

און ווען די זון איז געקומען באַזוכן פּראַנעקס כאַטע, וואָס האָט זיך פּאַמעלעך אַרויסגעשלייכט פון דער סודותדיקער נאַכט, האָט זי געפונען אויפן דיל קאַלטע צעמזיקטע גופים פון דייטשן מיט צע־שפּאָלטענע שאַרבנס, מיט צעבראָכענע גלידער, מיט צעשפּליטער־טע ביינער, ווי אונטערגעהאַקטע ביימער אין אַ געדיכטן וואַלד.

קאַפּיטל נײַן

צומאָרגנס איז דאָס גאַנצע דאָרף געשטאַנען אין פײַער. געקו־מען אַ שטראָף־אָפּטײלונג פֿון שטאָט און אונטערגעצונדן יעדעס הויז, יעדע כאַטע, יעדע שטאַל, יעדע סטאָדאָלע. געשאָסן אויף יעדן, װעלכער איז נישט באַצײַטנס אַנטרונען, נישט אַרויסגעלאָזט קײנעם לעבעדיק פֿון ברענענדיקן דאָרף.

דאָס פֿײַער האָט זיך גיך פֿאַרשפּרייט פֿון אײן בנין צום צווײטן און זיך באַהאַפּטן אין אײן גרויסן ים פֿון פֿלאַמען. אין אָונט איז געקומען אַ פֿראָסט און בײַנאַכט אַ שניי, און האָבן געלאָשן די פֿלאַמען, פֿאַרלאָשן דאָס פֿײַער און איבערגעלאָזט די חורבות פֿון די הײַזער טליענדיק. דרײַ טעג האָט דאָס דאָרף געטליעט, געררוי־כערט, געסרחהט אין שװץ פֿונעם פֿראָסט און שניי. דעם פֿערטן טאָג, װען ס'האָט זיך געשטעלט אַ גוט װעטער מיט זון און שטראַלן, האָבן לאַפּאַטעס גענומען שאַרן דעם שניי פֿון די חורבות און צו־גרײַטן די רעשטלעך פֿון די כאַטעס פֿאַר נײַע פֿלאַמען. אין אָונט האָט װידער געברענט. די בערג מיט טרוקן האָלץ און קין, דאָס חלב און נאַפֿט, מיט װעלכע זיי האָבן אונטערגעהאַלטן דאָס פֿײַער, האָבן זיך קעגנגעשטעלט דעם אָונטיקן פֿרעסטל און די לײַכטע שניי־פּליטערלעך פֿון שפּעט־אָונט. פֿאַרטאָגס איז געפֿאַלן אַ נאַסער, געדיכטער שניי געמישט מיט רעגן, אָבער ער האָט שוין נישט גע־האַט װאָס צו לעשן, פֿאַרשפּעטיקט זיך מיט אַ האַלבן מעת־לעת.

װען דאָס װעטער האָט זיך אויסגעלײַטערט און געװאָרן טרוקן, האָבן די דײַטשן אונטערגעצונדן די געבײַדע פֿון דער גמינע, װאָס איז געשטאַנען אַן אָפּגעזונדערטע, בײַם עק דאָרף, געװאַרט ביז ס'איז געװאָרן קויל און אַש און חורבה פֿון דעם לעצטן זכר פֿון דאָרף. און פֿון אַלע זײַטן, אויף די װעגן, װאָס פֿירן אַהערצו, האָבן זיי אויסגעמעקט דעם נאָמען פֿון דאָרף אויף די װעג־װײַזערס, און

אינמיטן פון די חורבות האָבן זיי אַריינגעשטעלט אַ הויכן סלופּ מיט אַ שרייאיקן טאָוול: „דאָ איז אַמאָל געווען אַ דאָרף!“.

דער באַצירקס־אַמט האָט איינצייטיק באַשטימט אַ הויכן פּרייז פאַר געפינען און צושטעלן דעם האַלצהעקער פראַנעק צאַבאַן, וועלכער טראָגט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן אומגליק. זיי האָבן צוגעזאָגט גרויסע פּריווילעגיעס און מעדאַלן פאַר זיין קאָפּ. די זעלנער און געהיים־פּאָליציי אין דער גאַנצער געגנט האָבן געזוכט, געשיקט שטעק־בריוו נאָך אים און צעהאַנגען זיין בילד איבער דער גאַנצער מדינה.

פון צייט צו צייט פלעגט מען געפינען אַ דייטשן זעלנער אָדער אַ געסטאַפּאָ־מאַן מיט אַ געשפּאָלטענעם שאַרבן, מיט אַ צעטרייבערטן רוקן, מיט אַרויסגעזעצטע גערערעם — דערמאָרדעט מיט אַ האַק. אין פאַרשידענע טיילן פון לאַנד פלעגט מען געפינען דערהרגעטע דייטשן מיט סימנים פון אַ האַק אויף זייערע לייבער.

מ׳האָט נישט געקאָנט פאַלן אויף זיינע שפּורן, ווייל וואָס אַמאָל פלעגט די האַק פון נקמה זיך באַווייזן אין אַן אַנדער אָרט און טראָגן טויט. דער גענעראַל־גובערנאַטאָר אַליין האָט באַשטימט די העכסטע אויסצייכענונג און דעם העכסטן פּרייז פאַר יעדן איינעם, וואָס וועט העלפן צו דערפירן אויף זיינע שפּורן און דערמעגלעכן אים אויסצוגעפינען. ספּעציעלע אָפּטיילונגען מיט שנאַפּ־הינט האָבן געלויערט אומעטום און געזוכט אין די וועלדער און בערג, אין היילן און פאַרוואָרפענע חורבות.

אומעטום האָט מען גערעדט וועגן פראַנעקן, וועגן דעם פויער מיט דער האַק, וואָס טראָגט נקמה. בשעת אַן עוולה אָדער אַ בלוטיקן חשבון מיט אַ דייטש, פלעגט מען זיך טרייסטן, אַז באַלד וועט זיך באַווייזן „די האַק“ און זיך אָפּרעכענען. די האַק איז אויסגעוואַקסן צו אַ סימבאָל, צום איינציקן קוואַל פון פרייד.

— די האַק, פלעגט מען זאָגן מיט פרומקייט, וועט קומען און באַצאָלן.

— די האַק וועט זיך שוין אָפּרעכענען.

— די האַק וועט לאַנג נישט זוימען.

— די האַק וועט זיי לערנען דרך־ארץ.

— די האַק!

— די האַק!

— די האַק...

שפעטער האָבן די דייטשן געכאַפּט אַ פּויער מיט אַ האַק, וואָס האָט דערמאָרדעט אַ דייטש, אָבער ס׳איז נישט געווען פראַנעק און ס׳איז נישט געווען זיין האַק. נעבן דער גרענעץ האָבן זיי געכאַפּט אַן אַנדערן מיט אַ האַק, וואָס האָט געטראָגן נקמה, אָבער ס׳איז נישט געווען פראַנעק און נישט געווען זיין האַק. אין וואַרשע האָבן זיי געכאַפּט אַ דריטן מיט אַ האַק, אָבער ס׳איז נישט געווען פראַ־נעק און נישט זיין האַק.

מ׳האָט געזאָגט, אַז פראַנעק האָט זיך אַרויסגעקריגן פון פוילן אינאיינעם מיט יאָסלען. מ׳האָט געזאָגט, אַז פראַנעק איז אַריינגע־טרעטן אין דער פּוילישער גלותדיקער אַרמיי. מ׳האָט געזאָגט, אַז יאָסל האָט זיך דערשלאָגן קיין פּאַלעסטינע און אַז אַט אַט קומט ער באַלד צוריק צוזאַמען מיט די ענגלישע נקמה־נעמער. זיי וועלן נעמען די דייטשן פון ביידע זייטן, אַ פייער פון מזרח און אַ פייער פון מערב. מ׳האָט געזאָגט, אַז די רייכע יידן פון מעבר־לים וועלן גיך אַריינשלעפּן אַמעריקע ביים קאָפּ אין מלחמה קעגן דייטש, די יידן האָבן אַ כוח... מ׳האָט געזאָגט, אַז די גליקלעכע שעה פון אויס־לייזונג איז שוין נישט ווייט.

וואָס מ׳האָט אַלץ נישט געזאָגט!...

קינגסקעטל, סקאָטלאַנד, 1943.

באַמערקונג:

די מאַזיקע דערציילונג איז געשריבן געוואָרן סוף 1943 אין סקאָטלאַנד, און זי איז דערשינען אין אַ ביכל, אין נאַראַדיצקי־פאַרלאַג, אין לאָנדאָן, אָנהויב 1944. צוליב די באַמבאַרדירונגען פון „ווייטשעפּל”, איז צוזאַמען מיט דער דרוקעריי פאַרניכטעט געוואָרן די גאַנצע אויפלאַגע. דעריבער האָט דער מחבר געהאַלטן פאַר נויטיק איבער־צודרוקן אין דער זאַמלונג די מאַזיקע אומבאַקאַנטע דער־ציילונג.

דר. קאַהען־קרעאַנזש

נאָכן גרויסן שטורעם זענען געקומען רעלאַטיוו־רואיקע טעג. מען איז די איטאַליענער נישט אַקעגנגעגאַנגען מיט בלומען, אָבער מען האָט זיי אויפגענומען ווי דאָס קלענערע בייז. בעסער צו זיין אָקופּירט דורך איטאַליענער ווי דורך דייטשן. בכדי צו געווינען די באַפעלקערונג האָבן די איטאַליענישע פּאַרוואַלטער נאָמינירט דעם פריערדיקן וויצע־פּרעפעקט פון דעפּאַרטאַמענט אַלס פּרעפעקט און באַשטעטיקט דעם פריערדיקן מער פונעם קוראָרט אויף זיין ביזאיצ־טיקן אַמט.

באַלד נאָך זיין אָפיציעלער נאָמינאַציע איז דער מער געקומען מיט אַ באַזוך צום אַלטיטשקן דאָקטאָר, וועלכער האָט דאָ אַמאָל פאַר־נומען דעם זעלבן אַמט במשך לאַנגע יאָרן.

— איר מעגט מיר גראַטולירן צו מיין רענאָמינאַציע, מיין אַל־טער און גוטער פריינט.

— דו מיינסט, אַז מען דאַרף? האָט דער אַלטער דאָקטאָר אויפ־געהויבן אויף אים זיינע מידע אויגן און געדרוקט אים פעסט די האַנט. ווער האָט עס דען דיך רענאָמינירט, ווער — דער אָקופּאַנט; נו, מיינסטו, אַז עס קומט גראַטולירן?...

— יאָ, דער אָקופּאַנט. אָבער איטאַליע איז דאָך אונדזער לאַטיי־נישע שוועסטער, הער דאָקטאָר, פאַרגעסט נישט.

— איך פאַרגעס נישט. אָבער דאָך אָקופּאַנט, שונא און אַליאיר־טער פון שונא.

דער דאָקטאָר האָט דערלאַנגט דעם גאַסט זיין אָרעם און אים צו־געפירט צום טיש. זיי האָבן זיך ביידע געזעצט. דער דאָקטאָר אויף זיין סטאַבילן קאָנסולטאַציע־שטול און דער יונגער מער — אינעם

פּאַטעל, אויף דער צווייטער זייט פון קאַבינעט־טיש. דער דאָקטאָר האָט איבערחזרט:

— אָבער דאָך שונא און פאַרבינדעטער פונעם שונא.

דער מער, וואָס איז געזעסן אומגעדולדיק אינעם טיפן פאָטעל, ווי אַ פּאַציענט, וואָס וואַרט אויפן דאָקטאָרס מוסר־רייד, האָט אַ רגע אַראָפּגעלאָזן די אויגן, זיך פאַרטראַכט, אָבער גיך אַרויס פון דער פאַרלוירנקייט.

— יאָ, איך פאַרשטיי אייער כוונה, האָט ער געשטאַמלט. איך פאַרשטיי. אָבער באַלד האָט ער אויפגעהויבן זיינע מילדע אויגן און אַריבער אין אַ טרייסטנדיקן טאָן; זייט רואיק, גוטער פריינט. איך וועט קיין האָר נישט אַראָפּ פון אייער גראָען קאָפּ. געהערט איר דאָך צו די ווילטוער פון דער מענטשהייט. דאָס האָט איר דאָך אונדזער קוראַרט באַרימט געמאַכט אין לאַנד און אין אויסלאַנד. אייער בוך וועגן די היגע קור־וואַסערן האָט דאָך געמאַכט געשיכטע און אָנגע־הויבן אַ נייע דאַטע פאַר אונדזער שטאָט, פאַר דעם עקאָנאָמישן וווּיל פון דער גאַנצער געגנט.

— יאָ, אָבער ווער רעדט וועגן מיר? האָט דער דאָקטאָר אים איבערגעריסן. איך בין אַלט און צייל זיך נישט מער, מעסיע לע מער. וויכטיקערע זאַכן שטייען אין קאָן, מסיע לע מער.

— פאַרוואָס פלוצים אַזאַ אָפיציעלער טאָן, פאַרוואָס נישט ווי תמיד — מאַרסעל: זייט איר דאָך תמיד און קודם כל מיין אַלטער, גוטער פריינט, וועמען איך בין אַזויפיל שולדיק.

— שיין פון דיין זייט, מאַרסעל, מיין יונגער און טייערער פריינט. האָב איך דאָך דיך געזען קומען אויף דער וועלט. וואָכן גאַנצע בין איך געשטאַנען ביי דיין וויגל. ווייל דו ביסט געקומען אויף דער וועלט פאַר דער צייט... איך ווייס נישט כ׳לעבן וואָס עס האָט זיך דיר אַזוי געאיילט?... האָסטו נישט געהאַט קיין כוח צו ציען די מילך פון דער מאַמעס וואַרצלען. בין איך געשטאַנען און געצאַפּט די מילך פון דיין מאַמעס ברוסטן מיט אַן אַפּציערל; אַה, אַ פרימיטיוועס, נישט אַזוי ווי היינט. און דערלאַנגט דיר דירעקט אין פיסקעלע אַריין. דו ביסט געווען אַ פרעסערל, און פלעגסט פאַרלאַנגען נאָך און נאָך; פלעגסט מיך פאַרמוטשען ממש... און דעמאָלט בין איך נאָך געווען יונג, מאַרסעל.

— און ווער זאָגט, אַז היינט זייט איר אַלט, האָט דער מער אים איבערגעריסן. אַזעלכע מענטשן ווי איר ווערן קיינמאָל נישט אַלט.

אייער גייסט איז נאָך תמיד יונג, אויף אַ סך יונגע לייט געזאָגט געוואָרן.

— שיין פון דיין זייט, מאַרסעל, וואָס דו קומסט מיך דערמו־טיקן, טרייסטן. איך דערמאָן זיך דיין טאַטן. ער איז אויך געקומען מיר געבן מוט. דו ביסט נאָך דעמאָלט אויף דער וועלט נישט גע־ווען. ער האָט געהאַט איבערגענומען די מערי נאָך מיר. איך האָב אים אָפּגעטרעטן, בכדי זיך צו קאָנען ווידמען דעם קוראָרט. ווען ער האָט געהערט אַז איך גרייט צו אַ סטודיע וועגן די היגע קוואַל־וואַסערן און אַז איך ראַנגל זיך מיט מאַטעריעלע שוועריקייטן אַרויס־צוגעבן די אַרבעט אין בוך־פאָרם, איז ער געקומען מיך דערמו־טיקן און מיר געבראַכט געלט פון דער שטאָטישער קאַסע אויף צו פאַרענדיקן די אַרבעט.

— איך וויס, דער טאַטע האָט עס מיר מער ווי איינמאָל דער־ציילט.

— עס וועט שוין באַלד זיין אַ האַלבער יאָרהונדערט זייט דע־מאָלט. היינט שלאָגסטו מיר פאָר דיין הילף... אָבער היינט זענען אַנ־דערע צייטן, מאַרסעל. נישטאָ מער די אַמאָליקע מענטשן. דערצו דאַרף מען מיך נישט מער... און פאַראַן בפירושע געזעצן, ראַסישע געזעצן... אַלפרעד קאָהען־קרעאַנזש איז פאַרמשפּט דורך די דזשונגל־געזעצן, מסיע לע מער... די געזעצן, וואָס דו, אַלס הויפּט פון דער שטאָט, וועסט זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זייער טאָטאַלן דורכפירן אינעם לעבן.

— אויסנאַמען באַשטעטיקן דאָך געזעצן, שער דאָקטער. און צווייטנס, זענען מיר דאָך נישט אָקופּירט דורך די בלוט־דורשטיקע דייטשן, נאָר דורך איטאַליע, וואָס איז אונדזער לאַטייניש שוועס־טער. מיט זיי וועלן מיר געפינען אַ געמיינזאַמע שפּראַך.

— מיין נאַאיווער יונגער קאָלעגע, האָט דער דאָקטאָר טיף אָפּ־געזיפצט. ווו נעמט מען דיין גלויבן? און אָפּפירנדיק דעם גאַסט צו דער טיר, האָט ער צוגעגעבן אין דער שטיל, אַזוי ווי בעת אַ גע־בעט: איך וועל טון תפילה, אַז איך זאָל זיין אין אַ טעות און נישט דו; מיין טעות וועט כאָטש קאָנען געפינען אַן אויסרייד אין מיין היוכן עלטער... און זאָל גאָט דיר ביישטיין, אויב עס איז דיר באַ־שערט צו מאַכן דעם טעות, מאַרסעל.

דער מער האָט פעסט געדרוקט די האַנט פון אַלטן דאָקטאָר און איז מיט גיכע טריט אַוועק אין גאַס אַריין.

זעט זיך אויס, אַז דער מער האָט געמוזט רעדן וועגן דאָקטאָר מיטן פּרעפּעקט, ווייל דער ערשטער געדאַנק, וואָס דער הויכגע־שעצטער פּאַציענט האָט געבראַכט פאַרן מויל, זיצנדיק אַקעגנאיבער דעם דאָקטאָר, איז טאַקע געווען וועגן איטאַליע אַלס לאַטיינישע שוועסטער. עס האָט אויסגעזען ווי דער המשך פון דעם געשפּרעך מיטן מער.

— שרעקט זיך נישט, האָט דער פּרעפּעקט באַרויקט דעם דאָקטאָר. איך קען זיי גוט, די איטאַליענער. איז דאָך מיין אָפּשטאַם אַן איטאַליענישער, ווי מיין נאָמען גופא. מיינס אַן עלטער־עלטער זיידע איז געקומען אין דער געגנט מיט נאַפּאָלעאָנס אַרמייען, און דאָ חתונה געהאַט מיט אַ מיראַבעל, פון די פּי־סוחרים. מיין זיידע פלעגט דערציילן וועגן דער קאָנקורענץ, וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישן די מיראַבעלס און די קרעאַנזשעס. די מיראַבעלס האָבן געבראַכט בהמות און פערד פון פּיעמאָן, פון סיציליע און די קרעאַנזשעס פון סאַקסן און פּאָמערן. עס איז אָפּט דערגאַנגען צו מחלוקות און קנאה־שנאה. איר קענט דאָך, דאָקטאָר, די מענטשלעכע שוואַכקייטן...

— אָה, קען איך זיי, הער פּרעפּעקט, און נישט נאָר אַלס דאָק־טאָר.

— יאָ, האָבן זיך געשאָפן צדדים, האָט דער פּרעפּעקט ממשיך געווען. און עס וואָלט זיכער געקומען צו גאָר גרויסע אינצידענטן, ווען, ווען עס מישן זיך נישט אַריין די... קאָהענס. ווען דער אַלטער אַבראַהאַם קרעאַנזש איז געשטאָרבן און זיין בן־יחיד האָט חתונה געהאַט מיט אַ קאָהען, פון עלזאַס, זענען די אַקציעס פון די קרע־אַנזשעס שטאַרק געפאַלן. די קאָהענס האָבן נישט געהאַלטן פון מס־חר. זיי זענען געווען אינטעלעקטועלע, מיט אַ נייגונג צו פרייע פּראָ־פעסיעס... אַזוי לאַנג ווי די אַלטע אלמנה האָט געלעבט — מיין טאַ־טע האָט זי גוט געקענט, פלעגט ער דערציילן וועגן איר מיט רעס־פּעקט — זענען נאָך די געשעפטן געגאַנגען. אָבער, ווינאַר דער זון איז געוואָרן אַליין באַלעבאָס, האָט ער זיך געלאָזט באַהערשן דורך זיין ווייבס משפחה...

דער פּרעפּעקט האָט איבערגעריסן און זיך צעלאַכט:

— אגב, ווייס איך נישט נאָכוואָס איך דערצייל עס אייך, ווייסט איר עס דאָך בעסער ווי איך... יאָ, אַקעגן דעם, וואָס איך האָב גענומען רעדן וועגן משפחה, וועגן...

— לאַטייניִשע שוועסטער, רוימישע ברידער, האָט דער דאָק־טאָר אים אונטערגעזאָגט.

זיי זענען געזעסן אַ ווייל רואיק און געשמייכלט; דער פּרע־פעקט — מיט אַ שעמעוודיקער אויפריכטיקייט, און דער דאָקטאָר — מיט אַן איראָניע, פול מיט סקעפּטישקייט און איינגעהאַלטנקייט. בכדי צו צערייסן די שטילקייט, האָט דער דאָקטאָר געעפנט מיט אַ סקריפּ דעם שופלאָד פון זיין שווערן קאַבינעט־טיש און אַרויסגע־נומען פון דאָרטן זיין זילבערן ציגאַרן־שעכטל, עס אויפגעעפנט און מיט טרייסלענדיקע פינגער דערלאַנגט עס זיין גאַסט. דער פּרע־פעקט האָט גענומען דאָס שעכטל פון דאָקטאָרס הענט, עס צוריק פאַרמאַכט און זיך איינגעקוקט אינעם דעקל. ער האָט דאָס שעכטל און דאָס דעקל מיטן פאַרכאַפּנדיקן פּייזאַזש גוט געקענט. יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט קומען צום דאָקטאָר בעת די קור־סעזאָנען, פלעגט זיך אָנהויבן די קאָנסולטאַציע, אָדער קאָנטראָל פון קור־גאַנג, מיט דעם זעלבן פאַמיליאַרן זשעסט פון דערלאַנגען אַ ציי־גאַר פונעם זילבערנעם שעכטל, באַגלייט מיט דער געשיכטע, אָבער יעדעס מאָל אין אַ נייער ווערסיע, מיט נייע פּרטים, אָדער אינטער־פּרעטאַציעס. און ער פלעגט תמיד איבערחזרן דעם זעלבן זשעסט: נעמען דאָס אָפענע שעכטל פון דאָקטאָרס האַנט, צוריק פאַרמאַכן דאָס דעקל און זיך איינקוקן אין די פיינע שניצערייען און באַוווּנ־דערן די קונסט, וואָס שטעקט אין יעדער קלייניקייט, אין דעם הויכן גראָז, אין וועלכן עס בלאָנדזשען אַרום שעפּסן און קי, אין דעם פעלדזיקן בערגל, אויף וועלכן עס זיצט אַ פאַרחלומטער פּאַסטוך און שפּילט אויס אַ כישוף־ניגון, און עס דאַכט זיך, אַז די שעפּסן און די קי שטעלן אָן די אויערן, און אַז דער הימל אַליין און די זון הערן זיך צו...

— דאָס האָט מיין אָנקל, ראָבערט קאָהען, דער אַרכיטעקט און אַרטיסט, געמאַכט אַ מתנה זיין ברודערן־טאָכטער, צו איר חתו־נה מיט...

— מיט דעם דאָקטאָר אַלפרעד קאָהען־קרעאַנזש, אין טאָג פון זייער חתונה — האָט דער פּרעפעקט אונטערגעכאַפּט.

— עס שטימט, האָט דער דאָקטאָר באַשטעטיקט אַ צופרידע־נער און באַלד צוגעגעבן דרך־אגב: עס איז גוט ווען אַ פּרעפעקט האָט אַ גוטן זכרון.

דער פּרעפעקט האָט דערלאַנגט אַ ציגאַר דעם דאָקטאָר און

דערנאָך אַליין גענומען איינעם. אַרויסגעצויגן זיין ציגאַר־מאַשינדל און אָנגעצונדן דעם דאָקטאָרס ציגאַר, דערנאָך זיין אייגענעם. זיי זענען געזעסן פּנים אל פּנים. דער דאָקטאָר האָט געקוקט אַראָפּצו, צו זיין פּאַציענט, וועלכן ער האָט נאָך געקענט אַלס קליינעם באָאַמטן, ווען ער האָט זיין ערשטן שטיינער־אַטאַק באַקומען, און איצטער איז ער דערגאַנגען צום העכסטן אַמט אינעם דעפּאַרטאַמענט. און דער פּרע־פעקט האָט אַרויפגעקוקט צו זיין דאָקטאָר, וועמען ער האָט צו פאַר־דאַנקן זיין געזונט, און וועמענס פריינטשאַפט און קלוגע עצות זע־נען אים תמיד געווען טייער. די קלוגע אויגן זיינע האָבן עפּעס איצטער אויסגעזען ווי אויסגעלאָשן, ווי זיי וואָלטן געווען אַ סך עלטער ווי זיי זענען אויף אָן אמת. די אויבערשטע אויגן־לעדלעך זענען געפאַלן ווי אַליין פון זיך און זיך שווער באַוויגן אויף אַרויפ־צו. די שווערע און געדיכטע באַרשט־האָר ביים זאָם פון שטערן האָבן איצטער געוואָרפן נאָך אַ גרעסערן שאָטן, איבער די אויגן־לעכער און אויבערשטן טייל פון פּנים, ווי תמיד. אפשר בכדי צו מאַסקירן דעם טרויער, וואָס האָט זיך דאָרטן איינגעפּרעסן צוזאַ־מען מיט די נישט־אויסגעשלאָפענע נעכט? צו פאַרדעקן די טרער, וואָס האָט גענומען דיסקרעט זיך אַרויסרייסן פון דער דינער שפּאַ־רונע צווישן די אויגן־לעדלעך?

דער פּרעפעקט האָט באַמערקט ווי די טרער פּערלט זיך אי־נעם לינקן אויגן־ווינקל, האַלט זיך אָן פעסט אין אַ רעשטל פון אַ האָר און וויל נישט אַראָפּפאַלן. האָט ער אַ שטאַרקן ציִ געטאָן ביים ציגאַר און אַרויסגעלאָזן אַ דיקן קנויל רויך פאַר זיך און אַרויפצו, און זיך אָנגערופן:

— געווען אַ גרויסער אַרטיסט, אייער פּעטער, פלעגט מיר מיין טאַטע דערציילן. ער האָט דאָך אויך אויסגעבויט דעם שטאָט־ראָט אין...

— און אויך די סטאַטוע פון זשאַן־ד׳אַרק, און פון זשאַן זשאַ־רעס, דעם טריבון און פאַרטיידיקער פון קאַפּיטאַן דרייפוס, פון „זש׳אַקיוז״... און נאָך אַ לענגערער פויזע צוגעגעבן: און פון דער פאַנטאַנגע אינעם שטאָטישן פּאַרק מיט דער קליינער סטאַטועטקע פון דער פרייהייטס־מאַריאַננע מיט דעם איילבירטס־צווייג אין איר רעכטער האַנט.

ער האָט איבערגעריסן. פאַרטראַכט זיך. פאַרצויגן טיפער זיין ציגאַר. דער רויך האָט אַרויסגערופן אַ הוסט און אַ טרייסל געטאָן

מיט אים. פון דעם טרייסל האָט די טרער זיך אָפּגעטשעפּעט פון איר אָנהאַלט און אַראָפּגעפאַלן אויפן עק פון ברענענדיקן ציגאַר. זי איז געפאַלן מיט אַ געזשום, ווי אַ פליג וואָס באַקומט זיך פּלוצים אַריין אין אַ געדיכטער נעץ פון שפּינגעוועב.

דער פּרעפעקט האָט אויטאָמאַטיש אַרויסגענומען זיין ציגנד־מאַשינדל און צוגעשטעלט אַ פלאַם צום דאָקטאָרס ציגאַר, אויס מורא אַז ער זאָל זיך נישט אויסלעשן. דער דאָקטאָר האָט אָפּגע־שטופּט זיין האַנט.

— אַ דאַנק, מען דאַרף נישט. עס איז אַן אַלטע טרער, אַן אויס־געטרוקנטע. אַן אַלטע, יידישע טרער, מסיע לע פּרעפע.

זיי האָבן געקוקט איינער אויפן צווייטן. דער פלאַם פונעם ציגנד־מאַשינדל האָט צעריסן די רויך־מחיצה צווישן זיי. דער דאָקטאָר האָט געזויגן פעסטער דעם מויל־עק פון ציגאַר, און דער פּרעפעקט איז געשטאַנען גרייט מיטן פלאַם צו דינען.

— אַן אַלטע, יידישע טרער, הער פּרעפעקט — האָט ער איי־בערחזרט.

ווען דער פלאַם איז אַליין אויסגעגאַנגען פון זיך, האָט דער פּרעפעקט צוריקגעלייגט זיין ציגנד־אַפּאַראַטל אין טאַש אַריין, און וועלנדיק אָנקניפּן צו דעם דאָקטאָרס אָנצוהערעניש און געמיט־צושטאַנד, און צום געדאַנק, וואָס ער האָט אָנגעהויבן אַנטוויקלען ביים אָנהויב — האָט ער זיך אָנגערופן מיט איבערצייגונג:

— די איטאַליענער זענען אונדזערע לאַטייניש ברידער, דר. קרעאַנזש...

— נישט קרעאַנזש, האָט ער אים איבערגעריסן, נאָר קאָהען־קרעאַנזש. פאַראַן אַן אונטערשיד, פאַראַן אַ ניואַנס. אין דעם ניואַנס ליגט דער גאַנצער אינהאַלט. קיינמאָל איז נאָך אַ ניואַנס נישט גע־ווען פון אַזאַ גרויסן אינהאַלט, ווי איצט, מסיע לע פּרעפע.

— יאָ, פאַראַן אויך אַ ניואַנס צווישן אָקופּאַנט און אָקופּאַנט. מען טאָר זיי נישט אידענטיפיצירן. איטאַליע איז דאָך אונדזער לייבלעכע שוועסטער, געזויגן פון דער זעלבער מאַמען. די הונען און די רוימער, הער דאָקטאָר, זענען צוויי וועלטן, צוויי פאַרשידענע פילאָסאָפן, שער דאָקטער. שטאַמען דאָך אונדזערע צוויי שפּראַכן פון דער זעלבער לאַטיינישער מאַמען, און מיר וועלן זיך דערגעדן מיט זיי, זייט רואיק.

דער פּרעפּעקט האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגער און זיך אַנט־שולדיקט, אָנזאָגנדיק אַ נייעם באַזוך אויף צומאָרגנס.

צומאָרגנס, צו דער אָפּגערעדטער שעה, איז ער צוריקגעקו־מען. דער דאָקטאָר האָט תיכף גענומען דעם בלוט־דרוק מעסטער אין האַנט אַריין, אַ סימן אַז היינט וועט מען נישט פֿאַרלירן קיין צייט אויף רעדן. דער פּרעפּעקט האָט אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דאָס רעקל און אַרויפֿגעשאַרצט דעם אַרבל. דערנאָך האָט ער אַריינגעלייגט פֿאָרזיכטיק זיין האַנט אין דעם רינג, וואָס עס שאַפֿט דער אָרעמבאַנד און די שנאַלן־בענדער. דער דאָקטאָר האָט פֿאַרצויגן די בענדער און גענומען אַריינפּלומפּן לופֿט אינעם פּנעוומאַטישן טייל פֿון מעס־טער. ער האָט לאַנג געדרוקט די גומענע באַרנע צווישן זיינע ביי־נערדיקע פֿינגער און איינגעשרומפּענעם האַנט־פּלאַך. די ווענטלעך פֿון דער גומי האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד און נישט געלאָזט זיך איינקנייטשן ביז אַרונטער.

— אַן אַלטע באַרנע, עקסצעלענץ, האָט ער זיך פֿאַרטיידיקט, זעענדיק ווי דער אַרמבאַנד בלאָזט זיך נישט אַזוי גיך אָן. אַן אַלטע באַרנע, שוין אָפּגעדינט. לוינט זיך שוין נישט צו מאָדערניזירן די אַפּאַראַטן... און אפֿשר גאָר אויך די האַנט, וואָס קוועטשט, אפֿשר איז עס אויך איר שולד? אויך אַלט, גאָר אַלט, די האַנט.

— זשעדנע אויף קאָמפּלימענטן, זע איך היינט, הער דאָק־טאָר, האַ?

— און ווען דער פֿאָדערטייל פֿון אָרעם, ביז צו די פֿינגער, האָט גענומען ווערן בלאָ, האָט דער דאָקטאָר צוגעשטעלט דאָס מי־קראָ־טעצעלע, וואָס הענגט אַראָפּ ביי די הער־רערלעך, צום ראַנד פֿון אָרעמבאַנד, און איידער ער האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן מעסט־זייגער, אַ זאָג געטאָן סתם אין חלל אַריין, באַגלייט מיט אַ זיפֿץ:

— אַזוי ווי אייער אָרעם, אַזוי זענען מיר אויך, אין קלעם... דער שונא שניידט איבער דעם בלוט־צופֿלוס. אַזוי ווי אייער אָרעם, אַזוי זענען מיר אַלע איצטער אין קלעם.

דערנאָך האָט ער גענומען אַרויסלאָזן צוביסלעך לופֿט, דורך אַ זייטיקער עפֿענונג פֿונעם האַנט־טייל פֿון אַפּאַראַט, און אינאיינעם מיטן רעש פֿון דער אָפּגייענדיקער לופֿט, געלאָזט פֿאַלן אַ ציפֿער, און דערנאָך אַ צווייטע ציפֿער. און ווען דער דאָקטאָר האָט אַראָפּ־גענומען דעם אָרעמבאַנד און דער אָרעם האָט ווידער באַקומען זיין

פריערדיקע מראה, האָט דער פּרעפעקט אויסגעשטרעקט דעם באַ־פרייטן גליד צום דאָקטאָר און זיך אָנגערופן:

— אַזוי ווי מיין האַנט, וואָס האָט זיך באַפרייט פון קלעם, אַזוי וועלן מיר אויך אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם פרעמדן יאָך. און פונקט ווי די האַנט איז ווייטער האַנט און דאָס בלוט פליסט ווייטער ווי פריער, אַזוי וועט זיין אויך מיט פראַנקרייך.

נישט וועלנדיק פאַרקריכן אין אַ גרויסן געשפּרעך, האָט דער דאָקטאָר אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, אַז ער איז מסכּים און אַ ווייז געטאָן מיט די אויגן צום פּאַציענט, אַז ער זאָל זיך אַוועקלייגן:

— איצטער וועלן מיר זען, וואָס עס מאַכן עפּעס אייערע שטיי־נער.

— איר מאַכט חוזק, דאָקטאָר, האָט זיך דער פּרעפעקט צע־לאַכט. איר האָט זיי פאַרטריבן איינמאָל פאַר אַלעמאָל. און בלויז אויפן געדאַנק, אַז זיי וואָלטן געקענט צוריקקומען גייען מיר אַדורך נאָדלען איבערן לייב. איר האָט באַוויזן כּישוף.

— און וואָס מכּוח זאַמד?

— די יערלעכע קורן מאַכן מיר זייער גוט און במשך לאַנגע חדשים איז די אורין קלאָר ווי קוואַל־וואַסער אין די בערג.

— יאָ, יעדער שמץ פון זאַמד דאַרף פאַרטריבן ווערן. פון אַ זעמ־דעלע מאַכט זיך זאַמד און אַ זאַמדל צו אַ זאַמדל, אַ זאַמדל צו אַ זאַמדל, קאָן פירן צו אַ זאַמד־באַרג, צו אַ מדבר אַ גאַנצן... און אין אונדזער פאַל, אַ זאַמדל אינעם אורין־מיליע, קאָן זיך פאַרוואַנדלען אין אַ שטיין, אין יסורים, אין טויט־אַנגסטן... דאַרף מען אויסראָטן יעדעס ברעקל זאַמד, יעדעס ברעקל שמוץ מיטן שורש און באַ־צייטנס... און ווי אין דער מעדיצין, איז עס אויך אין לעבן, אין דער פּאָליטיק, אין צווישן־מענטשלעכע באַציאונגען, צווישן־פעלקער באַ־ציאונגען, בפרט אין אַזאַ צייט ווי די איצטיקע, אייער עקסצעלענץ.

און רעדנדיק האָט ער זיינע געניטע הענט געפירט איבער דעם בויך פון זיין הויכגעשעצטן פּאַציענט, געטאַפּט, אויסגעקלאַפּט די לעבער, די געדערים, די מילץ; געהייסן זיך איבערדרייען און אויס־געטאַפּט די נירן, און פאַרקראַכן מיט די פינגער ביז אין דער טיף פון די אורין־בעכערס און נאָכגעגאַנגען דעם גאַנג פון די אורין־טראָפּנס אַראָפּצו, ביז אין דער בלאָז אַריין. דערנאָך האָט ער דערלאַנגט דעם פּאַציענט אַ גלאָז, ווי אַ וואַזאָן, מיט אַ ברייט פּיסל, און געהייסן זיך אַוועקשטעלן אין אַ ווינקל און אָנפילן נישט מער ווי דריי־

פּערטל גלאָז. און אַליין האָט ער זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט, געמאַכט זיך קוקן אין די בילדער, וואָס זענען דאָרטן אויסגעהאַנגען, און געוואַרט געדולדיק ביז דער פּאַציענט האָט פאַרקנעפּלט זיינע הויזן. ער האָט גענומען פון זיין האַנט דאָס גלאָז מיט דער וואַרעמער פליסיקייט, אָפּגעהילט אַ ראַנד פון דער גאַרדין און דריי־ענדיק מיט דעם גלאָז אונטער פאַרשידענע ווינקלען, און צושטעלנ־דיק די נאָז צום ראַנד, זיך אָנגערופן:

— דער ריח איז סואי־גענעריס. די געדיכטקייט זעט אויס דיקער ווי מען דאַרף. מסתמא פאָספאַטן, און מסתמא — זאַמד אויך. און אַוועקשטעלנדיק דאָס גלאָז אויפן טיש, האָט ער צוגעגעבן: מען וועט אונטערוואַרטן אַביסל און זען, וואָס פאַראַ שיכט עס וועט זיך אָפּזעצן.

און ער האָט זיך געזעצט צום טיש, אָנווייזנדיק דעם פּרעפעקט דעם פאָטעל. ער האָט גענומען די פעדער אין האַנט אַריין, און גע־נומען שרייבן. איין רעצעפּט אויף טרינקן מינעראַל־וואַסער. איין רע־צעפּט — אויף אַנאַליזן. איין רעצעפּט — אויף בעדער. און איין רע־צעפּט אויף אַראָפּצונידערן דעם בלוט־דרוק. און דערלאַנגענדיק די פיר פּאַפּיר־בייגעלעך דעם פּאַציענט, אַ זאָג געטאָן:

— קומט אין אַ וואָך אַרום אויף קאָנטראָל. אייער בלוט־דרוק איז היי־יאָר העכער ווי תמיד, דאַרף מען אים נאָכקאָנטראָלירן אָפּט און זען דעם עפעקט פון די בעדער און פון וואַסער. יאָ, עסט ווי־ניקער געזאַלצנס. טרינקט ווייניקער אַלקאָהאָל, און אויב מעגלעך — אינגאַנצן אויסמיידן. מיידט אויס אויפרעגונגען, עגמת־נפשן.

און דערלאַנגענדיק דעם פּרעפעקט די האַנט ביי דער טיר, האָט ער זיך דערמאָנט אין דער אורין, אינעם גלאָז.

— אַ רגע נאָך, לאָמיר אַריינקוקן אינעם שפּיגל פון אייערע נירן. ער האָט גענומען דאָס גלאָז פאַרזיכטיק, נישט אויפצורודערן דעם אָפּזאַץ אויפן באָדעם און אָפּגעדעקט די גאַרדין פון שויב, עס זאָל אַריינקומען מער ליכט פון דרויסן. — נאָך איין רגע, האָט ער איבערגעחזרט שטיל, אַזוי שטיל, אַז דער פּרעפעקט האָט עס נישט גענוי דערהערט, און נישט געוווסט צו דאָס האָט נאָך אַ שייכות צו דער קאָנסולטאַציע. ווען דער דאָקטאָר האָט זיך אומגעקערט, איז זיין פּאַציענט נישט געווען מער אין קאַבינעט.

ווען דער הויכגעשעצטער פּאַציענט איז געקומען צו זיין לעצטן קור־באַזוך, אַ צופרידענער, אָן אויפגעפרישטער און אויסגעצהאָ־גענער פון לעצטן באָד מיטן אונטערוואַסער־דוש, האָט דער דאָקטאָר אַרויסגענומען פון דערנעביקן שענקל די קראַנקייטס־געשיכטע פון קורגאַסט מיט אַלע צוגעהעריקע באַריכטן און רעזולטאַטן, און זיך ערנסט איינגעקוקט. איינצייטיק האָט ער געעפנט דעם סקריפּנדיקן שופלאָד, און אַרויסגענומען פון דאָרטן דאָס ציגאַרן־שעכטעלע. אַ־רויפגעשטעלט אויפן טיש, צורוקנדיק עס אַ פּאַרמאַכטעס צום פּרע־פעקט. סיי־ווי, האָט ער געטראַכט, וועט ער עס דאָך פאַרמאַכן ווי תמיד, בכדי צו כאַפּן אַ בליק אויף דעם דעקל. האָט ער דאָסמאָל נישט געעפנט. דער פּרעפעקט האָט גענומען דאָס שעכטל אין די הענט און עס צוגערוקט נאָענטער צו די אויגן, ווי ער וואָלט עס געזען צום ערשטן מאָל. דער דאָקטאָר האָט געקוקט, מיט זיינע טריבע אויגן, אויפן הויכגעשטעלטן גאַסט, ווי אויף אַ פרישן באַ־קאַנטן; זיך איינגעקוקט אין זיין פּנים, ווי ער וואָלט וועלן אַרויס־לייענען פון אים אומבאַקאַנטע שטריכן, הינטער־כוונות. ער האָט אַוועקגעלייגט זיינע פּאַראַרעמס אויף די מעדיצינישע פּאַפּירן און אָנלענענדיק זיך פאַרויס אויף די עלעבויגנס, זיך אויסגעבויגן מיטן קאָפּ און ברוסטן אין דער ריכטונג פון פּרעפעקט.

— נו, וואָס הערט זיך עפּעס נייעס, מסיע לע פּרעפע?

דער פּרעפעקט האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון דעם שעכטל און מיט אַ קליינער פאַרשפּעטיקונג געענטפערט:

— גוטע נייעס. מיר האָבן זיך נישט אַנטוישט אין די איטאַ־ליענער...

— לאַטייניש שוועסטער, נישט שייך.

דער פּרעפעקט האָט פאַרשטאַנען די איראָניע, און באַכגעזאָגט, הגם מיט ווייניק איבערצייגונג:

— יאָ, ווי איר זאָגט, לאַטייניש... זיי מישן זיך נישט אין אונדזערע ענינים. אויך נישט די דייטשע מיסיע, וואָס געפינט זיך בשכנות פון דער פּרעפעקטור. מיר אָרדנען איין אַ באַל... דאָס הייסט מיר מאַכן דעם יערלעכן פּרעפעקטור־באַל דאָסמאָל פריער ווי תמיד. כלומרשט לכבוד די איטאַליענער...

— לאַטייניש ברידער...

— ווי איר זאָגט... די דייטשע מיסיע איז אויך איינגעלאַדן. מיר האָבן עס נישט געקענט אויסמיידן... מיר טאָרן עפנטלעך נישט

אַרויסווייזן זיי קיין שנאה. זיי קענען דאָך אונדז נישט אַריינקוקן אין האַרצן...

דער פּרעפעקט האָט געעפנט דאָס שעכטל און דערלאַנגט דעם דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט גענומען אַ ציגאַר און מכבד גע־ווען זיין גאַסט. דער פּרעפעקט האָט אויסגעצויגן זיין האַנט, אָבער געלאָזט זי הענגען אין דער לופטן:

— דער לעצטער, נישט נעמען.

— נעמט, נעמט, איך בעט אייך. די ציגאַרן זענען באַשטימט נאָר פאַר אַן אַנגעזעענעם גאַסט, אַ הויכע פּערזענלעכקייט... איך רויכער נאָר אַ ציגאַר דעמאָלט, ווען עס גייט צו פאַרבינדן אַ שמועס מיט אַן אינטערעסאַנטן מענטשן, מיט אַ גייסטרייכער פּערזאָן... אָבער ווער וועט שוין איצט קומען צו מיר, אַז דער רוב פון מיינע קורגעסט האָט מיך פאַרלאָזן, און מסתמא איז אייער היינטיקער באַזוך, הער פּרעפעקט, דער לעצטער באַזוך פון אַ הויכגעשטעל־טער פּערזאָן...

— וואָס פאַלט אייך איין, הער דאָקטאָר? עס וווּנדערט מיך אויף אייך, הלמאי איר קענט מיך נאָך אַלץ נישט.

— יאָ, איך האָב געמיינט, אַז מיר קענען זיך טאַקע. אַז איך קען אייך גוט; ווי די מיראַבעלס האָבן געקענט די קרעאַנזשעס, גע־קענט זייערע שוואַכקייטן און שטאַרקייטן. מיין טאַטע פלעגט דער־ציילן, אַז קיינמאָל איז אים נישט געווען מעגלעך צו דערגיין די הינטער־כוונות פון די מיראַבעלס...

— וואָס ווילט איר דערמיט זאָגן, דאָקטאָר? וואָס ווילט איר אינסינואירן?

— דער דאָקטאָר האָט זיך נאָכמער איבערגעבויגן אויף פאַר־אויס, אַ דריי געטאָן די טרוקענע צונג עטלעכע מאָל אין מויל, ווי ער וואָלט זיך געוואַקלט אַרויסצוברענגען איבערן מויל דאָס וואָס ער איז געגאַנגען זאָגן:

— און דאָס געזעץ, אַז יידן טאָרן נישט וווינען אינעם גרע־נעץ־געביט, האָ? האָ?!

— דאָס איז אַרויסגעגעבן דורך די איטאַליענער...

— לאַטייניש...

— דאָס הייסט, זיי האָבן נאָכגעגעבן דעם דרוק פון דער דייט־שער מיסיע.

— און איר, הער פרעפעקט, האָט נאָכגעגעבן דעם דרוק פון די איטאַליענער... פאַרדאָן, לאַטייניש שוועסטער, ברידער.

— זיי זענען דאָך די הערשער, פאַרלויפיק, נישט מיר. מיר מוזן זיין עלאַסטיש אין אונדזערע באַציאונגען.

— ווי רופט איר עס: עלאַסטיש? ע ל אַ ס ט י ש?! אַט האָט איר זיי נאָכגעגעבן די רעגיסטראַציע פון די יידן און דאָס באַזייטיקן פון אַלע יידן פון די אַמטן און פאַראַנטוואָרטלעכע פּאָסטנס און פון פרייע פּראָפעסיעס.

— מיר האָבן געפועלט ביי זיי אַ ריי אויסנאַמען, און אַן שווע־ריקייטן.

— און איצטער פאַרטרייבט מען יידן פון די גרענעץ־געביטן, און איר זייט מסכים.

— אָבער אויך דאָ וועלן מיר פועלן אַ ריי אויסנאַמען.

— יאָ, דעם אַלטן דאָקטאָר פון קוראָרט וועט מען פאַרלויפיק דערלויבן אָנצוגיין מיט זיין פּראַקטיק און אפשר צו פאַרבלייבן אַ־ביסל לענגער אין דער גרענעץ־זאָנע... דעם אַלטן דאָקטאָר, וואָס לעבט שוין קוים, וועט מען אַרויסנעמען פונעם כלל...

דער דאָקטאָר האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך אויסגעגראָדט און גענומען שפּאַנען איבערן רחבותדיקן צימער, מיט די הענט פאַר־לייגט אויף הינטן. פּלוצים האָט ער זיך אָפּגעשטעלט הינטערן פאָטעל פון זיין מיטשמועסער און אויסציענדיק זיין רעכטע האַנט אין אַ פויסט הויך איבערן פאָטעל, זיך אָנגערופן:

— ווען איך בין אויף אייער אָרט, הער פרעפעקט, וואָלט איך זיך געשעמט צו בעטלען ביי די אונטעריאָכער ברעקלעך חסד, פּיץ־פּיצעלעך גנאָד... און פאַר וועמען? פאַר דעם דאָקטאָר און ייד, וואָס איז שוין 99 פּראָצענט אויף יענער וועלט? ווי שעמט איר זיך נישט?... עס איז אַ פראַגע פון פּרינציפּ. מיט אייער עלאַסטיש־קייט וועט מען אייך כסדר און וואָסאַמאָל מער אויסציען און איר וועט ווערן אַזוי עלאַסטיש, ווי אַ שפּרינגפעדער, וועלכע פאַרוואַנדלט זיך לסוף אין אַ דראָט, אָן לעבן, פון דעם נאָכאַנאַנדיקן ציען; אַזוי וועט איר ווערן לסוף אַ טויטע דראָט, אָן רעאַקציעס, וועלכע מען קאָן אויפסניי מאָדעלירן ווי מען וויל, אָבער אין אַ נייער שפּרינג־פעדער קען מען זי שוין מער נישט פאַרוואַנדלען.

דער דאָקטאָר האָט איבערגעריסן, אָפּגעהוסט און צוריקגע־זעצט זיך אין זיין שטול. אַ שפּעט־אָוונדיקע זון האָט פון יענער זייט

שווייצאַרישע בערג אַריינגעשמאָגלט די לעצטע שטראַלן אין צי־מער אַריין. טייל שטראַלן האָבן זיך אָפּגעקלאַפּט אינעם שוואַרץ־גרינעם און ערטערווייז פאַרראָסטן שפּיגל פון דער רחבותדיקער אָזיערע און זיי זענען קוים דערגאַנגען ביז צום ערשטן שטאָק פון דאָקטאָרס קאַבינעט. האָבן זיי זיך פאַרפּלאָנטערט אינעם געדיכטן געוועב פון די גאַרדינען און זיך לויז אָנגעהאַלטן, אַבי נישט אַראָפּ־צופאַלן. דאָס בילד פון ראַבינער, מתתיהו קאָהען, אויף דער וואַנט אַקעגנאיבער, איז געווען האַלב באַלויכטן און האַלב אין שאָטן, און זיין לענגלעך פּנים, מיטן דרייעק פון דער באָרד און הויכן שטערן, אונטער דעם ברייטן ראַנד פון הוט — האָט אויסגעזען ווי אַקאָרשט אַראָפּגענומען פון רעמבראַנדס לעקציע פון אַנאַטאָמיע. ער האָט אים נישט געקענט, דעם באַרימטן קרוב זיינעם, אָבער אין דער משפּחה האָט מען זיך געגרויסט מיט אים און זיך דערציילט ווינדער וועגן זיין חכמה, זיך נאָכדערציילט זיינע קלוגע אויפטוען און ווערט־לעך. נישט געווען קיין אָפּשטאַמיקער פון די קאָהענס און דערנאָך פון די קאָהען־קרעאַנזשעס, ווו דאָס בילד פון ראַבינער מתתיהו קאָהען זאָל נישט באַצירן די ווענט פון זייערע סאַלאָנען. דער דאָק־טאָר האָט זיך אַריינגעקוקט אין דעם ליכט און שאָטן, וואָס שפּילן זיך מיט די איידעלע שטריכן פון דעם מאַיעסטעטישן פּנים, און פון צייט צו צייט געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אויפן פּרעפעקט, וואָס איז גע־זעסן איינגעזונקען אין זיין פאָטעל, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, ווי אונטערן לאַסט פון שווערע מחשבות, ווי אַן אָנגעקלאָגטער אין דערוואַרטונג פון אַ האַרבן ווערדיקט.

דער דאָקטאָר האָט איבערגעריסן די אָנגעלאָדענע שטילקייט, אַריבערגייענדיק אויף אַן אינטימען טאָן:

— מיין ליבער פּרעפעקט, איך בין געווען ברוטאַל, איך ווייס. זייט מוחל אַן אַלטן און דערפאַרענעם דאָקטאָר... מעג דאָך אַ דאָק־טאָר זיין אויך אַמאָל ברוטאַל לגבי זיין פּאַציענט, אויב זיין געזונט פאַרלאַנגט עס... זייט מוחל אַן אַלטן בירגער און דערפאַרענעם פּאַ־טריאָט, וואָס האָט זיין איינציקן זון אַוועקגעגעבן פאַרן לאַנד, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה... וואָס האָט אַליין מיליטערישע אויסציי־כענונגען און איז אָפיציר פון ערן־לעגיאָן... זייט מוחל אַן אַלטן יידן, וואָס האָט אייגנטלעך ווייניק געמיינזאַמעס מיט זיין שטאַם, און וואָס זיין גרעסטער שטאָלץ איז אַט דער רב, אויף דער וואַנט, אַט אָ...

ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט צום בילד, פון וועלכן עס

האָבן זיך אָפּגעטאָן אינצווישן די ליכט־שטראַלן, און באַמערקנדיק ווי דער גאַסט דרייט אויס דעם קאָפּ צום בילד, האָט ער איבער־חזרט:

— זייט מוחל מיין דרייסטקייט. עס איז אַ פראַגע פון מאָראַלי־טעט, פון פּרינציפּ, פון ערלעכקייט לגבי זיך, לגבי דעם פאָטער־לאַנד. נאָכגיביקייט, עלאַסטישקייט, ווי איר רופט עס — איז דאָס ווערעמל, וואָס נעמט טאָטשען דאָס עפּעלע פון אינעווייניק, און מאַכט פון אים לסוף אַ תל... און איצטער גיט איר אַ באַל לכבוד די...

— איך האָב אייך באַטאָנט, אַז דאָס איז אייגנטלעך דער יער־לעכער באַל, נאָר מיר גיבן אים מיט עטלעכע וואָכן פריער ווי געַ־וויינלעך.

— דאָס איז נישט מער ווי אַ פשטל, מיט וועלכן איר ווילט פאַרדעקן דאָס אומריינע געוויסן, וואָס פייניקט אייך שוין... אָבער באַזינט זיך, איידער איר קריכט אַריין ביז איבערן קאָפּ אין בלאָטע... עס הייבט זיך אָן פון אַ באַל און עס ענדיקט זיך מיט אַ טייוולאַנישן קאַצניאָמער, אין אַזעלכע פאַלן.

זעענדיק ווי דער פּרעפעקט זיצט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און כמעט ווי צונויפגעגאָסן מיטן שאָטן, וואָס שפּילט זיך מיטן טונקעלן לעדער פון די פאָטעל־זייטן, איז אים באַפאַלן אַ געפיל פון רחמנות. ער האָט געעפנט נאָכאַמאָל דאָס דעקל פון זילבערנעם שעכטל און דערלאַנגט זיין גאַסט. באַמערקנדיק, אַז זיין האַנט ציט זיך נישט אויס, האָט ער אַליין גענומען פון שעכטל דעם ציגאַר און אים דערנענטערט צו די ליפּן פון זיין גאַסט.

— נעמט, איך בעט אייך. דער לעצטער, נישט דער לעצטער, וואָס איז די נפקא־מינה... איך האָב איין געזאָגט דאָך, אַז מער וועל איך נישט האָבן קיין געלעגנהייט צו רויכערן אין אַ פאַרנעמער גע־זעלשאַפט...

— שטותים, האָט דער פּרעפעקט איבערגעריסן זיינע רייד. איר זאָלט עס נישט מער איבערחזרן, איך בעט אייך.

— אויב עס איז נישט די לעצטע געלעגנהייט, הער פּרעפעקט, טאָ ווייזט אַ זשעסט און נעמט דעם ציגאַר... זאָל עס זיין דער גרעס־טער חטא קעגן אייער דזשענטעלמענישקייט, דער לעצטער...

דער פּרעפעקט האָט גענומען דעם ציגאַר און אַריינגעזעצט צווישן די ליפּן. ער האָט אַרויסגעצויגן זיין צינד־מאַשינדל און צו־

געשטעלט אַ פלאַם צום דאָקטאָרס ציגאַר, און דערנאָך צו זײַנעם. זײ זענען געזעסן און גערויכערט במנוחה. און קיין איינציק וואָרט איז נישט מער געקומען צו צעשטערן די הנאה פון רויכערן און איינהילן זיך אין וואָלקנס רויך.

אַ חודש שפּעטער האָט דער דאָקטאָר געהאַט אַן אומדערוואַרטן באַזוך פון מער. דער גאַסט האָט נישט געוואַרט ביז דער דאָקטאָר וועט זיך אויפהויבן פון שטול און אים אַקעגנגיין, נאָר מיט גיכע טריט צוגעגאַנגען, באַגריסנדיק אים: „באָן־זשור", צוזאַמען מיט אַ „נע ווו דעראַנזשע פּאַ". ער האָט געהאַלטן אַ קליין פּעקעלע אין האַנט, ער האָט עס אַוועקגעלייגט דיסקרעט אויפן טיש. די זעלבע האַנט האָט ער דערלאַנגט דעם דאָקטאָר און מיט דער לינקער האָט ער אים אַרומגענומען צודריקנדיק אים צו זיך.

— עס דרייט מיר אין בויך און עס טוט ווי דער קאָפּ, שער דאָקטער, האָט דער מער זיך אָנגערופן מיט שפּאַס, וועלנדיק באַ־רעכטיקן זיין פּלוצומדיקע וויזיט.

— עס דרייט אונדז אַלעמען אין בויך און עס טוט אונדז אַלע־מען ווי דער קאָפּ — איז געקומען אַ פילזאָגנדיקע רעפּליק פונעם דאָקטאָר; מיר זענען אַלע קראַנק, איינער מער און דער צווייטער — ווייניקער, און די קרענק איז נישט דווקא אַ פיזישע...

דער דאָקטאָר האָט באַמערקט דאָס פּעקעלע, וואָס זיין גאַסט האָט אַוועקגעלייגט אויפן טיש. האָט ער געקוקט אויפן פּעקעלע און דערנאָך אויפגעהויבן זיינע אויגן אויפן מער, מיט אַ פראַגע: „האַ, וואָס איז דאָס?". דער מער האָט אים געגעבן אַ סימן מיטן קאָפּ און מיט דער רעכטער האַנט, אַז ער זאָל אויפּעפענען. און ווען דער דאָקטאָר האָט מיט זיינע ציטערדיקע פינגער זיך פאַרנומען מיט אַראָפּנעמען דאָס פּאַק־פּאַפּיר, האָט דער מער אַ זאָג געטאָן: „אַ מתנה פון מסיע לע פּרעפע". און ווען די איינפּאַקונג איז אַראָפּ, איז אַ שאַרפער טאַבאַק־ריח פאַרקראָכן אין די נאָזלעכער, אין די אויגן, און אַרויסגערופן אַ שמייכל אויפן וואַקסענעם פּנים פונעם אַלטן מאַן:

— האַוואַנאַ־ציגאַרן, האַ? אַ מתנה פון מסיע לע פּרעפע... טרע טושאַן, טרע טושאַן, בין זייער גערירט, זייער גערירט.

און איבערחזרנדיק די זעלבע ווערטער נאָכאַנאַנד, האָט ער

אַרויסגענומען זיין זילבערן שעכטל פון סקריפּנדיקן שופלאָד, עס אָוועקגעלייגט נעבן הילצערנעם קעסטעלע און גענומען אַריבער־לייגן פונעם פולן אינעם ליידיקן. און געטאָן האָט ער עס מיט אַ סך כוונה און מיט מער ציטער אין זיינע פינגער און מיט גרויס צערט־לעכקייט אין יעדער זילבע:

— אַ דאַנק, אַ האַר־צי־קער דאַנק... עס איז גוט צו פילן, אַז דו ביסט נישט איינזאַם, אַז...

ער האָט איבערגעריסן דעם זאַץ. אַ ספּאַזם אין קעל, ווי אַ שלוזע ביי אַ וואַסער־מיל, האָט אָפּגעהאַקט דעם שטראָם פון ווער־טער, וואָס האָט זיך געריסן פון די אינגעווייד, און טרערן האָבן גענומען פליסן פון די האַלב־אָפענע אויגן. דער יונגער מער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, ווי ער וואָלט נישט וועלן ווייזן, אַז ער באַ־מערקט דעם אַלטנס גערירטקייט, דעם אַלטנס טרערן.

— ווער זאָגט, אַז איר זייט איינזאַם, שער דאָקטער? האָט ער זיך אָנגערופן וועלנדיק צערייסן די געדריקטע שטימונג. ווער זאָגט, אַז... און איבעררייסנדיק דעם געדאַנק, האָט ער אַריינגעטאָן זיין רעכטע האַנט אינעם לינקן בוזעם, אַרויסגענומען פון דאָרטן אַ פּאַ־פּיר און אָוועקגעלייגט פאַר די אויגן פון דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר האָט אַ קוק געטאָן אויפן פּאַפּיר מיטן אָפיציעלן קעפּל פון דער פּרעפעקטור, פאַרזען מיט דער אונטערשריפט פון פּרעפעקט גופא און מיט אַ סטעמפּל פון דער איטאַליענישער קאָ־מענדאַטור מיטן פאַשיסטישן סימן אינדערמיט, און גיך אויפגעהויבן זיינע אויגן אויפן מער:

— האַ? און דאָס איז וואָס?

— לייענט, איך בעט אייך, עס וועט אייך טון הנאה, סיל־ווו־פּלע.

דער דאָקטאָר האָט געשאָקלט אויף ניין, אַז ער האָט נישט קיין חשק, ווי עפּעס אַ שלעכטער פאַרגעפּיל וואָלט אים צוריקגעהאַלטן צו באַקענען זיך מיטן טעקסט וואָס איז געחתמעט דורך אַזאַ משו־נהדיקן מעזאַליאַנס פון צוויי סטעמפּלען. נישט וועלנדיק אָבער אַרויסווייזן אומטאַקטישקייט לגבי זיין גאַסט, האָט ער גענומען לייענען: „דער פּרעפעקט פון דעפּאַרטאַמענט, מיט דער הסכמה פון דער באַזעצונגס־מאַכט, דערלויבט דערמיט, אין אָנערקענונג פאַר זיינע גרויסע פאַרדינסטן און זיינע פּערזענלעכע מעלות, און

אַלס דעראַגאַציע פונעם געזעץ, וואָס פאַרבאָט יידן צו וווינען אין דער גרענעץ־זאָנע — דערלויבן מיר דערמיט דעם דאָקטאָר אַלפרעד קרעאַנזש״...

ער האָט אויף אַ וויל איבערגעריסן דאָס לייענען און זיך ווידער אומגעקערט צום אַנגעהויבענעם זאַץ נאָכן טראַכט־שטריך: „דער־לויבן מיר דערמיט דעם דאָקטאָר אַלפרעד קרעאַנזש״...

— ווען דערלויבט מען עס, האָט ער געוואָנדן די פראַגע צום מער, וואָס איז געזעסן נעבן אים און געריכט זיך אויף אַן ענ־טוזיאַסטישע באַמערקונג פון זיין גאַסטגעבער; ווען? צי האָט מען שוין פאַרגעסן מייַן אמתן נאָמען? אָדער איז עס מיט אַ כוונה? אַ בכוונהדיקע אַמפּוטאַציע, אַן אַמפּוטאַציע אָן שלאַפגעטראַנק. איר ווייסט דאָך גוט ווי איך הייס...

— יאָ, דאָקטאָר קאָהען־קרעאַנזש, יאָ... אָבער איך בין נישט שולדיק. איך פיר אויס דעם באַפעל פון אַ סובאָרדינירטן... האָט דער מער זיך פאַרטיידיקט און באַמערקנדיק דעם כעס אין די פינט־לענדיקע אויגן, אינעם פנים און אין די פויסטן פונעם זקן, האָט ער גענומען פאַרטיידיקן מיט אַ האַלב־מויל דעם פרעפעקט:

— איר ווייסט דאָך, דער פרעפעקט איז נישט, איז נישט דער גאַנצער באַלעבאָס... אויך די איטאַליענער — זענען עס נישט... זיצט דאָך זיי אויפן קאָפּ די דייטשע מיסיע... מסתמא נישט גע־וואָלט דערצערנען דעם דייטשן עס־עס קאַפּיטאַן מיט...

— דעם רייַן־יידישן נאָמען קאָהען, האַ? האָט ער אונטערגע־כאַפּט מיט כעס, דעם נאָמען, וואָס מיר טראָגן מיט אַזויפיל שטאָלץ זייט דורות; ווייסט איר כאָטש וואָס אַזוינס דאָס וואָרט קאָהען באַ־דייט? נעמט זיך דאָך דער נאָמען פון די כוהנים, וואָס האָבן גע־בעטן צו גאָט אינעם טעמפּל, אין ירושלים, אין נאָמען פון פאָלק...

און ער האָט איבערחזרט, אונטערשטרייכנדיק יעדע זילבע: — אינעם טעמפּל, אין ירו־ש־ל־ים, אין נאָמען פון פאָלק, אין גאָטס־הויז, אין זשע־רו־זאַ־לעם, מסיע לע פּרעפע!

זעענדיק אַז דער כעס איז נישט געוואָנדן דירעקט צו אים, נאָר צום פרעפעקט, האָט דער מער געשוויגן און געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַלס סימן, אַז ער פאַרשטייט די טענה פון זיין גאַסטגעבער. ער האָט זיך באַגנוגנט נאָכצוזאָגן די זילבן פון וואָרט „זשע־רו־זאַ־

לעם״, וואָס דער זקן האָט כסדר איבערחזרט, אַריינלייגנדיק צווישן יעדער זילבע די זעלבע אינטאָנאַציעס פון כעס, רעוואָלט, שטאָלץ און שטוינונג. די האַרבסטיקע זון איז געפאַלן מיט אָונטיקע פלעקער אויפן טיש אַרויף און אָפּגעקלאַפּט זיך אינעם זילבער פונעם טאַבאַק־שעכטעלע. טייל שטראַלן זענען פאַרקראָכן אין די טיפענישן פונעם געשניץ און אַרויסגעבראַכט בולטער, ווי אין אַ גאָלד־זילבערנעם רע־ליעף, די קאָנטורן פון די שעפסן, פון די קי, פון דעם פאַסטוך, וואָס זיצט אויפן בערגל און שפּילט אויף זיין פלייטל. עס האָט זיך גע־דאַכט, אַז דער ניגון, וואָס טראָגט זיך פונעם פלייטל, צעגייט זיך אינעם געקנויל פון גילדערנע און זילבערנע שטראַלן און פולט אויס דעם איבערגעלאָדענעם חלל.

בכדי אַרויסצוגיין פון דער אומבאַקוועמער לאַגע, האָט דער מער לייכט אונטערגעהוסט, און כדי עפּעס צו טון, האָט ער צוגע־רוקט צו זיך דאָס זילבערנע שעכטעלע, וואָס איז נאָך ווייטער גע־בליבן אין דער אָרביטע פון די זון־פלעקן. און קענענדיק די גע־שיכטע פון דעם טאַבאַק־שעכטעלע, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— געווען אַ גרויסער אַרטיסט, אייער פעטער קאַהען, דער אַרכיטעקט, אַ גרויסער קינסטלער געווען אייער אָנקל קאַהען.

— און אַ גרויסער ציניקער געווען אויך, מיין אָנקל, און אַ בעל־גאווה געווען דערצו... אַן אמתער קאַהען, מיט איין וואָרט. דאָס האָט ער אויסגעקריצט די שעפסן און די קי אויפן דעקל און מיט אַ כוונה... אַז איך זאָל געדענקען פון וואַנען איך שטאַם... אַז איך בין אויך אַ קרעאַנזש, פון די פּי־סוחרים, און נישט וועלן שוין זיין אַ גאַנצער קאַהען... געדענק, האָט ער מיר אונטערגערוקט אַ וואָרע־נונג, אין טאָג פון מיין חתונה — געדענק ווער דו ביסט... קרע־אַנזש איז טאַקע אויך נישט בילע ווער, אָבער עס קומט נישט צו קאַהען... די צוויי נעמען צוזאַמען זענען טאַקע אַ גאַנץ געפּאַסטער שידוך, אָבער — געדענק פונוואַנען דו קומסט און וווּהין דו גייסט, פאַרגעס נישט.

— געווען אַ קלוגער, דער פעטער אייערער, אַ שטאָלצער, און געקענט אַרויסברענגען, אין קינסטלערישע ליניעס, זיינע גאָלדענע געדאַנקען אין זילבער, האָט דער מער געמאַכט אַ שאַרפזיניקע באַ־מערקונג.

— און אַ ממזר געווען דערצו, האָט דער דאָקטאָר צוגעגעבן, אַ גרויסער ממזר געווען, דער אָנקל ראָבערט קאָהען.

דער דאָקטאָר האָט זיך אויפגעשטעלט און צוגעגאַנגען צום בילד, וואָס איז געהאַנגען הינטער אים, און אַנטשולדיקט זיך פאַרן מער, וואָס ער שטייט צו אים מיטן רוקן, האָט ער גענומען רעדן, אַמאָל צו זיך און אַמאָל צום בילד: „אויסטערליש איז דער גורל פון אַ נאָמען, משונהדיק, אָנקל ראָבערט. דו האָסט מיר געגעבן אָנצו־געהערן, אַז איך זאָל זיך נישט באַטראַכטן פאַר אַ גאַנצן קאָהען, ווייל איך בין ראוי נישט מער ווי אויף אַ העלפט צו דעם דאָזיקן נאָמען"... און, אויסדרייענדיק זיך מיטן פנים צום מער, האָט ער צוגעגעבן: „און זיי זאָגן, אַז איך בין אַפילו די העלפט אויך נישט ווערט... וואָס פאַראַ חוזק פון גורל! וואָס פאַראַ קווי־פּראָ־קוואָ! דער טייוול אַליין האָט עס אויך נישט געקאָנט בעסער צוטראַכטן, דער טייוול אַליין. און וואָס פאַראַ אפכה־מסתברא!"... און ווענדנדיק זיך צום דער־נעבנדיקן בילד, וואָס האָט פאַרגעשטעלט זיין אור־אור זיידן, אברהם קרעאַנזש, דעם לעצטן פּי־הענדלער אין דער משפחה, האָט ער גע־זאָגט פול מיט תרעומות: „גיב אַ קוק, דאָס וואָס איז פאַר אונדז אַ יחוס, אַ כבוד, איז פאַר זיי" — און דאָ האָט ער זיך אויסגעדרייט צום מער — „אַ בזיון, איז פאַר זיי אַן אַרטיקל פון קאָנצעסיעס, אַן אויסטויש־אַרטיקל פאַר אַן אויסגעבעטלטן חסד, פאַר אַן אויסגע־זויגענעם ביינדל, וואָס מען וואַרפט צו אַ פאַרשטויסענעם הונט"... און ווענדנדיק זיך צום פּאָרטרעט פון זיין פרוי, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש אונטער גלאָז, נעבן דעם פּאָרטרעט פון זיין זון אין פּי־לאָטן־מונדיר און מיט דעקאָראַציעס — זיך אָנגערופן מיט אַ צי־טער אין קול: „דו, וואָס האָסט דיין יונג לעבן אויסגעהויכט פון גרויס צער, נאָכדעם ווי דיין איינציק קינד האָט זיינע יונגע יאָרן געבראַכט אויפן מזבח פון פאָטערלאַנד, דו — וואָלסט די דאָזיקע חרפּה זיכער נישט פאַרטראָגן, ניין!".

און דאָס זאָגנדיק, האָט ער אַ שאַר געטאָן פון זיך דאָס פּרע־פעקטאָראַלע פּאַפּיר, און צוגעשטופּט מיט די פינגער, אַז עס זאָל אַראָפּפליען פון טיש. די אויגן פון דאָקטאָר און פון מער האָבן זיך באַגעגנט אויפן פליענדיקן בלעטל, ביז עס איז געפאַלן אויפן דיל מיטן פנים אַראָפּ. דער מער האָט אָפּגעוואָנדן דער ערשטער די אויגן און זיי צוריקגעפירט צוריק אויפן טיש אַרויף, דערנאָך אויפן

זילבערנעם שעכטל. בכדי אַרויסצוגיין פֿון דער געשפּאַנטער שטי־מונג, האָט ער אויפֿגעעפֿנט דאָס דעקל און דערלאַנגט דעם דאָק־טאָר: סיל־ווו־פּלע.

— ניין, האָט דער דאָקטאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ און אַרויס־גענומען דאָס שעכטל פֿון דער האַנט פֿון מער. דערנאָך האָט ער צוגערוקט צו זיך דאָס הילצערנע קעסטעלע און גענומען אַרויסנע־מען די ציגאַרן, איינס נאָך איינס, פֿונעם זילבערנעם שעכטעלע, און אַריינלייגן אינעם קעסטעלע, אויסגעסדרן די ציגאַרן אַזוי ווי זיי זענען געלעגן פֿריער. און ווען דאָס הילצערנע קעסטעלע איז געווען פֿול, האָט ער עס פֿאַרוויקלט אין דעם זעלבן פּאַפּיר, אין וועלכן דער מער האָט עס געבראַכט, און אויפֿשטעלנדיק זיך האָט ער עס דערלאַנגט זיין גאַסט:

— זייט מוחל, האָט ער געזאָגט מיט אַ פֿאָטערלעכער שטימע. זייט אַזוי גוט, און טראָגט עס צוריק צום מסיע לע פּרעפֿע... זאָגט אים, אַז זיינע כוונות זענען זיכער אויפֿריכטיקע און ריינע... אָבער איך קען נישט אָננעמען זיין מתנה, בפֿרט וואָס זי איז באַגלייט מיט דעם פּרעפֿעקטאָראַלן שיין...

ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און אויפֿגעהויבן דאָס בלעטל פֿון דיל. ער האָט עס דערלאַנגט דעם מער און מיט אַ געבעט פֿאַר־לאַנגט פֿון אים:

— טראָגט עס צוריק צו מעסיע לע פּרעפֿע, איך בעט אייך, איר זייט דאָך, דו ביסט דאָך, מאַרסעל, נישט מער ווי אַ פֿאַרמיט־לער... אין נאָמען פֿון אונדזער פֿריינטשאַפֿט, מאַרסעל, זאָג עס מיר נישט אָפּ, איך בעט דיך...

ווען דער מער איז שוין געווען אויף די טרעפּ, האָט ער זיך פּלוצים אומגעקערט און אַרויפֿקוקנדיק, מיט אַן אָפּגעפֿונענער דרייסט־קייט, צום אַלטן אַ זאָג געטאָן:

— יאָ, איך האָב שיעור פֿאַרגעסן צו זאָגן, אַז דער פּרעפֿעקטאָ־ראַלער באַל איז אָפּגערופֿן געוואָרן, אַז ער וועט נישט פֿאָרקומען. דער פּרעפֿעקט האָט מיך געבעטן אייך דערוועגן צו זאָגן, איך האָב שיעור פֿאַרגעסן...

און זאָגנדיק דאָס, איז ער מיט גיכע טריט אַראָפּגעלאָפֿן פֿון די שטיגן.

נאָר גרויסע כוונות

די זון האָט זיך געשטעלט איבערן אויפוואַכנדיקן טאָל מיט דער שפּע פון מיטאָג־צייט. זי האָט זיך געפעדערט היינט, ווי זי וואָלט וועלן צעשמעלצן דעם אומעט פון האַרצן און דעם בליי פון זיינע פיס. נישטאָ וואָס צו זוימען זיך מער אינעם טאָל. אַוועק פון דאָ, וואָס ווייטער, וואָס העכער, וואָס גיכער. אָבער די פיס זענען אַזוי שווער, און אַזוי שווער די אויגנלעדלעך.

די זון־שטראַלן האָבן, ווי דינינקע מעסער־שפּיזלעך, גענומען פונאַנדערטרייבערן די בערישע וואָלקנס, וואָס האָבן געגעסטיקט דאָרט אויבן גאָר הויך. דער באַרג־ווינט האָט אויפגעכאַפּט די פונאַנדערגעריסענע וואָלקנדלעך און זיי אַראָפּגעטראָגן נידעריקער, נידעריקער, כמעט ביז דודס פלאָנטערנדיקע פיס. זיי האָבן אויס־געזען ווי סטאַדעס שעפּסן, נאָך אַ שרפה, מיט רויכערנדיקע פע־לעכלעך.

און דודן האָט זיך געדאַכט, אַז נישט קיין שעפּסן זענען עס און נישט קיין רויך, נאָר יידן איינגעהילט אין טליתים, יידן מיט לאַנגע, ווייסע בערד. אָט ווי יענע יידן אינעם בית־המדרש, פאַרן שופר־בלאָזן... די יידן פון דער מעשה, וואָס זיין טאַטע פלעגט אַזוי אָפט דערציילן. אינעם בית־המדרש ביים „חוזה" אין לובלין. דער עולם וואַרט מיט יראה און אַן געדולד. וווּ איז ר' דודל לע־לעווער, דער בעל־תקיעה? פאַרוואָס זוימט ער מיטן קומען, פאַר־וואָס? שיקט דער „חוזה" דעם גבאי ער זאָל גיין זוכן, אפשר איז ר' דודל נאָך אין דער היים און איז זיך מכין פאַר די תקיעות, איז מכוון גרויסע כוונות... זאָל ער אים גיין רופן, עס איז שפּעט...

— שפּעט? האָט דוד אַ פרעג געטאָן זיך אַליין און געוואָלט אַ קוק טון אויף זיין זייגער. אָבער ער האָט זיך צעלאַכט אויפן קול:

וואָס מיר זייגער, ווער מיר זייגער? כאַ־כאַ־כאַ! אויס זייגער! כאַ־כאַ־כאַ!

זיין לאָכן האָט אויפגעוועקט דעם פּרימאַרגן־גלאָק פון דעם קלויסטערל, אין דעם נאָענטסטן באַרג־דערפל: זיך דערמאָנט, אַז מען דאַרף רופן צום שחרית־געבעט.

דוד האָט גענומען ציילן: איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס. זעקס אַ זייגער היסט עס. איז, ווער דאַרף אַ זייגער? און וואָס האָט מען געטאָן פאַרצייטנס, ווען קיין זייגער איז נישט געווען? האָט מען געקוקט אויף דער זון. אָט איז זי דאָ, די זון, אַזאַ פולע, אַזאַ גלאַנצנדיקע. טאַקע אַ ווּיכטיקע מתנה, דער זייגער, אַ הייליקער אָנדענק, פון דער כלה. מילא, ער האָט דאָך אים אָוועקגעגעבן בתשועת חן, און פאַר אַ וויכטיקן ציל...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אינעם קליינעם וועלדל, אויף האַלבוועגס צווישן דער הייזקע און זיין נאַרע. אַ זלידנער געדאַנק האָט אַ וואַקל־געטאָן מיט זיינע פיס. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט און אָנגעלענט זיין קאָפּ אין אַ האַרב פון אַן אויסגעקרומטן שטאַם.

— מיט וואָס וועל איך אָבער איצטער מיין לעבן אויסקויפן אין אַן עת־צרה? אַז איך האָב שוין אַלע מיינע ווערטזאַכן אָוועקגעגעבן. שוין גאָרנישט געבליבן, דאָס גאָלדענע זייגערל אויך נישט. מיט וואָס וועל איך זיך אויסקויפן אין אַ סכנה? איך בין דאָך איצטער נאַקעט, אדם־נאַקעט, אין אַ וועלט פון רוצחים, נאַקעט, נאַקעט, נאַ־קעט!

דער באַרג אָרויף האָט אויפגעכאַפּט די לעצטע צוויי זילבן, זיי אַ שליידער געטאָן אינעם חלל, ביז אַרויפצו צום זון־טעלער און זיי צוריקגעבראַכט אינעם וועלדל אַריין:

— נאַ־קעט? נישט נאַקעט, נישט־נאַ־קעט!

און ווי דער ווידערקול וואָלט פלוצים לשון באַקומען:

— ר׳ דודל לעלעווערס, לע־לע־זוערס אור־אור־אור־איי־ניקל איז נישט נאַ־קעט, קיינ־מאָל נישט־נאַ־קעט...

— אָבער...

— נישטאָ קיין אָ־בער.

— איך בין מיד.

— נישט מיד, נישט־מיד.

— אָט, האָב איך געמיינט, געמיינט, אַז דאָ, אַז דאָ, ביי דעם פויער, וועל איך שוין דערוואַרטן די גאולה; דאָ איז שוין מיין לעצ־

טע, מיין לעצטע באַהעלטעניש. עס איז דאָך מיר אַזוי גוט געוועזן ביי דעם פויערישן פּאָרל... אַזעלכע גוטע מענטשן, אַזעלכע...

א קאַלטע נאַכט. אַן שטיקל לבנה, אַן ברעקל שטערן. פינצטער און ווינט. יאָגט מיך דער ווינט איבער פעלדער, וועלדער, באַרג־אַרויפס, באַרג־אַראָפּס. פריער האָט געיאָגט דער פּחד: אַוועק, אַוועק פון שלעכטע מענטשן, אַוועק פון בייזע שכנים מיט גרויסע אויגן! דערנאָך האָט געטריבן פּחד און ווינט. לסוף — ווינט אַליין. עס איז דאָך נישט מעגלעך, אַז אומעטום זאָלן זיין מענטשן מיט שלעכטע כוונות. אמת, שוין פון פריִער פון באַהעלטעניש געמוזט אַנטרינען, אָבער דער פינפטער, דער פינפטער וועט זיין דער גוטער.

דאָס האַרץ זאָגט, אַז דאָ, אינעם איינזאַמען הייזל, אינעם טאָל, אַן שכנים, וווינען גוטע מענטשן. אַפילו קיין הונט איז דאָ נישטאָ, וואָס זאָל בילן קעגן אַ פרעמדן. קען דאָך מיין האַרץ נישט האָבן קיין טעות. און אפשר איז גאָר דער הונט אויך אַזאַ גוטע באַשעפעניש, ווי זיינע באַלעבאַטים, אַ גוטינקע נשמה, וואָס בילט נישט סתם אויף אַ געפּלאָגטן מענטשן אין דער נאַכט.

אַט שטיי איך ביי דער טיר. אַ קאַרג ליכט־שנירל רייסט זיך אַדורך צווישן דעם אונטערשטן ברעג פון דער טיר און דעם ביישטידל. יאָ אָנקלאַפּן? נישט אָנקלאַפּן? אָנגעקלאַפּט.

— אַנטרעט, אַריין!

איך גיי אַריין, ווי אַ גאַסט, אויף וועלכן מען ריכט זיך. אַ מאָגער פלעמל צאַנקט אויפן שפּיץ פון אַ צעשרפּעטן קנויט און ציט אַרויס פון חשכות אַ בעט, מיט אַ קאָפּ פון אַ פרוי און קנאָכיקע פינגער, וואָס וויקלען טאַבאַק־צויטן אין אַ פּאַפּירל.

— זיי ווילקאָמען אין אונדזער אָרעמער הייזקע, זאָגט דער קאָפּ אינעם בעט. דו מוזט זיין מיד פון אַ וויַיטן מהלך, וועסט דיך קענען דאָ אָפּרוען.

— אַ דאַנק און אַ שבח צו גאָט, ליבע מענטשן.

— נעם אַראָפּ דעם טאָפּ פונעם אויוון, זאָגט דער קאָפּ צו די קנאָכיקע פינגער, און גיב אים זופּ. ער מוז זיין הונגעריק.

אין די קנאָכיקע פינגער וואַקסט אויס אַ גרויסער טאָפּ, דערנאָך אַ לעפל.

— זאָל דיר וווּל באַקומען. די באַלעבאָסטע איז קראַנק, זייער

קראַנק. קוים וואָס זי קען אַביסל זופּ אָפּקאָכן. און נישטאָ וואָס אַריינצולייגן אין דער זופּ, זיי מוחל.

אַ געדיכטע זופּ, מיט אַ טעם פון היימיש־ראַזעווע ברויט, גע־ווייקט אין אַ קלעפּיק וואַסער, וואָס דערמאָנט אין סוואַרעך, אין שטשאַוו, אין גריווענעס.

— די זופּ האָט אַלע טעמים, שוין לאַנג נישט געגעסן אַזאַ גוטע זופּ, גוטע מענטשן.

— עס געזונט־טער־היי־ייט, קומט אַ קול פון בעט אַרויס, וואָס פאַרגייט זיך צוערשט אין אַ געגעץ, און דערנאָך אין אַ הוסט וואָס נעמט קיין סוף נישט.

איך גיי צו און נעם טרייסלען מיטן קאָפּ און טרייסל אַרויס אַ קריי.

— זי איז גוט קראַנק, כאַפּט קוים דעם אָטעם. קאָן רעכט אַ קו נישט אויסמעלקן ביזן סוף. זי וועט מסתמא שטאַרבן...

— וואָס רעדט איר נאַרישקייטן, זייט מוחל. וואָס הייסט שטאַרבן? איך וועל נישט לאָזן שטאַרבן, נישט לאָזן, נישט לאָזן שטאַרבן.

— גוטער מענטש, זאָגט דער קאָפּ באַלד נאָכן קריי. ביסט גאָטס שליח, ביסטו.

— ווער ביסטו אייגנטלעך? פרעגן די קנאָכיקע פינגער, וואָס פּלאָנטערן זיך צווישן טאַבאַק־צויטן און אַ פּאַפּירל.

— נישט וויכטיק.

— נישט וויכטיק, זאָגט נאָך דער קאָפּ.

— יאָ וויכטיק.

— אַ פאַרפאָלגטער מענטש בין איך. זוך גוטע מענטשן. זאָלן אַ באַהעלטעניש געבן. אַרבעט געבן. און עפּעס אָפּצועסן.

— מיר זענען אַלע פאַרפאָלגטע. אונדזער איינציקן זון האָבן זיי צוגענומען און אויף אַרבעט פאַרשיקט. שוין יאָרן נישט קיין נייעס פון אים. צי לעבט ער כאָטש? און ערשט נישט לאַנג האָבן זיי אונדזער הונט צעשלאָגן אויפסטויט. ער האָט געוואָגט בילן אויף זיי, ווען זיי האָבן דאָ פּאַטראָלירט.

— פּאַטראָלירט?!

— נאָר אַמאָל אין עטלעכע חדשים. האָב נישט קיין מורא.

דאָס פלעמל נעמט זיך וואַקלען און לייגן אין אַ זייט, ווי עס וואָלט אויך וועלן שלאָפן, אויסציען זיך במנוחהדיק, גיט עס סימ־

נים: אַט דראַפּעט עס זיך אַרויף און אַט זינקט עס איין און עס זאָגט עפּעס סקריפּנדיק: וויל שלאָפן, וויל איך.

— נו, וועסטו איבערנעכטיקן אינעם שטאַל. און אויב וועסט גוט קאָנען מעלקן און זיך אומגיין מיט קי, וועסטו דאָ קאָנען בלייבן עטלעכע טעג, ביז די באַלעבאָסטע וועט קומען צו זיך.

— זע נאָר ווי ער שאָפּט זיך מיט אַ פרעמדן מענטש, וואָלסט דיך געשעמט, גאַבריעל.

— דו, מאַריאַ, לאָז מיך שאַפן. דער מענטש, זע איך, דאַרף אונדז נאָך גיכער האָבן, ווי מיר אים. אַנו, לאָמיר גיין שלאָפן. דאָס ליכטל איז שוין אויס.

— גוטע נאַכט. אויב איר ווילט באַלעבאָסטע, וועל איך דעם הונט פאַרטרעטן, און דעם זון אויך. דעם הונט און דעם זון, און איך אויך, באַלעבאָסטע.

— אַ גוטע נאַכט. נישט אַנדערש ווי גאָט האָט דיך אַהערגע־שיקט, געזען אונדזער נויט.

גאַבריעל פירט מיך אין שטאַל אַריין. די קי שלאָפן. איך הייב הויך די פיס און שטעל זיי ציטערדיק אַוועק, נישט אָנצוטרעטן אויף זיי. זיי זענען אַזעלכע גוטינקע קיעלעך. זיי וואַרעמען מיך אַזוי. זיי דערנענטערן זיך צו מיר, ווען איך שלאָף אויפן ביגטל שטרוי, און באַלעקן מיך מיט זייערע גרויסע און סאַמעטענע צונ־גען, און עס איז מיר אַזוי גוט און אַזוי זיס, אַזוי זיס...

אַט, שטיי איך און נעם צונויף דאָס מיסט פון אונטער די קי און שאַר עס צו דער טיר. אַ גרויסער באַרג מיט מיסט. מסתמא שוין לאַנגע וואָכן נישט אַפּויסגעשאַרט. אָרעמע קיעלעך, נעבעך. זיי לאָזן זיך דינען. הייבן די פיס און דרייען נחת־דיק מיט די עקן. אַפילו דער אָקס, מיט די אונטערגעזעגטע הער־נער, שטייט אונטערטעניק און שאָקלט זיך ווי צו אַ געבעט, און איז מסכים מיט דעם וואָס איך באַפעל, וואָס איך טו.

— אָה, ווען מיין וואָגל־וועג פירט מיך גלייך דאָ־אַהער, וויפיל צרות און אַנטוישונגען וואָלט איך אויסגעמיטן!

אינדעם גיט זיך אַ פּראַל אויף די שטאַל־טיר. די זון איז דאָ. דער פרימאָרגן שטייט אויף דער שוועל, צוזאַמען מיטן אַלטן גאַ־בריעל. אַ מאַכאָרקע־ציגאַרעטל מיט אַראָפּהענגנדיקע צוויטן צווישן

זיינע גערינצלטע ליפּן און זיינע קנאָכיקע פינגער געוואָגדן צו מיר:

— גוט געשלאָפן?

— אַלץ הייסט גוט? אַן אמתער גן־עדן אויף דער ערד.

דער אַלטער קוקט אויפן באַרג מיט צוגויפגעשאַרטן מיסט, אויף דער ריינקייט אונטער די בהמהשע קלאָען און פאַרצים בנעי־מותדיק אַ פול מויל מיט רויך: שוין לאַנג נישט געהאַט אַזאַ הנאה פונעם רויכערן.

— און די באַלעבאָסטע, ווי איז אַדורך די נאַכט?

— נאָך אַ נאַכט אַדורך בשלום. אַזוי ציט זיך ביי איר שוין לאַנגע יאָרן. אין די הויכע חדשים געווען, און געאַרבעט ביז דער לעצטער רגע. איז אין איר פּלוצים אַ נישט־גוטסקייט אַריין. געמוזט זי אָפּפירן אין שפּיטאָל, ווו געלעגן חדשים גאַנצע. אַהיימגעקומען נישט צום דערקענען. אַ בלום געווען אַמאָל, אַ פרישע, ווי דער פעלד־מאָן ערב־שניט. און אַהיימגעקומען אַ צעפּלאָסענע, אַ סאָפּנ־דיקע, אַ הוסטנדיקע, אָן כוחות. און וואָסאַמאָל ערגער און ערגער. דער זון. דער הונט. די נויט. נישטאָ קיין הענט צו דער אַרבעט. איך גיב זיך קוים אַן עצה מיטן גאָרטן, מיטן גרינצייג, קאָרטאָפּ־לעס. קאָן נישט זיין אומעטום. די קי ווערן פאַרנאַכלעסיקט. און די פאַרשריפטן אַזעלכע האַרבע. די דייטשן קאָנטראָלירן אַלץ און באַ־שטראָפן מיט טויט פאַרן קלענסטן חטא...

און דערציילנדיק דערלאַנגט ער דעם דרייפוס און די עמערס. און איך זיץ און מעלק. און די קי, און דער אָקס עסן דאָס געפרעס, וואָס דער אַלטער האָט זיי אין אָונט צוגעגרייט.

מיינע פינגער גייען ווי אַליין פון זיך און איבער די הענט גיסט זיך אַ כישוף, וואָס צעגייט איבער אַלע אברים. און עס גיסט און עס גיסט, ווי די אַטערס וואָלטן געווען אַ קוואַל אַן באַדעם, נישט אויסצושעפּן. ווי עס וואָלטן זיך געעפנט דינע קוואַל־ריטש־קעלעך נאָך אַ מבול־רעגן אין די בערג, און זיי רינען, און זיי טריפן און טריפן. די עמערס זענען צו פלאַך און צו קליין. דער אַלטער שטעלט כסדר צו נייע עמערס, נייע עמערס. פונוואַנען נעמען זיך אַזויפיל עמערס? ער לויפט אַרויס און ברענגט צו שלעפּן די טעפּ פון דער קיך, די באַליע צום וואַשן. ער ברענגט די באַלעבאָסטע צו קוקן אויפן גרויסן ווונדער. זי שטייט און קען נישט קיין וואָרט אַרויסזאָגן. זי לענט זיך אָן אין דער וואַנט, בכדי נישט אומצופאַלן. זי זוכט אַ וואָרט אין דער קעל. לסוף געפינט זי עס:

— מיראַקל, אַ נס!

און זי פאַלט אַוועק. מיר כאַפּן זי ביידע אין אונדזערע הענט און טראָגן זי אַריין אויף איר בעט. די קי און דער אָקס גייען אונדז נאָך, ביז צום בעט צו. די קנאָביקע הענט פונעם אַלטן נעמען אַראָפּ דעם אייזערנעם צלם פון דער וואַנט און לייגן אים אַוועק צוקאָפּנס, אויפן קישן. איך נעם אַ שעפּ וואַסער און באַגיס איר קאָפּ און רייב דעם שטערן, די באַקן. די קי מרוקן ווי בעתן קאַלבן זיך און דער אָקס שאָקלט זיך, ווי בעת אַ געבעט. דער ווינט איז אַריין דורך דער צעפּראַלטער טיר און האָט אַ נעם געטאָן זיך צו דעם האַלב־אָפּגעלענטן פענצטער. אַ שויב איז אַרויס מיט אַ הילכיקן געבראַזג, אַז עס האָט געקאָנט אויפוועקן אַ טויטן.

און אַט קומט זי צו זיך.

זיצן מיר, זאַלבעדריט. זי — אין בעט. מיר — נעבן איר. מיר טרינקען מילך, פאַרבראָקט מיט היימיש ברויט און מיט פריי־דיקע זיפצענישן פון דער באַלעבאָסטע: אַ מיראַקל! נישט אַנ־דערש... גאָט האָט געזען אונדזער שמאַך, אונדזער פּיין... מיר וועלן איבערמאָרגן, זונטיק, גיין אין גאָטס הויז אָפּגעבן אַ שבח צום באַ־שעפער און צו דער געטלעכער מוטער מיט איר געקרייציקטן זון...

אָפּגעגעסן, לייגט דער באַלעבאָס אַרויף זיינע קנאָביקע פינ־גער אויף מיין אָרעם, און אַזויפיל בייגיר אין זיינע קנאָביקע פינ־גער: ווער ביסטו אייגנטלעך, פרעמדער, פון וועלכע וועלטן קומס־טו?

— יאָ, ווער ביסטו און פון וועלכע וועלטן קומסטו? איך הייס מאַריאַ, ווי די הייליקע מוטער.

— און איך גאַבריעל, ווי דער הייליקער מלאך. און ווי רופט מען דיך?

— איך הייס דוד, דוד, אויך אַ נאָמען פון דער הייליקער ביבל, דוד — ווי אַ קעניג ביי יידן.

— ווי זאָגסטו?

— ווי דער מלך דוד, ביי יידן?

— און ווי דודל לעלעווער, אַ הייליקער רבי, אַ ווייטער, ווייטער קרוב מיינער.

— ווי, ווי ווו־ווער, ווער? זאָגסטו?

— העי, וואָס זיצן מיר אינמיטן דרינען און שמועסן. די קיע־לעך שטאַרבן נאָך אַ פרישן ביסן גראָז. אנו, העי, קיעלעך אין וועג

אַריין, שוין לאַנג נישט געווען דאָרטן אויבן אויף די בערגיקע פּאַלאַנעס, דאָרט אויבן נאָענט צו גאָט, צו די מלאכים, צו די הימלדיקע פּאַסטוכער. העי, קיעלעך! אין וועג אַריין!...

עס איז שבת. דאָס ברויט, דאָס היימישראַזעווע, האָט דעם טעם פון קוכן, און די סענקעס פונעם הויקערדיקן טיש־ברעט האָבן זיך מיט אַ ווייסן טושטוך איבערגעצויגן. און די מילך איז מילך, מיט אַ טעם פון שבת. אַ גוט שבת אייך, ווילע מענטשן.

— ווער איך בין? פונוואַנען איך קום?

פון „פּלעצל״ קום איך. דער טאַטע? אַ שניידער. ר׳ אביגדור רופט מען אים. נישט — אביגדור, דער שניידער, נאָר — איר הערט — ר׳ אביגדור. מיט אַ לאַנגער, ווייסער באָרד. געאַרבעט. געטאָן צדקה. אויב ער טוט נישט עפּעס גוטס צו נויטבאַדערפטיקע, איז דער טאָג נישט ווערט דעם נאָמען; איז דער טאָג נישט פאַרענדיקט. גייט ער אַרום אַ צעטראָגענער. גייט ער אין פאַראיין. גייט ער צו די לאַנדסלייט. גייט ער אין שול. זוכט אַן אורח. גיט מתן־בסתר. איז מבקר אַ קראַנקן. טוט אַ טובה. העלפט אַרויס אַ פּליט מיט אַרבעט, מיט פּאַפּירן — אַ גרינעם. זאָגט גוט אין קאָמיסאַריאַט. די מאַמע ברוגזט זיך, וואָס נאָר ער פאַרנעמט זיך מיט קהל, מיט פרעמדע ענינים און פאַרנאַכלעסיקט דאָס אייגענע הויזגעזינט. אָט איז דוד שוין גרויס. מען דאַרף טראַכטן תכלית. קויפן אים אַ קלייטל. ווי לאַנג איז דער שיעור צו זיין אַ געזעל ביי אַ טאַטן? ער האָט דאָך שוין אַ כלה, קען נאָך חלילה דער שידוך אָפּגיין. און די טעכטערלעך וואַקסן אונטער. מען דאַרף באַצייטנס טראַכטן וועגן נדן. און אויך אָפּשפּאָרן אַ קניפּל. עס קומען שלעכטע צייטן, בייזע יאָרן. נאַרעלע, זאָגט דער טאַטע מיט אַ שמייכל, וואָס פילט אויס די שטוב מיט ליכט. נאַרעלע, כל־זמן די פיס טראָגן און קענען דערפירן צו דער טיר פון אַ נויטבאַדערפטיקן, איז נישטאָ וואָס צו דאגהן. און וואָס דו זאָגסט: שלעכטע צייטן, זענען שוין ערגערע צייטן געווען. דערמאָן זיך די פּאָגראָמען אין פוילן. האָסט געגלויבט, אַז מיר וועלן אַרויס מיט גאַנצע קעפּ? נו, און די צרות בעת די ערשטע יאָרן אין פּאַריז. נו, לאָמיר נישט זינדיקן. און דוד? ער וועט זיך אַן עצה געבן אין לעבן. ער האָט אַ גוט פּאָך. ביי יידן זענען שניידערס און שוסטערס געווען די גרעסטע למדנים

און תלמידי־חכמים. און ר׳ דודל לעלעווער, וואָס מיינסטו, איז ער אָרום און אָרום געווען? אויך נישט מער ווי אַ פּראָסטער ייִד. און אפשר גאָר קיין שניידערײַ אויך נישט געקענט. און דאָך איז ער עפּעס געווען ר׳ דודל לעלעווער, הע־הע, פּש־פּשש! און באַשעלע, און טויבעלע? דער מלמד איז גאַרנישט אומצופרידן מיט זיי. זיי קענען שוין שטיקער חומש פון אויסנווייניק. און וואָס שייך נדן? מילא, וועסט זען, אַז מען וועט ביי אונדז אָפּרייסן די טירן, מען וועט אָנשיטן אונדזער שטוב מיט גאָלד און זילבער און מיט עכטע דימענט־שטיינער, אַבי מען זאָל זיי אָוועקגעבן אונדזערע בת־מלכה׳ס, אונדזערע פּרינצעסינס...

ווערטער גיסן זיך פון מײַן מויל. רינען אַרויף אויפן טיש, אין די אָפענע מיילער פון די באַלעבאָטים, אין זייערע גרויסע אויגן אַריין, ווי רישטקעלעך מילך פון קיאישע וואַרצלען אין ליידיקע עמערס.

אַ שטילשווייגעניש. די מיילער זענען ביי זיי אָפן און די אויגן גרויס. נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזעלכע אָפענע מיילער און אַזעלכע גרויסע אויגן.

— א, נו — צו דער אַרבעט: די קיעלעך שטאַרבן נאָך אַ ביסן גראָז. העי, העי, קיעלעך! קומט, לאָמיר כאַפּן אַ שפּאַציר אין די בערג. עס וואַרטן דאָרטן אויבן שבתדיקע גרעזעלעך, פּעטינקע, מיט פּערלדיקע טויעלעך, מעדני־מלך.

אין אָוונט, ווען די קי נידערן אַראָפּ מיטן בין־השמשות אין שטאָל אַריין — זענען נאָך תמיד אָפן די מיילער ביי די באַלעבאָטים און די אויגן — גרויס, אַזוי אָפן און אַזוי גרויס ווי אין דער פרי. און די קי האָבן גרויסע אָטערס, געשוואָלענע וואַרצלען, און צעשפּרייטע פיס; און האָבן אַזאַ הנאה געמעלקט צו ווערן, אַזאַ גרויסע הנאה. און די הנאה זייערע צעגייט זיך איבער אַלע מיינע אברים, ווי אַ מלווה־מלכהדיקער תענוג ביי ר׳ דודלן אין קלויז, ווען מען וויל זיך מיט דער שבת־מלכתא נישט געזעגענען, נישט געזעגענען...

עס קלינגען די גלאָקן, די זונטיקדיקע, איינעם קלויסטערל. דער צלם־שפּיץ גלאַנצט מיטן בליאַסק פון פאַרוואָגלטע זון־שטראַלן און ווייזט אַ וועג איבער טאָל און וועלדל, און אויף יענזייט האַלב־באַרג, צו וועלכן עס טוליעט זיך דאָס

קלויסטערל. און דער שפּיץ־צלם ציטערט ביי יעדן קלינג ווי אַ דראָענדיקער פינגער צו אַלע גלוביקע, און ווי אַ מוסר פאַר די אָפּטריניקע. און די פאַרוואָגלטע שטראַלן ציטערן מיט. מוסרן מיט.

גייט גאַבריעל און מאַריאַ בעטן, אַז דער זון זאָל זיך אָפּגעפּור־נען, אַז די ביטערע מלחמה זאָל נעמען אַ סוף, און אַ סוף זאָלן גע־מען די שונאים, די מערדער פונעם הונט. אַז די באַלעבאָסטע זאָל געזונט ווערן און קענען מעלקן די קי. אַז די קי זאָלן זיין געזונט און געבן אַ סך מילך. און ביז די באַלעבאָסטע וועט געזונט ווערן, זאָל דערווייל דוד, זאָל דערווייל דוד...

היינט האָבן זיי זיך מקדים געווען. קיין פרישטיק נישט גע־געסן. אַזאַ ווייטער וועג אין קלויסטערל אַריין ווען מען איז קראַנק, אַזאַ ווייטער מהלך ווען די פיס טראָגן נישט. און באַרג־אַרויף דאַרף מען גיין, און קיין אָטעם איז נישטאָ. דאַרף מען זיך פּעדערן.

— העי, קיעלעך! זונטיק היינט אויף גאָטס וועלטל! וואַרט אַ ווילע. זאָלן לויפן די בערשטן און די פוץ־מכשירים איבער אייער פאַרקויטיקטער פעל, און שפּרודלדיק וואַסער זאָל רייניקן אייערע קלעפּיקע אויערן און פאַרסרחהטן ווידל. אַוועק איר אומפּליט און קרעציקע הויט־בערגלעך! היינט איז זונטיק. ריינע באַשעפע־נישן זאָלט איר זיין. אַ, נו, ציכטיקע קיעלעך, לאָמיר זיך דראַפּען באַרג אַרויף, העכער העכער, וואָס העכער צו גאָט, וואָס העכער צו די הימלען!

אָט קוקט. די באַלעבאַטים גייען אין קלויסטערל אַריין. אָט דאָרטן — דער שאָטן. ווי איין שאָטן זענען זיי בידע אויס. ער טראָגט זי כמעט אויף זיינע הענט. אַ צונויפגעטוליעטער שאָטן, וואָס וויגט זיך ווי אַ זעגלשיפל אויף אַ שטייענדיקן וואַסער. וויגט זיך און וויגט זיך און קוקט אויס די אויגן אויף אַ ווינט, אויף אַ ווינטל.

און פאַרוואָס איז דער פרימאָרגן אַזאַ גרויסער היינט? בכדי זיי זאָלן האָבן ציט צו דערגיין, און ציט צו טון תפילה?

און פאַרוואָס איז דער נאָכמיטאָג אַזאַ לאַנגער, פאַרוואָס? און פאַרוואָס שטייט די זון נאָך תמיד הויך?

איך קריך אַרויף אויפן העכסטן שפּיץ פונעם באַרג און קוק די אויגן אויס: פונוואַנען וועט קומען דער סוף פונעם טאָג, פון וועלכער זייט?

די קי ציפּן דאָס גראָז. שוין לאַנג נישט געפילט דעם טעם

פון די גרעזעלעך, וואָס וואַקסן גאָר הויך, אַרום דעם שוימענדיקן ריטשקעלע, נעבן קוואַל. שוין לאַנג נישט געפעכט מיט די צונגען קעגן דעם שניידיק־שפּיזיקן שאַרף פונעם באַרג־ריטשקעלע. די גלעקלעך קלינגען שוין מיד אַרום די העלדזער ביי יעדן ציפּ גראָז, ביי יעדן לעק וואַסער. זיי קלינגען אומגעדולדיק: פאַרוואָס איז דער טאָג היינט אַזוי גרויס?

אָט, אַ שאָטן פונדערווייטנס, דאָרט אונטן. צי גייט ער ברענגען דעם סוף פונעם טאָג? פאַרוואָס איילט ער זיך נישט, דער שאָטן? ער שאַרט זיך אַרויפצו ווי אַ טויטער בלאָט, אינעם געווירבל פון צוויי קעגנגעזעצטע ווינטן. דאָס איז דאָך גאַבריעל! דאָס ברענגט איר דעם סוף פונעם טאָג, באַלעבאָס?

— נישט גוט, דוד. אין וואַלוויע־לע־האָ, דאָרט אויבן, איבער די ווייטע בערג, וואָס מען זעט זיי קוים פון הי, האָבן די דייטשן דעם אַלטן דיוואַלוויע אויפן העכסטן בוים געהאָנגען און צוגויפגעטריבן דעם עולם צו קוקן. ווייסטו פאַרוואָס? ווייסטו פאַרוואָס? ווייל ער האָט ביי זיך אַ ייִד אויסבאַהאַלטן. דער ייִד האָט באַוויזן צו אַנטלויפן אין דער צייט. אָבער דער אַלטער האָט באַצאָלט מיטן לעבן. מען האָט דערציילט דערוועגן אין קלויסטערל. דער גלח האָט געזאָגט, אַז מען מוז זיין פאָרזיכטיק, זייער פאָרזיכטיק.

— נו?

אַן אָפּגרונט עפנט זיך פאַר מיר. אָט פאַל איך אַריין אין אים און ברעך קאָפּ, האַלדז און נאַקן. און אַ סוף! טיילן דעם גורל פון טאַטע־מאַמע, פון די שוועסטערלעך, פון דער כלה, די מחותנים. אַזויפיל אויסגעשטאַנען; זאָל איך איצטער נעמען זינקן? געטראָפן גוטע מענטשן. זיי דאַרפן מיך. די באַלעבאָסטע איז אַזוי קראַנק. די קי דאַרפן פרישע פאַשע. נו? נו? נו?! זאָל נאָר די באַלעבאָסטע קומען אַביסל צו זיך, וועל איך אַוועק פון הי. נישט אויסשטעלן אייך אויף סכנות, אויף תליה. ניין.

— יאָ, האָבן מיר געטראַכט און געטראַכט. זיך באַראָטן מיטן גלח. ער וועט קיינעם קיין סוד נישט דערציילן. און מיר האָבן באַשלאָסן אָט־וואָס. דו וועסט דיך אַרויסציִען פון שטאַל און זיך זוכן אַ באַהעלטעניש אין די בערג, וווּ קיין דייטש קומט קיינמאָל נישט אַהין און וווּ קיינער שטעלט קיינמאָל קיין טריט נישט. וועסט פאַשען די קי, און אין אָוונט, איידער זיי נידערן אַראָפּ, וועסטו זיי אויסמעלקן, אַריינגיסן די מילך אין קאַנען און אַראָפּטראָגן זיי אויף

האַלבוועגס, ביז אַ, דאָרטן, נעבן קליינעם וועלדל. פון דאָרטן וועל איך קומען זיי נעמען.

— און אין דער פרי ווער וועט מעלקן?

— יאָ, וועט מען מוזן ענדערן דעם סדר. דו וועסט זיי מעלקן, ווען זיי וועלן קומען אַרויפצו צו דיר, פּאַרטאָגס. און די קאַנען וועסטו ברענגען ווי אין אָוונט, אינעם וועלדל, אויף האַלבוועגס. אויף אַכט אַ זייגער דאַרף די מילך זיין אונטן, ווען מען קומט פונעם עקאָנאָמישן אַמט צונויפנעמען די מילך. און קומענדיק נעמען די קאַנען, וועל איך דיר אַ מאַלצייט איבערלאָזן, אַזוי אין דער פרי און אַזוי אין אָוונט. און עסן וועסטו אויבן, אינעם באַהעלטעניש. אָבער פאַרשטעק זיך גוט, אַז קיינער זאָל דיך, חלילה, נישט באַמערקן, קיינער נישט, אַפילו דיין אייגענער שאָטן...

איך ווער א רואה ואינו נראה. קיינער זעט מיך נישט דאָ אויבן. דער אַלטער ברענגט מיר מכשירים אינעם וועלדל אַריין, אַ האַק, אַ האַמער, אַ קילאָף. און אַ גרויסן היימישן וורשט אויף צו שעפּן כוחות צו דער אַרבעט, אַ בינטל שטרוי און אַ צודעק, עס זאָל מיר נישט זיין האַרט און קאַלט. און איך קאָווע מיר אַ נאָרע אין אַ פעלדז, אויף מיין גרויס, ווי אַ קבר. און פאַרשטעלט איז די נאָרע מיט צוויי ביימער, וואָס זענען צונויפגעוואַקסן, האַלטן זיך צוזאַמען מיט די שטאַמען. און בכדי אַריינצוגיין צו מיר, מוז מען אַריבערקלעטערן דעם צווילינג־שטאַם, אָנכאַפּן זיך אין אַ דיקער צווייג, און אַפּקלאַפּנדיק זיך פעסט — אַ שפּרונג טון. ווער וועט מיך דאָ זען, ווער? סיידן דער הימל, וואָס איבער דעם געצווייג־וואָלקן, סיידן דאָס טייכעלע, וואָס גייט דאָ פאַרביי און ברענגט וואַסער פאַר די אַרויסשטייענדיקע און קנאָכיקע וואָרצלען פונעם בוים, וואָס איז נישט איין בוים, נאָר צוויי מיטאַמאָל, צוויי געפּלאָנטער פון וואָרצלען מיטאַמאָל. איך וואָלט אַזוי וועלן אַריינוואַקסן אינעם בוים, ווערן אַ טייל פונעם בוים, פון די וואָרצלען, פונעם צונויפגעוואַקסענעם שטאַם און פונעם געצווייג, און פונעם געבלעטער. פאַרוואָס טאָקע נישט ווערן אַ טייל פון דעם בוים, פונעם שטאַם, און וואַקסן צוזאַמען? ווי גוט וואָלט דעמאָלט געווען! וואָלט מיך קיינער נישט געפונען, און קיינער וואָלט קיין טענה נישט געהאַט. גיי, האָב טענות צו אַ בוים.

און אָט לויף איך מיט די קאַנען צום וועלדל. איין קאַן אונטער

אין אָרעם, אַ צווייטע אונטערן צווייטן, און צוויי קאַנען צונויפגעקײטלט און אַריבערגעהאַנגען פון פאַרנט און פון הינטן. און איך לויף. שנעל. דער אַלטער וואַרט מסתמא. מען טאָר נישט פאַרשפּעטיקן.

— און די באַלעבאָסטע, וואָס מאַכט ?

— ווי תמיד, און אפשר נאָך ערגער. זי שיקט דיר ברכות און ברויט מיט גריוועגעס און אַ שטשאַוו־זופּ.

העי, קיעלעך, אַ געזונט אין אייערע ביינדעלעך ! אַנו, צום טייכעלע ! אָבער כאַפּט נישט. דאָס וואַסער איז שניידיק־קאַלט. איר זאָלט זיך נישט פאַרקילן. און שטופּט זיך נישט. פאַראַן פאַר אַלעמען. און וואָס שטופּסטו דיך אַזוי, נאַרישער אָקס ? דאַמען פאַרצוג ! וואָס איז דאָס מיט דיר היינט ? האָסט דיך צעבריקעוועט ; אַ נישט־גוטער איז אין דיר אַריין, צי וואָס ? זעסט דאָך, אַז ראַזעט איז געקומען פריער פאַר דיר, רוק זיך אָפּ, אַהועק ! וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף דער שוואַכינקער ראַזעט, דו ווילדער אָקס, ראַזבאַיניק, דו !

און ראַזעט נעמט הינקען. צעקלאַפּט זיך די קני אין אַ שפּיציקן שטיין בעתן פאַלן, און האָט יסורים. אַ רחמנות אויף איר. זי איז די איידלסטע פון אַלע קי. איך רייס אָפּ אַ שטיק פון מיין העמד און וויקל אַרום איר קני. זיי מיר מוחל, טייערע באַשעפעניש. איך פיל זיך שולדיק, נישט געדאַרפט פאַרשטעלן דעם וועג דעם אָקס. זיי מוחל דעם אָרעמען פאַסטעך.

— און וואָס מאַכט די באַלעבאָסטע זייט מיטאָג ?

— ווי תמיד, און אפשר נאָך ערגער.

נישט צוגעטאָן קיין אויג. די בידנע ראַזעט מוז נעבעך האָבן יסורים. און אפשר שלאָפט זי גאָר אויך נישט, און קען די מילך פאַרלירן ? און וואָס וועט איר שוין העלפן, אַז כ׳וועל דעם אָקס אָפּשמייסן ? איך וועל אים שוין איצטער לאָזן לויפן ; וויל ער זיין דער ערשטער, זאָל ער זיך זיין דער ערשטער ; וויל ער זיין דער לעצטער, זאָל ער זיך זיין דער לעצטער. איך וועל אים אפילו אָפּטשעפּען דעם שווערן גלאָק, מיטן אַראָפּהענגנדיקן דעמבענעם אומרו. אפשר צוליב דעם איז ער טיילמאָל אַזוי בייז ? נאָכגוט וואָס ער האָט אונטערגעזעגטע הערנער.

ראַזעט איז אונטערשטעליק. זי קען נישט קלעטערן אַזוי גיך אַרויפצו צוליב דער קני. איך לויף איר אַנטקעגן. מיין אָרעם קיעלע !

אַלץ צוליב מיר. קום, איך וועל דיך נעמען אויף די אָרעמס, ווי משה — דאָס שעפּסעלע, און דיך צוטוליען צו מיר. איך האָב דיר צו־געגרייט אַ באַלזאַם פון אַלט ברויט געווייקט אין מילך, מיט אַ צומיש פון צעריבענעם מאָך און מיענטע־בלעטער, געטרוקנט אויף דער זון. דאָס וועט דיר גוט מאַכן. איך וועל דיך אויסהיילן. דעם אָקס אויף צעפּיקעניש, וועסט זען. צוגעגרייט דיר אַ בערגל מיט פרישע גרעזעלעך, זאָלסט נישט דאַרפן אַרומקריכן און אָנשטרענ־גען די צעקלאַפּטע קני. אַנו, עס די גרעזעלעך. רו זיך אָפּ. און באַלד וועל איך דיר צוליגן אַ פריש ביסל זאַלב. האָב געדולד, איך וועל נאָר אָפּטראָגן די קאַנען.

— און די באַלעבאָסטע וואָס מאַכט?

— ערגער ווי תמיד, אַ סך ערגער. געמיינט, זי גייט אויס די נאַכט.

— מ׳דאַרף ברענגען אַ דאָקטאָר, דאַרף מען.

— געווען שוין פריער עטלעכע מאָל דער דאָרפישער דאָק־טאָר, און גאָרנישט.

— דאַרף מען ברענגען אַ דאָקטאָר פון שטאָט, אַ פּראָפעסאָר. אָדער אַוועקפירן אין שפיטאָל.

— ווער וועט צאָלן, אַז קיין געלט וועט אָפילו נישט זיין פאַרן גלח, פאַר קבורה. סיידן, כ׳זאָל פאַרקויפן די רויטהאָריקע, זי לאָמט דאָך סיוף, גיט ווייניקער מילך. וועלן זיי אפשר לאָזן פאַרקויפן.

— חס וחלילה. איך וועל נישט לאָזן. עס גייט איר שוין אַ סך בעסער. זי לאָמט שוין כמעט נישט. איך וועל זי אויסהיילן, היינט־מאָרגן, איך פאַרזיכער אייך.

די צווייטע נאַכט קומט נישט דער שלאָף. אויך דער בוים שלאָפט נישט. אויך די פעלזן. אויך דאָס גראָז קען נישט שלאָפן. און דאָס טייכל איז מער וואַך ווי תמיד. און וואָס קלאַפּט אַזוי אונ־טערן שאַרבן, וואָס? און ווער זענען די טריט, וואָס מען הערט? צי פירט מען ראָזעטן צום פאַרקויף? און אפשר גאָר צו דער שחי־טה?! און ווער וויינט דאָרטן אינמיטן נאַכט און פאַרגיסט עמערס טרערן? צי וויינט דאָס ראָזעט? און ווער איז עס דער שאָטן, וואָס הוידעט זיך אויפן בוים אויבן הויך? איז דאָס דער געהאָנגענער די־וואַלוויע? ווייל ער האָט אַ יידן אויסבאַהאַלטן? און ווער איז עס דער ייד, דער אויסבאַהאַלטענער, ווער איז עס? ווער איז ער, דער

פחדן, דער ייד, וואָס איז אַנטרינען און אָפּגעצאָלט מיטן רשעות פאַר אַזויפיל גוטסקייט, וועמען? וואָס הייסט: ווער? דאָס בין איך דאָך דער פּחדן. איך, ר׳ אביגדורס זון, בין עס זיין מערדער. איך, ר׳ דודל לעלעווערס אור־אור־אור־אייניקל, אַ מערדער. ווען מען כאַפּט מיך, וואָלט מען דאָך מיך געהאַנגען, און נישט אים. ער איז דאָך אומשולדיק. דאָס האָט מען מיך געדאַרפט הענגען, אַנשטאָט אים. און וואָס זענען עס דאָרטן די שאָטנס, די שאָטנס אינעם טאָל, ביי דער הייזקע? און די עגלה, די שוואַרצע, וואָס באַדייט? און וועמען פירט מען עס אין דער עגלה, וועמען? דאָס פירט מען מיך? מיך, דעם מערדער? און אפשר אים, דעם אַלטן דיהואַלוויע? אָדער גאָר מיין טאַטן, דעם צדיק? מיין מאַמען, דער צדקית? מיינע שוועסטערלעך? אסתרלן, מיין כלה? אָדער גאָר זי, זי — מאַריאַ? זי?! זי?!

אַט לויף איך. נישט איך לויף, נאָר איך שוועב אין דער לופטן. די קי זענען וואַך. דער שטאַל קען נישט שלאָפן. דאָס ליכט אין דער הייזקע קען זיך נישט לעשן. דאָרט, וווּ עס ליגט תמיד דער קאָפּ, איז קיין קאָפּ נישטאָ, נאָר אַ ווייסער צודעק, און דער איי־זערנער וואַנט־צלם איז נישט דאָרטן ווי תמיד, נאָר אויפן ווייסן צודעק, דאָרטן וווּ דער קאָפּ איז געווען. און נעבן בעט: גאַבריעל. ער קניט. די קנאַכיקע הענט זענען פאַרלייגט צו אַ תפילה. זיי זיפצן אַ טויטן־תפילה. באַקלאָגן זייער גורל. איינזאַם. דער זון נישטאָ. מאַריאַ — אויך נישט מער. און אַרום שונאים, רוצחים. און קיין חיונה איז נישטאָ. די קי פאַרקויפן טאָר מען נישט, מען לאָזט נישט. מען מוז דעם סכום מילך צושטעלן. סיידן מען זאָל שעכטן ראָזעט און פאַרקויפן אויף פליש. זי לאָמט, וועט מען אפשר דערלויבן. און דערווייל איז פאַרן גלח נישטאָ, און אויף אַ שיינע לוויה — שוין אָפּגערעדט. געווען אַזאַ געטרייע, אַזאַ אַרבעטזאַמע, אַזאַ גוטינקע. פאַרדינט אַ לוויה מיט זונטיק־גלאָקן און מיט יונגע גלחימלעך אין ווייסן, און אַ לאַנגן הספד פונעם גלח און אַ שיינע קרקע, מיט אַ מאַרמאָרענעם מצבה־שטיין; כשר פאַרדינט, מיין אָ־רעמע מאַריאַ...

— יאָ, כשר פאַרדינט, פאַל איך צו צו אים און קני ביי זיין זייט. יאָ, די שענסטע לוויה פאַרדינט, די שענסטע אין דער וועלט. מיט זונטיק־גלאָקן, מיט אָרגלען, מיט גלחימלעך אין ווייסן און די שענסטע קרקע אין דער וועלט. גאַרנישט דאַרף זיין טייער פאַר

דעם הייליקן צוועק... און איך שטופ אַריין אין די קנאַכיקע פינגער מײַין זייגער, מײַין גאָלדענעם זייגער. נעמט דעם זייגער, גאַבריעל! פאַרקויפט אים. ער האָט אַ גרויסן ווערט. ער איז פון פיינסטן גאָלד. פאַרקויפט אים און מאַכט אַ שיינע לוויה, ווי מאַריאַ האָט עס פאַרדינט. אָבער פאַרקויפט נישט ראָזעטן, שיקט זי נישט צו שחיטה. זי איז אַן אומשולדיקע באַשעפעניש, אַ רחמנות. דאָס בין איך שולדיק אין איר לאָמען. זי וועט באַלד קענען גיין ווי פריער. טוט איר נישט קיין שלעכטס, איך בעט אײַך. דער זייגער איז מער ווערט ווי ראָזעט, און קיין דערלויבעניש צום פאַרקויפן דאַרף מען נישט. אָדער גיט אים אַוועק דעם גלח, וועט ער דערפאַר לאָזן קלינגען די זונטיק־גלאָקן, ווי ווען עס וואָלט געשטאָרבן דער גרעסטער פריץ פונעם לאַנד, און די אָרגלען וועלן שפּילן, און די גלחימלעך אין ווײַסע קיטלען וועלן זינגען, און מלאכימלעך וועלן אַנטקעגנפליען... נעמט דעם זייגער. ער איז פון פיינסטן גאָלד און גייט ווי אַ נײַער, ערשט פון קלייט אַרויס. אָט, האָרכט זיך צו, לייגט צו דאָס אויער, האָרכט דעם קלאַנג, האָרכט דעם הילכיקן קלאַנג זײַנעם, ווי גלאָקן וואָלטן געקלונגען גלין־גלאָן, גלין־גלאָן, ווי פון אַלע גלאָקן אין דער וועלט וואָלט איין גרויסער גלאָק געוואָרן, איין גרויסער גלין־גלאָן געוואָרן, איין הילכיקער גלין־גלאָן...

דאָס קלינגען, וואָס האָט זיך צעקלונגען אין זײַנע אויערן, האָט אים אַרויסגעריסן פונעם שלאָף, וואָס איז געפאַלן אויף אים אינעם קליינעם וועלדל, אויף האַלבוועגס צווישן דער פויערישער הייזקע און זײַן נאַרע. וווּ בין איך דאָס? האָט ער זיך געפרעגט. וואָס איז דאָ געשען מיט מיר? ער האָט אָפּגעהויבן דעם קאָפּ פונעם האָרבעוואַטן בוים. ער האָט אַ פעסטן טרייסל געטאָן מיט זײַן קאָפּ, בכדי צו פאַריאָגן פון דאָרטן דעם געקלאַנג, און גענומען רייבן די אויגן, צו פאַריאָגן די וואָלקנדלעך, וואָס האָבן פאַרנעפּלט זײַנע שוואַרצאַפּלען. ער האָט זיך אויפגעריסן: יאָ, מען מוז גיין, אַוועק פון דאָ, וואָס ווײַטער, וואָס העכער, וואָס גיכער! די ערד ברענט אונטער די פיס. וועט מען זוכן מזל אַנדערשוווּ. וווּ עס האָט געשיצט ביז איצט, וועט ווײַטער שיצן, אויך בײַ אַן אַנדערן פויער; דאָ איז שוין צו געפערלעך.

בײַם אַרויסגאַנג פון וועלדל האָט ער זיך פאַרטשעפּעט, שיעור נישט אומגעפאַלן. האַ, וואָס איז דאָס? אַה, ראָזעט. געקומען זיך

געזעגענען, האַ? אַנו, גיב זיך נאָר אַ שטעל אויף, לאָמיר זען ווי דו גייסט.

ראָזועט האָט זיך אויפגעשטעלט, אויסגעצויגן איר לאַנגן האַלדז און ארויפגעקוקט צו אים מיט אַנגעלאָפענע אויגן, פול מיט טרערן. אירע גראָבע ליפּן האָבן געציטערט, ווי זיי וואָלטן וועלן עפּעס זאָגן און קאָנען נישט. דוד האָט אַ קוק געטאָן אויפן גרינעם שטח, וואָס שפּרייט זיך דאָ אַרום און אַרויף, און געזען די שאָטנס פון די קי, איינע דאָ און איינע דאָרט, און איינע גאָר גאָר הויך. און ווו איז דער אָקס? האָט ער געפרעגט. ווו איז ער פאַרקראָכן דער מזיק? מען מוז דאָך אים היטן ווי אַ גזלן, נישט אמת, ראָזועט, האַ?

דוד האָט גענומען לויפן. ראָזועט איז אים נאָכגעלאָפן.

ער האָט געפונען דעם אָקס נעבן זיין נאָרע. ער איז געשטאַנען מיט די הינטערשטע פיס אינעם טייכל, מיט די פאָדערשטע אויפן ברעג, און געשאָקלט זיך אַהין און אַהער, בייסנדיק מיט דינע ווערעמדיקע ציין די קאָרע פונעם בוים.

דוד האָט געוואָלט צוגיין צו אים, אַ גלעט טון איבער דעם קאַרק און געוואָלט זאָגן: מאַכסט דאָך אַ תל פונעם בוים, מזיק איי־נער, און געוואָלט מיטן גוטן אים איינגעמען, ער זאָל אויפהערן גריזשען די קאָרע. אָבער פּלוצים האָט דער אָקס אויסגעצויגן זיין קאָפּ אין דער הויך, צו די צווייגן, אַנגעבלאָזן זיך און אַרויסגעלאָזן אַ טיפן געוואַי, וואָס האָט געמאַכט ציטערן דעם בוים. און דער־נאָך אַ צווייטן בלאָז, נאָך שטאַרקער און נאָך מער איבערגענומען. דוד איז געשטאַנען אַ ציטערדיקער און געקוקט צו דעם אויסגע־צויגענעם אָקסענעם קאַרק, וועלכער בלאָזט פון זיך אַרויס אַזעלכע דורכנעמענדיקע קולות.

דאָס בלאָזט ער שופר, האָט דוד געטראַכט. אַזוי האָבן מסתמא געקלונגען די תקיעות אינעם בית־המדרש אין לובלין. יאָ, דער גבאי האָט אים אָפּגעפונען, ר׳ דודלן. ער האָט אים געפונען באַ־לאָדנט מיט פולע עמערס האָבער און פּאַשע, און ווי ער גייט פון איין פערד־שטאַל צום צווייטן, בכדי צו פיטערן די פערד. די יידישע בעלי־עגלות זענען ביים דאַווענען, און זיי האָבן אפשר פאַרגעסן צו געבן געגנוג עסן די פערד. דאַרף מען זיי צופיטערן. ס׳איז דאָך אַ רחמנות. אַ צער בעלי־חיים. און ווען ער האָט אַנגעפּאַיעט און אַנגעקאָרמעט אַלע יידישע פערדעלעך, איז ער ערשט דעמאָלט גע־

גאַנגען שופר־בלאָזן. און געבלאָזן מיט אַזויפיל כוונות, מיט אַזוי פיל התלהבות, אַז עס האָט צעריסן די הערצער... און דער „חוזה" פון לובלין האָט דערנאָך געזאָגט, אַז מיטן מטפל זיין זיך מיט די פערד האָט היינט ר׳ דודל מכוון געווען גאָר גרויסע כוונות, גאָר גרויסע כוונות...

און ווען דוד האָט געענדיקט דאָס טראַכטן, האָט זיך דער אָקס אויפגעריסן און גענומען לויפן שפרינגענדיק, אַז זיינע פיס האָבן זיך גענומען פלאָנטערן; ביז ער איז פאַרשוווּנדן אינעם קליינעם וועלדל.

דוד איז צוגעגאַנגען צו ראָזעטן און האָט זי אַרומגענומען. זי האָט זיך געטוליעט צו אים. געזוכט זיין האַנט מיט איר גרויסער צונג, און גאַנצע־טראָפּנס האָבן באַשפּריצט זיינע פינגער. דוד האָט אַוועקגעשלעפּט די האַנט און גענומען זי פּירן איבער דער סאַמעטענער פעל פון איר האַלדז, פונעם רוקן, פונעם בויך, פונעם פולן אַטער, פון די אָנגעלאָדענע וואָרצלען. אַ הייסער שטראָם האָט אַ שפּריץ געטאָן איבער זיין האַנט.

— יאָ, האָט ער זיך אויפגעריסן, ווי אַן אָפּגעבריטער — אינגאַנצן פאַרגעסן. די אַטערס זענען פול, אויפצופּלאַצן. נאָך היינט נישט אויסגעמעלקט די קי; וואָס איז דאָס מיט מיר, וואָס איז?

דוד האָט אַריינגעשטעקט אינעם מויל צוויי נאַסע פינגער און אַרויסגעלאָזן אַ פייף, דערנאָך נאָך איינעם, און אַ דריטן: דער אָפּגערעדטער סימן, אַז צייט צום מעלקן. די קי האָבן פאַרשטאַנען און גענומען אַרויפקריכן צו אים. קוים געקראָכן, די פולע אַטערס האָבן געשווערט, צוריקגעהאַלטן און נישט געלאָזן אַרויפגיין.

— אַ, נו — האָט ער זיי גענומען אונטעריאָגן. און אַז די באַלעבאָסטע איז געשטאָרבן, דאַרף מען אייך נישט מעלקן? מיר לעבן דאָך. נו, קומט אַהער, גיט אַהער אייערע צעווייטיקטע וואָרצלען, גיט אַהער! זייט מוחל, אַזאַ אויסטערלישער טאָג היינט. אָבער וואָס דאַרפט איר ליידן? לאָמיך אָפּציען דערווייל פון יעדער צוביסלעך, אַרויסמעלקן די יסורים. עס וואַרטן די קאַנען. העי, קיעלעך!

הונגער

די הונגער־אַקאַדעמיקער פון געטאָ־וואַרשע
— אַ נשמה־ליכט.

דער ערשטער איז געקומען דר. ישראל מילייקאָווסקי. גדליה, דער אויפזעער פון בית־עולם, האָט געוואַרט ביים גדר. ווען ער האָט דערזען די שלאַנקע געשטאַלט פונעם דאָקטאָר, האָט ער געגעבן אַ ווונק, ער זאָל אים נאָכגיין. ער האָט אָפּגעלענט אַ זייטיק טירל און געפירט אים צום טהרה־שטיבל.

— זייט פאַרזיכטיק, פאַניע קאַנסיליאַזשו. פאַרטשעפּעט נישט... נישט באַוויזן קובר צו זיין... אַזויפיל מתימלעך פון קינדער־שפּיטאָל... די קברנים קענען זיך קיין עצה נישט געבן; אַז עס קומט דער אָוונט פאַלן זיי פון די פיס... אַזויפיל קינדער, אַזויפיל קינדער, נעבעך.

זיי זענען שטיין געבליבן אויף דער שוועל. גדליה האָט זיך אָפּגערוקט איז אַ זייט און געלאָזט פריי דעם וועג פאַרן דאָקטאָר:

— איר צופריער.

— ניין, איר צופריער, ר׳ גדליה — האָט דער דאָקטאָר זיך צוריקגערוקט — אייך קומט די בכורה.

— ניין און ניין, בעסטער הער דאָקטאָר, איר האָט פאַרדינט דעם כבוד.

— נישט מער פון אייך, ר׳ גדליה.

— ווי קום איך צו אייך, בעסטער הער דאָקטאָר, ווי קום איך? איר זינדיקט מיט די רייד.

— דאָס זינדיקט איר, ר׳ גדליה. מיר ווייסן ווי איר זייט זיך מקריב, ווי איר זייט זיך מוסר נפש, און נישט נאָר פאַר טויטע... מיר האָבן געוווּסט, אַז מיר קאָנען רעכענען אויף אייך אויך מיט דער איצטיקער זיצונג, די ערשטע פון אַ סעריע; דאָ וועט מען אונדז מסתמא נישט כאַפּן ביי דער אַרבעט. דער בלוט־שונא טאָר נישט וויסן... מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז איר וועט אונדז העלפן, ר׳ גדליה.

— עס איז אַ מצווה צו באַדינען תלמידי־חכמים, ר׳ ישראל. און

ווער ווייס ווי לאַנג עס וועט בכלל זיין באַשערט צו האָבן אַזעלכע מצוות, מצוות בכלל... אַ דאָקטאָר איז דאָך גאָטס שליח, מיט אַ דאָקטאָר גייט דאָך תמיד מיט אַ גוטער מלאך...

— אַ גוטער מלאך, זאָגט איר, ר׳ גדליה? — האָט דער דאָקטאָר איבערגעפרעגט, און איבערגעחזרט עטלעכע מאָל, ווי צו זיך:

— אַ גוטער מלאך, אַ גו־טער מל־אך, ת־מיד?...

— יאָ, אַזוי זאָגט דאָך דאָס פאָלק.

דער דאָקטאָר האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל, וועלכער האָט זיך געטונקן אין שקיעה, און נאָכגעזאָגט די לעצטע צווי קורצע ווערטער פון גדליהן. דערנאָך האָבן זיינע אויגן גענידערט און אַרומגענומען דעם גאַנצן שטח, ווו דער שפּעטער בין־השמשות האָט זיך געלאָשן צווישן די מצבות, בערגער זאַמד, פריש־צעגראָבענע ערד, אין די אָפענע גריבער, צווישן אַנגעהויפטע גופים און אין געפלאָנטער פון קינדער־אברים.

און ער האָט איבערגעחזרט:

— דאָס פאָלק.

און געזיפצט:

— דאָס פאָלק.

פלוצים האָט גדליה זיך אָפּגעריסן פון דער שוועל. ער האָט געלאָזט שטיין דעם דאָקטאָר ביים איינגאַנג פון טהרה־שטיבל און נעלם געוואָרן אין דער ריכטונג פון גדר. נאָך אַ ווייל האָבן זיך דערהערט טריט. גדליה איז צוריקגעקומען אין דער באַגלייטונג פון דר. ברוידע־העלער. דר. מילייקאָווסקי איז איר אַקעגנגעגאַנגען.

— גוטן אָונט, אַננאַ.

— גוטן אָונט, קאָלעגע.

זי איז די ערשטע אַריבער די שוועל. דר. מילייקאָווסקי איז איר נאָכגעגאַנגען. גדליה איז צוריקגעקאַנגען צום בית־עולם־טירל אָפּצוּוואַרטן די אַנדערע דאָקטוירים, אָדער אויסקוקן צי עס קומט נישט אָן אַ פּאַטראָל, אָדער אַ פאַרדעכטיקטער פאַרשוין.

— איר זייט תמיד דער ערשטער אויפן פּאָסטן, מילייקאָווסקי. תמיד דער זעלבער.

— שטותים, אַננאַ. געוואָלט אַביסל אָפּרוען זיך פון די לעבעדיקע, האָב איך זיך געפּעדערט אַהערצו... די אויפגאַבע, וואָס מיר האָבן גענומען אויף זיך, האָט אונדז אַלעמען אויסגעגליכט, אויב אונדזער גורל האָט עס נאָכנישט געטאָן צופריער... יעדעס ציגעלע,

וואָס יעדער פֿון אונדז וועט צוטראָגן צום בנין, וועט האָבן די זעל־בע חשיבות פֿאַר דער אייביקייט...

— מיין ציגעלע איז שוין כמעט פֿערטיק, כמעט אויסגעפּאַ־רעמט. איך האָב געבראַכט מיינע אָבסערוואַציעס... איך האָב זיך גע־מוזט איילן, ווייל איינגיכן וואָלט נישט געווען אויף וועמען די אָב־סערוואַציעס דורכצופֿירן... די קינדער פֿאַלן ווי די פֿליגן; די צוויי הונדערט קאַלאָריעס, נעבעכדיקע, האָט מען מיר לעצטנס אויך גע־שניטן פֿאַר די קינדער פֿונעם הונגער־זאַל... לעשן זיי זיך אויס ווי אַ קנויט אָן חלב... און כדי צו קענען פֿאַרענדיקן די אַרבעט, האָב איך זיך געטיילט מיט מיין ביסן... און איך בעט גאָט, ער זאָל מיר דערלויבן אָנצוהאַלטן נאָך אַ פּאָר טעג, אַ פּאָר טעג נאָך, כדי דאָס ציגעלע אויסצופֿאַרעמען ביזן סוף...

דר. מיליקאָווסקי האָט אַרויסגעצויגן פֿון בוזים־טאַש אַ ליכט, אָנגעצונדן אַ שוועבעלע און זיך איינגעקוקט, מיטן ליכט אין האַנט, אין דער פֿרוי. איר פּנים — לויטער הויט און ביין, לויטער געל־גרויער וואַקס, ווי דאָס ליכט; אירע טיפֿע און שוואַרצע אויגן — נאָך טיפֿער, נאָך שוואַרצער; דער גלי פֿון די שוואַרצאַפּלען — נאָך גליאיקער; און די ווירע צווישן אירע צוויי האָר־פּליגלען — אויס־געצויגן ביז דער שפּיציקער גאָמבע ווי אַ וואָרנדיקער אויסרוף־צייכן.

— אַננאַ! אייער ציגעלע איז קיין ציגעלע נישט, נאָר אַ טורם, אַ ליכט־טורם!... אָבער גענוג! איך בין אייך גוזר, איך באַשווער אייך...

— איך בין זאַט, קאָלעגע. זייער זאַט. שרעקט זיך נישט פֿאַר מיר; נישט מער ווי נאָך עטלעכע טעג...

— קיין רגע נישט מער, אַננאַ. איר זייט אונדז צו טייער.

זי האָט אָפּגעשטופּט פֿון איר פּנים זיין האַנט מיטן ליכט, אָנגע־נומען אים ביי דער צווייטער האַנט און צוגעפֿירט צום טיש. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף דער הילצערנער באַנק, וואָס גדליה האָט צונויפֿגעקלאַפּט לכבוד דער זיצונג, פֿונאַנדערגעשפּרייט די באַשריבענע זייטלעך אויפֿן דעק פֿון דער מיטה, וואָס האָט געדינט פֿאַר אַ טיש, און צוגעטריפֿט דאָס ליכט. זי האָט אַריינגעקוקט אין איינעם פֿון די לעצטע זייטלעך:

— צי ווייסט עמיץ וועגן דעם, אַז אין גראָם ברויט גיט צו דעם טויט־אויסגעהונגערטן קינד, אינעם גסיסה־צושטאַנד, קנאַפּע טויזנט רויטע בלוט־קייקעלעך? צי ווייסט איר, אַז מיין טעגלעכע

ברויט־ראַציע פון 200 גראַם גיט צו דעם קינד 200.000 רויטע בלוט־קייקעלעך דעם ערשטן טאָג; 150.000 — דעם צווייטן טאָג, און 130.000 — דעם דריטן. דאָס הייסט — אין די ערשטע דריי טעג באַרייכערט זיך דעם הונגער־טויטן קינדס בלוט מיט אַ קימאַ־לן פון אַ האַלבן מיליאָן רויטע קייקעלעך, אונטערן איינפלוס פון עפּעס מער ווי אַ האַלב קילאָ ברויט... און דער פּולס, וועלכער פאַלט ביים קינד, וואָס גוססט פון הונגער, ביז 50 אויף אַ מינוט, גיט זיך אַ הויב מיט צען נאָכן אויפעסן 200 גראַם ברויט... און דער בלוט־דרוק הויבט זיך ביי אים מיט פינף מילימעטער אויף יעדע 100 גראַם ברויט. און עס איז דערשטוינענדיק פעסטצו־שטעלן, אַז די קערפּער־טעמפּעראַטור הויבט זיך פון אַ טעלער גרינס־ און שליים־זופּ מיט 6 צענטיגראַד, עס הערן אויף די קאָנ־ווולסיעס, און עס פאַלט די בויך־געשווילעכץ מיט 3 מילימעטער...

— גענוג אַננאַ, טייערע. צי איז מעגלעך נאָך אַ גרעסערער באַשולדיקונגס־אַקט קעגן אונדזערע פאַרטיליקער און אַ מער פאַר־אורטיילנדיקער אַרויסרוף צום וועלט־געוויסן ווי אייערע רעזול־טאַטן?!... גיט מיר דאָס וואָרט, אַז מער וועט איר נישט הונגערן... מיר זענען אַ ווונדערלעך פאָלק, אַננאַ. הונגער איז אומצעטיילבאַר פון אונדזער גוף און נשמה. זעלטן הונגערט אַזוי אַ פאָלק, ווי מיר, און זעלטן ווייזט אַ פאָלק אַרויס אַזאַ הונגער נאָך וויסן, ווי אונדזער פאָלק... די טעמע פון אונדזער קאָלעקטיווער פאָרש־אַרבעט איז הונגער, דער טאָג־טעגלעכער הונגער, דער באַנאַלער, פיזישער הונגער... עס איז אָבער ביי אונדז אַ פראַגע פון האָנאָר, פון אַמבי־ציע צו פאַרוואַנדלען די דאָזיקע פּראָסטע דערשיינונג אין אַ ווי־סנשאַפטלעכן פּראָבלעם, כדי אַזוינאָך צו קענען זעטיקן אונדזער הונגער נאָך וויסן, אויפן חשבון פון אונדזער פיזישן הונגער...

פלוצים האָט זיך די טיר אָפּגעלענט און עס האָבן זיך באַוויזן אין איר דר. שטיין און דר. אַפּעלבוים. עס האָט אַ יאָג געטאָן פון דרויסן מיט צופאַלנדיקער נאַכט, מיט שטיקער סודותדיקער אימה, וועלכע האָבן געמאַכט ציטערן דעם פלאַם פון קאַרגן ליכט. אָבער די טיר, וואָס גדליה האָט גיך פאַרהאַקט הינטער זיי, און די פרייד פון זיין זאַלבע־פערט, האָבן פאַריאָגט, ווי מיט אַ כישוף־בעזים, יעדעס ברעקל אימה, יעדעס ברעקל אומעט, יעדן נשמה־ציטער.

— זייט מוחל, ליבע פריינט, די פאַרשפּעטיקונג. אָבער נישט געקומען מיט ליידיקע הענט. אָט, זעט!

דר. שטיין האָט אַרויסגעצויגן אַ פּאַק פּאַפּירן און אַוועקגעלייגט אויפן טיש:

— דאָס איז מיין צושטייער. פאַרענדיקט צו דער צייט. געיאָגט זיך, אַזוי ווי איר האָט געפּאָדערט... איר זייט געווען גערעכט, קאָלע־גע ישראל... שלעכטע קלאַנגען אין דער לופטן, זייער שלעכטע...

— אויך איך בין נישט היגטערשטעליק — האָט דר. אַפּעלבוים אַרויסגעלייגט זיין בינטל פּאַפּירן אויפן טיש, און גענומען אויסליידיקן די טאַשן — דערצו האָב איך אויך געבראַכט די אַרבעטן פון די קאָלעגן פייגענבלאַט, שיינמאַן און פלידערבוים, הגם נאָכנישט אינ־גאַנצן פאַרענדיקט. איך האָב זיי נישט געוואָלט מטריח זיין אַהערצו. זיי זענען יונגע מענטשן: באַכוואָס זיי אויך אויסשטעלן אויף אַ סכנה. וואָס קלענער די פאַרזאַמלונג, אַלץ קלענער די סכנה... בין איך אַוועק צו זיי אין אָוונט און גענומען זייערע אַרבעטן, אַזוי ווי זיי זענען... מאָרגן וואָלט אפשר געווען צו שפּעט... מ׳זאָגט, אַז עס קומט קאָמפּלעטע ליקווידאַציע... דער סוף. אומשלאַג־פּלאַץ, וואַגאָנען, וואַגאָנען...

— נאָן אָמניס מאָריאַר, ברידערלעך — האָט דר. מיליקאָווס־קי אויסגערופן, אויפשטעלנדיק זיך פון אָרט — וואָס מיר סוף, ווער מיר סוף... וואָס מיר וואַגאָנען, ווער מיר וואַגאָנען. נישט אַלץ פון אונדז וועלן זיי מיטנעמען אין די וואַגאָנען, נישט מער ווי דאָס געביין, נישט מער. אַנו, קאָלעגע ברוידע־העלער, הויבט אָן מיט אייערע ציפערן. האָרכט זיך צו, ברידערלעך: צי ווייסט איר אַ שטייגער וויפל רויטע בלוט־קייקעלעך גיט צו איין גראַם ברויט אַ הונגער־גוססדיקן קינד? און וויפל — אַ האַלבע קילאָ ברויט במשך פון דריי טעג? צי ווייסט איר, אַז אַ האַלבע קילאָ ברויט, וואָלט געקאָנט באַרייכערן דאָס בלוט פונעם הונגער־אויס־גייענדיקן קינד מיט אַ האַלבן מיליאָן רויטע קייקעלעך... און ווי האָבן עס געזאָגט אונדזערע חכמים — הדם הוא החיים, הדם הוא החיים... אנו, לייענט טייערע אַננאַ!...

און ווען גדליה איז געקומען אַנטאָגן, אַז עס טאָגט שוין, האָבן זיי געקוקט אויף אים ווי אויף אַ נישט־דאָאיקן. נאָר ערשט ווען די ערשטע שטראַלן פון דער אַנהויב־יולי זון האָבן זיך אַריינגע־ריסן דורך דער אָפענער טיר פונעם טהרה־שטיבל, האָבן זיי אויפ־געהויבן די קעפּ פון די פּאַפּירן, און מיט שוועבנדיקע טריט גע־גאַנגען דעם נייעם הונגער־טאָג אַנטקעגן.

דער הײליקער

אזוי ווי מען האָט נישט געקאָנט פאַרשטײן פונװאַנען עס נעמט זיך אײנמיטן ים אַ באַרג־אינדזל, אַזוי האָט מען נישט געקאָנט פאַרשטײן פונװאַנען עס נעמט זיך דאָרטן פּלוצים אַ מענטש. וויאַזוי איז ער אַריבערגעשוווּמען אַזאַ מהלך אינגאַנצן אומבאַמערקט, און ווי האָט ער זיך אַרויפגעקלאַמערט, אַז דער באַרג איז אַזוי הויך, און זײנע זײטן אַזוי נאַקעט און אַזוי משופּע. האָט דאָך דאָס קײנער ביז הײנט נישט באַוויזן.

און וויאַזוי לעבט ער דאָרטן?

דער פירער פון די היגע פּאַרטיזאַנטן האָט אים, אין אַ פול־לבנה נאַכט, דער ערשטער באַמערקט. ווען ער האָט זיך געגרײט אײנצו־גראָבן אַ מינע אויפן ברעגוועג, קעגנאיבער דעם בויך פונעם באַרג, כדי אויפצורײסן דעם דײטשן פּרימאָרגן־פּאַטראָל — האָט ער אים צופעליק באַמערקט.

צווישן צוויי בײמער, האָט ער געזען אַ קאָפּ מיט אַ באַרג זיל־בער־האָר און אַ צעכוואַליעטע באָרד, און אויגן וואָס גלאַנצן ווי רײ־זיקע גליווערים אין אַ פינצטערן פעלד. האָט ער זיך דערשראָקן: אפשר אַ דײטשער אויסשפּירער מיט פּראָזשעקטאָרן? אפשר אַ נישט־גוטער?

באַלד האָט ער געזען אַ האַנט, אַן אויסגעשטרעקטע, און אין דער האַנט אַ שטעקן מיט אַ זילבערנער שנור און אַ שפּיץ וואָס לע־כערט דעם לבנה־פּלאַסטער אויפן וואַסער, און צעקלאַפּט אים אויף ברעקלעך, און די ברעקלעך, ווי זילבערנע פישעלעך, פּאַכען אַ ווײל אין אַלע זײטן, און צאַפּלען אַרײן אין דער אָפענער האַנט. אײן פיש. אַ צווײט פיש. אַ דריטעס. און אַ פערטעס.

איז זיך צעגאַנגען אַ קלאַנג אין דער גאַנצער געגנט, אַז עפּעס אַ מיסטעריעזע געשטאַלט באַהאַלט זיך אויס אויפן באַרג, מיט אַ ווייסן קאָפּ האָר און צעכוואַליעטער באָרד, ווי ביי אַ הייליקן.

האָבן מענטשן פון דאָרף, און פון אַרומיקע דערפער, גענומען זיך זאַמלען אויפן ברעג, און קוקן אַהינצו, זוכן מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. עפּעס האָט זיך עמיצן געדאַכט, אַז אָט זעט ער ווי דער ווינט שפּילט זיך מיט אַן עק פון זיין באָרד, און ווי עס פינקלט סודותדיק אַ שוואַרצאַפּל צווישן פעלדז־קנאַכנס. עמיץ האָט געזען הערנער אויף אַ צעכוואַליעטן שטערן, מיט שטראַלן וואָס שטעכן ווי מיט מעססערס. און עמיץ האָט אָנגעציילט פינף זילבערנע פישעלעך. און עמיץ — גאַנצע אַכט.

דער גלח איז געקומען אין געהיים, אין אַן אויסגעשטערנטער נאַכט, און געשטאַנען, געשטאַנען, געזאָגט תפילה, ביז פאַרטאָגס. ביז ער האָט דערזען די ווייסע באָרד און די הערנער מיט די שטראַלן און אַן אַ צאָל זילבערנע פישעלעך, וואָס צאַפּלען אַנטקעגן דעם פרי־מאָרגן־ליכט. איז ער אַוועק אין קירכע, און האָט זיך אָנגעהאַנגען אינעם גלאָק־שטריק, און געשוועבט אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ. און ווען דער גאַנצער עולם איז זיך צוזאַמענגעקומען, האָט ער זיך ווייטער געקלאַמערט אינעם שטריק און געוואָלט אויסקלינגען דאָס וואָס ער האָט זיך געפּילט צו אָרעם צו קאָנען איבערגעבן מיט ווערטער.

עס האָט זיך געשטעלט אַ וויסטער ווינטער און האַרבער פרי־פרילינג. אָבער, אין די דערפער אַקעגנאיבער דעם באַרג האָבן גאָר שנעל אַרויסגעשפּראָצט גרינע פלאַנצן, און די פעלדער האָבן זיך פריציייטיק צעגראָזט. זענען די קי גיך אויפן גראָז אַרויס, און גיך שווערע אַטערס מיט מילך באַקומען. האָט מען עס פאַר אַ נס גע־האַלטן. דער גלח האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אינעם זכות פונעם היי־ליקן פון באַרג. ער האָט געשריבן דערוועגן צו דער דיאָצעזיע. און דער ביסקופּ האָט געשריבן צום קאַרדינאַל. און דער קאַרדינאַל — צום הייליקן פאָטער, וואָס זיצט אין רוים.

און אײדער עס איז געקומען דער ענטפער פון רוים, איז יעדן זונטיק, נאָכן געבעט, געגאַנגען אַ פּראָצעסיע, און זיך געשטעלט קניענדיק אַקעגנאיבער דעם באַרג־בויך. און דער גלח האָט גענומען

שפריצן הייליק וואַסער פון אַ טעפּל אַרויס, ווייט אַוועק, אַז דאָס בערשטל איז אים שיער פון האַנט נישט אַרויס. און געפּרעפּלט אַ תּפילה, אַז דער הייליקער זאָל בענטשן מיט גערעטעניש, און זאָל באַשיצן קעגן שונא, און זאָל האָבן אַן אויג אויף די קינדער, וואָס אין מאַקי. און די פּויערים האָבן נאָכגעפּרעפּלט.

ווען די דייטשן האָבן זיך דערוווסט וועגן דעם אַלעם, האָבן זיי אַוועקגעשטעלט עטלעכע באַטעריעס קאַנאָנען און מאַרטערס אויפן ברעג, און אַ זונטיק, ווען די פּראָצעסיע האָט זיך דערנענטערט — גענומען באַשיסן דעם באַרג. און ווען די לופּעס זענען געוואָרן רויט ווי פּייער און אַמוניציע האָט אויסגעפּעלט — זענען זיי אַוועק.

דערשראָקענע האָבן זיך די פּויערים אומגעקערט אין קירכע. זיי האָבן שטומערהייט געבעטן, אַז עס זאָל דעם הייליקן אויפן באַרג גאָרנישט געשען. דער גלח איז אַרויפגעקראָכן הויך, צום גלאָק־טורעמל, און געשיקט ברכות אַהינצו דורכן אָפענעם פענצ־טערל.

באַלד נאָכן קריג איז געקומען פון רוים די הסכמה צו קאַנאָ־ניזירן דעם הייליקן פונעם אינדזל און צו אָנערקענען דעם באַרג אַלס אָרט פון פּילגרימען. דער ביסקופּ און דער פּרעפעקט האָבן געשאַפן ספּעציעלע פאָנדן און קאָמיסיעס צו דעם צוועק.

אַ שיינעם טאָג איז אַן עקספּעדיציע מיט שיפלעך, פּאָנטאָנען, דריי־ליטערס, באַרג־ און ים־אינזשיניערן, צוזאַמען מיטן גלח, אַוועק אויספאָרשן דעם באַרג, און מאַכן אַ פּלאַן פאַר אַ קאַפּליצע ערגעץ אויבן.

ווי גרויס איז אָבער געווען דער חידוש, ווען אין אַן אויס־הוילונג צווישן פעלדזן, אויף דער שאָטנזייט פון באַרג, האָבן זיי אַנטדעקט אַ קערפּער פון אַ מענטש, אַ ווילד־באַוואַקסענעם, מיט אַ לאַנגער באָרד. און געלעגן איז ער מיט אַ שראַפּנעל אינעם נאַקן. אַרום האָבן געראַיעט ווערים. און דערנעבן איז געלעגן אַן אָפן בוך, צוגעדריקט מיט אַ שווערער האַנט און מיט אַ שטייפן פינגער. אויף די ליידיקע ראַנדן פון די צעעפנטע זייטן זענען געווען גיך־פאַרצייכנטע שורות, ווי געשריבן מיט אַ שפּיץ נאָגל געטונקן אין בלוט. דער גלח האָט זיך איינגעקוקט, אויסגעדרייט זיך מיטן רוקן,

און איינגעגראָבן זייטע אויגן אינעם כתב: אַנטרינען פון מענטשן, וואָס זענען חיות געוואָרן, בפרט פאַר אונדז יידן. געראַטעוועט זיך אַהערצו, נאָענטער צו גאָט. און גאָטס וואָרט, די ביבל, אַלס אײַנ־ציקן און געטרייען פריינט. און קיין מענטשן־האַנט האָט דאָ קיין שליטה נישט איבער מיר... און אָט נעמט מיך גאָט צו, אײַנמיטן פון געדונער און געבליץ, ווי ביי מעשה־בראשית, ווי דאָ, אויף די צעעפנטע זייטלעך. אָט גיי איך צו דיר אויף פייערדיקע פליגל. אָשמנו, בגדנו...

דער גלח האָט פאַרמאַכט דאָס בוך מיט זיינע ציטערדיקע פינ־גער און עס גיך אַריינגעשטעקט, ווי אַ גנבה, אין בוזים־טאַש פון זיין ברייטער סוטאַנע. ווען ער איז געווען זיכער, אַז קיינער זעט נישט, האָט ער אַרויסגענומען דאָס בוך, און עס אַ שליידער געטאָן פון זיך, אַוועק אין ים אַריין.

צוויי באַרג־אַרבעטער האָבן זיך דערווייל אַרויפגעדראַפּעט אויפן העכסטן שפּיץ פון באַרג, און דאָרט אַריינגעבויערט אַ גרויסן צלם, און אים פאַרפעסטיקט מיט צעמענט און אייזן, אַז קיין שום ווינט און שטורעם זאָלן אים נישט קאָנען בייקומען.

אין געטאָ

ווען עס האָט זיך פּלוצעם דערהערט אַ שיסעריי אין דרויסן, האָט זי אַ צי געטאָן בערעלעןביים אָרעם:

— שטיי אויף, מען שיסט.

בערעלע האָט אַרויסגעלאָזן אַ טיפן געגעץ און איינעם מיט אַ פראַגע:

— און אַז איך וועל אויפשטיין, וועט מען אויפהערן שיסן?

בערעלע האָט אַרויסגעשלעפּט אַ האַלבן גוף פון אונטער דער וואַטענער און צעדריוולטער קאָלדרע און אַנטאַפּנדיק אַ ליידיקייט אין בעט, האָט ער אַרויסגעשטעלט אַ פּאָר צעשראָקענע אויגן:

— דער טאַטע, ווו איז דער טאַטע?

— ער איז געגאַנגען צום ערשטן מנין.

עס האָט זיך ווידער דערהערט אַ שיסעריי, און אָפּגעהילכט ווי אַ וויסטער האָגל אויף אַ בלעכערנעם דאַך. די מאַמע האָט אַרומגענומען בערעלען מיטביידע אָרעמס און זיך פעסט צוגעטוליעט צו אים.

— דער טאַטע האָט זיך היינט געפעדערט און געגאַנגען צום ערשטן מנין... מען קאָן נישט וויסן, האָט ער געזאָגט... אפשר וועט היינט נישט זיין קיין צווייטער מנין... לאָמיר קודם אַריינכאַפּן אַ שחרית בציבור.

בערעלע איז אַרויסגעשפּרונגען פון בעט און גענומען גיך אַרויפציען די הויזן.

— ווו גייסטו, בערעלע? האָט זי געפרעגט מיט אַ ציטער צווישן יעדער זילב.

— מען דאַרף זיין גרייט, מאַמע.

— גרייט צו וואָס, זונעלע? דו וועסט דאָך מיך נישט פאַרלאָזן איצטער?

— ווייַן נישט, מאַמעשי, האָט ער גענומען גלעטן אירע נאַסע באַקן, ווייַן נישט. מען טאָר נישט וויינען היינט. עס איז דאָך ערב־פסח היינט, דער יום־טוב פון פרייהייט.

די טריבקייט איבערן מאַגערן נאַפטקנויל איז פּלוצעם איינגעשלונגען געוואָרן דורך אַ פלאַקערדיק פלעמל, וואָס האָט זיך גענומען דראַפּען לאַנגאויס דעם גלעזערנעם צילינדער. אַ פאַרקוילטע צויט האָט זיך געקלאַמערט אַרום בויך פונעם פלעמל און אַראָפּגעפאַלן מיט אַ סקריפּ צופוסנס פונעם קנויל.

— דו געדענקסט, מאַמע, די מעשה פון פסח? די יידן זענען געווען פאַרשקלאַפט צו פּרעהן אין מצרים. מען האָט געצאַפּט זייער בלוט און די קינדער אין ים געוואָרפן. איז געקומען גאָט, דורך זיין שליח, משה, און האָט זיי אויסגעלייזט... ווייַן נישט, מאַמעשי, עס איז היינט ערב־פסח.

דאָס שיסן איז געוואָרן נאָענטער, רעשיקער, אויסגעצויגענער און גענומען זידן אין די אויערן ווי טרערן, וואָס פאַלן שווער אויף אַ צעגליטן אויוון.

בערעלע איז צוגעלאָפן צום פענצטער. אָבער די ברעטער, וואָס האָבן פאַרנומען דאָס אָרט פון די שויבן, האָבן נישט אַריינגעלאָזט קיין סוד פון דרויסן. האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו דער טיר.

— איך וועל נישט לאָזן אַרויסגיין, איז די מוטער אים פאַרלאָפן דעם וועג און אים צוריקגעשלעפט צום בעט.

— נו, גוט, מאַמע. אָבער ווייַן נישט. עס איז היינט ערב־פסח. די יידן זענען אויסגעלייזט געוואָרן, טאָר מען נישט וויינען.

— דאָס זענען אפשר טרערן פון פרייד, זונעלע... אָבער ווי זיך פרייען, אַז דער טאַטע איז נישטאָ און אין דרויסן שיסט מען?

— איך בעט דיך, מאַמעשי, ווייַן נישט... איך האָב אַ חלום געהאָט די נאַכט, אַ זיסן חלום געהאָט. און געזען אין חלום דעם ים־סוף, ווי ער שפּאַלט זיך, און די יידן גייען אַריבער מיט אַ טרוקענעם פוס דעם ים. און איך גיב אַ קוק — דאָס זענען נישט יענע יידן פון מצרים, נאָר אונדזערע יידן פונעם געטאָ. איך האָב זיי אַלעמען דערקענט, אונדזערע שכנים, אונדזערע קרובים, די יידן פון מילע, פון לעשנע... און ווייטער האָב איך געזען ווי עס קומען אָן די מצרים און לאָזן זיך יאָגן נאָך די יידן. איך גיב אַ קוק: און דאָס זענען גאָר קיין מצרים נישט, נאָר דייטשן, די פאַרשאָלטענע

דייטשן. און נאָך האָב איך געזען, ווי דאָס וואַסער קומט צוריק און דעקט זיי אַלעמען צו, און זיי דערטרינקען זיך אַלע, נעמען איין אַ ווּיסטן סוף...

— און דעם טאַטן האָסטו אויך געזען דאָרטן, בערעלע? האָט זי אים געדריקט פעסטער צו זיך. דעם טאַטן האָסטו אויך געזען ווי ער גייט אַדורך דעם ים בשלום?

— יאָ, מאַמעשי. איך האָב דעם טאַטן געזען אויף יענער זייט ברעג און איך האָב אים געהערט זינגען די שירה. איך האָב גע־נוי דערקענט זיין קול, ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַרן עמוד, אין קלויז, און געזונגען.

דאָס געשיס איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ הילכיק דונערן און גע־נומען טרייסלען מיט די פענצטער־ברעטער, מיט דער טיר, מיטן לעמפּל און מיט דער צאינה־וראינה, וואָס איז געלעגן דערנעבן.

— אַנו, מאַמע, גיב אַהער די צאינה־וראינה. לאָמיר אויפמישן די מעשה פון יציאת מצרים און לאָמיר זינגען צוזאַמען מיט זיי דעם אָז־ישיר... און דעמאָלט האָט משה געטאָן זינגען את השירה הזאת... דאָס דאָזיקע געזאַנג, צו זיין געטלעכקייט ברוך הוא. געלויבט איז זיין נאָמען איבער אַלע נעמען, אין אַלע הימלען...

עטלעכע ברעטער זענען פּלוצעם אָפּגעשפּרונגען פונעם פענצ־טער און דאָס גאַנצע הויז האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. די צאינה־וראינה האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון די הענט און געפאַלן אויפן דיל. שטיקלעך נאַכט האָבן זיך אַריינגעריסן פון דרויסן אינאיינעם מיט אַ ווייטן אָפּשיין פון אַ שריפה.

די מאַמע האָט אויפגעהויבן די צאינה־וראינה, צוגעלייגט די ליפּן צו די אותיות אויפן פאָדער־טאָוול און דערלאַנגט בערעלען אַ קוש צו טאָן.

— אַנו, בערעלע, האָט זי צוגעצויגן איר זון צו זיך מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער גענומען מישן די זייטן. יאָ, ווו האָבן מיר עס געהאַלטן? אַנו, לאָמיר זינגען ווייטער, מיר האָבן דאָך נישט פאַרענדיקט... אָז ישיר, האָבן די בני ישראל געטאָן זינגען די שירה, דאָס גרויסע געזאַנג, את השירה הזאת...

בערעלע האָט נאָכגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט, וואָס די מאַמע האָט אַרויסגעלייענט, און אַריינגעגלאָצט מיט זיינע גרויסע אויגן אין די שפּאַלטן צווישן די פענצטער־ברעטער. און דער דרויסן האָט געריסן זיך אין שטוב אַריין מיט דונערן און בליצן, און מיט שטיקער טאָג.

גאולה

עס איז געווען די ערשטע סילוועסטער־נאַכט נאָך דער באַ־
פרייאונג. דער גאַנצער „די־פּי" לאַגער האָט זיך געגרייט צו דער
דאָזיקער נאַכט, יעדער אויף זיין אופן.

יאָסל, דער פּאָרזיצער פון יידישן קאָמיטעט, און גדעון, פון דער
יידישער בריגאַדע און פאָרשטייער פון סוכנות, האָבן נישט גע־
קאָרגט קיין מי, אַז די פייערונג זאָל אַדורך מיטן גרעסטן דערפאָלג.
דער לאָסט־אויטאָ פון קאָמיטעט האָט נישט גערוט. ער האָט גע־
וואַנדערט אַהין און צוריק, שוין עטלעכע טעג צופריער, צווישן דעם
לאַגער און די דזשאַינט־מאַגאַזינען אין מינכען, און געבראַכט פון
כל־טוב: פון בעסטן סקאָטישן וויסקי און דזשין, פון די בעסטע
פראַנצויזישע קאָניאַקס און שאַמפּאַניערס, און כלערליי נאַשוואַרג
און קוכנס. און דעם זעלבן אָוונט איז געבראַכט געוואָרן אַ דזשאַז־
אָרקעסטער און אַ לאַדונג טענצערינס און פריילעך־מאַכערינס פון
אַ האַנאָווער קאַבאַרעט — לויט דער צאָל מיטגלידער פון דער ברי־
טישער לאַגער־אָנפירונג. מען האָט אויך נישט פאַרגעסן אין די
פּשוטע זעלנער, וואָס האָבן געפּראַוועט וואַך אינעם לאַגער.

אַרום צוועלף בייינאַכט האָט זיך אָנגעהויבן די הוליאַנקע. און
קנאַפּע צוויי שעה שפּעטער זענען די ענגלענדער און שאַטלענדער
געליגן טויט־שיכור אינעם גרויסן קאַנטין־זאַל, אין די אָרעמס פון
די האַנאָווער מיידלעך, אין פּאָזיציעס, וואָס האָבן זיי געמאַכט פאַר־
געסן נישט נאָר אין דער הייליקייט פון דער דאָזיקער נאַכט, נאָר
אויך אין דער ראָל זייערער אינעם לאַגער.

און דאָס לעצטע איז געווען דאָס וויכטיקסטע פאַרן יידישן קאָ־
מיטעט. צוליב דעם האָבן זיי טאַקע געלייגט אַזויפיל געלט און מי,
אַז די הוליאַנקע זאָל געלונגען.

גדעון, וואָס האָט געענדיקט דעם עדינבורגער אוניווערסיטעט,
און האָט זיך גוט געקענט אויף די סקאָטישע מנהגים, האָט צום
סילוועסטער זיך איינגעשאַפט אַ סקאָטיש קליידל און אַ „באַגפּייפּ",

און געבלאָזן אין אים, ווי אַן אמתער „היילאַנדער". די גרעסטע אַ־טראַקציע איז טאַקע געווען זיין טאַנץ צווישן שווערדן. די סקאָט־לענדער האָבן זיך אויסגעזעצט אויפן דיל אין אַ ראָד, און גע־שטרעקט פאָרויס זייערע אַנטבלויזטע שווערדן. גדעון האָט געטאַנצט צווישן זיי ווילדערהייט, מיטן קליידל פאָררייסן, אויסמיידנדיק די אַרויסשטייענדיקע שווערד־שפּיצן. די ענגלענדער אַרום האָבן גע־פּאַטשט אין די הענט צום טאַקט, און יעדעס מאָל ווען עס האָט זיך גערדאַכט, אַז אַ שווערד־שפּיץ פאַרטשעפּעט זיין ליב, זענען זיי אויס־געבראָכן מיט אַ ווילד געלעכטער:

— הו־האַ, כאַ־כאַ, בלאַדי דזשו, בלאַ־די דזשו־או־או...

און ווען גדעון איז מיד געוואָרן, האָט זיך צעשפּילט די מוזיק. און ווען די שפּילער און די טענצער זענען מיד געוואָרן, האָט גדעון ווידער גענומען זיין בלאָז־זאַק און געמאַכט וויינען די סעמטימענטאַ־לע שאָטלענדער מיט ראָמאַנסן פון ראָבי בערנס און פון די שאָט־לענדישע בערג. די האַנאָווער מיידלעך האָבן אויסגענוצט די סענטי־מענטאַלע שטימונג און זיך געזעצט אויף די שויסן פון די צעהוליע־טע פאַרשטייער פון די בריטישע אינזלען. די מיטגלידער פון יידישן קאָמיטעט האָבן זיך געפּאַרעט און נישט געזשאַלעוועט קיין משקה, דערמוטיקט צום טרינקען. פלעשער האָבן זיך געוואַלגערט אויפן דיל, אונטער די שיכורע פיס. אונטער די צאַפּלדיקע לייבער. גלעז־לעך זענען געפלויגן אין דער לופטן און צוגעגעבן פריילעכקייט מיט זייער בראַזגעדיקן געקלאַנג, אויסמישנדיק זיך מיט די אָפּגע־האַקטע טענער פונעם דזשאַז און די הייזעריקע אויסגעשרייען פון די פאַרשלאָפענע קעלן אַרויס.

די מיטגלידער פון יידישן קאָמיטעט האָבן גענומען איינציק־ווייז פאַרלאָזן דעם קאַנטין־זאַל. זיי האָבן אויפגעזוכט די לאַגער־וועכטער און געטיילט צווישן זיי פלאַשן וויסקי, פלאַשן שאַמפּאַן. דער לעצטער איז אַרויס גדעון. ער האָט אויסגעלאַשן די לעמפּ און זיך אַרויסגעשלייכט פון דער קאַנטין אויף די שפּיץ פינגער.

עס איז געווען אַ פינצטערע נאַכט. דאָס ברעקל לבנה, וואָס האָט אַרויסגעשטעקט צווישן געדיכטע וואָלקנס, האָט נישט געקאָנט פאַר־טרייבן די חשכות. דאָס הויכע שנאַרכן און די אויסגעלאַסענע אויס־רופן, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון קאַנטין־זאַל, האָבן פון צייט צו צייט געריסן שטיקער פון דער שטילקייט און פון דער סודותדי־קייט אַרום די באַראַקן.

די יידן אינעם לאַגער האָבן זיך די נאַכט געלייגט שלאָפֿן ווי געוויינלעך. אָבער קיינער איז נישט געשלאָפֿן. מען האָט געדאַרפֿט זיין גרייט. עס וואַרט אַ ווייטער וועג: אַ צען קילאָמעטער צופֿוס, ביז דער גרענעץ פֿון דער פֿראַנצויזישער זאָנע. דאָרטן, אינעם וואַלד, אויף יענסייט סאַלגאַו, וואַרטן לאַסט־אויטאָס, וואָס וועלן אָפּפֿירן קיין פֿראַנקרייך, דרום־צו. און אין פּאָרט וואַרטן שיפֿן. און עס וואַרט ארץ־ישראל אויף זיינע אויסגעוואַרצלטע קינדער. די הויפּט־זאַך איז אַרויסצובאַקומען זיך אומבאַמערקט פֿונעם לאַגער, דורך אַ געהיימען דורכגאַנג אינעם געדיכטן קנויל פֿון שטעכל־דראָטן; און דערנאָך — דורכצומאַכן די צען קילאָמעטער פֿון דער ענגלישער זאָנע און נישט צוציען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון אַן ענגלישן פּאַטראָל.

ווען גדעון איז צוריקגעקומען, איז דער עולם שוין געווען אויסגעשטעלט נעבן די באַראַק־הייזקעס און געוואַרט אויף אַ באַפֿעל. לויט אַ פֿון פֿאָרויס צוגעגרייטן פּלאַן, זענען די לאַגער־יידן געווען איינגעטיילט אין גרופּעס צו צוואַנציק, און בראש פֿון יעדער גרופּע איז געשטאַנען אַ פֿאַראַנטוואָרטלעכער. דער וועג איז געווען גוט איינשטודירט. צוערשט — אַרויס מחוץ דעם לאַגער. דערנאָך — אויפֿן פֿעלד, מחוץ דעם שטעטל. די פּאָר שטעטלדיקע הינט, וואָס וואָלטן געקאָנט בילן, האָט מען, מיטן צופֿאַלן פֿון דער נאַכט, צוגעוואָרפֿן שטיקער פֿלייש מיט אַ שטאַרקן שלאָף־מיטל, אַז זיי זאָלן זיך ערשט איבערוועקן אויפֿצומאָרגנס. הינטערן שטעטל דאַרף מען פֿאַרקערעווען לינקס און דורך פֿאַרשנייטע פֿעלדער צוקריכן צו דער סאַלגאַו. אויף יענער זייט טייכל הויבן זיך אָן וועלדער און די פֿראַנצויזישע זאָנע. דאָרטן איז מען אין דער היים. די פֿראַנצויזישע אויפֿזעער, נישט נאָר מאַכן זיי זיך נישט זען, נאָר זיי העלפֿן אַפֿילו צו בשתיקה צו שאַפֿן די ענגלענדער שוועריקייטן אין פּאַלעסטינע...

יעדע דריי מינוטן האָט אָפּמאַרשירט אַן אַנדערע גרופּע. 15 גרופּעס זענען זיי געווען. מיט דער ערשטער האָט אָנגעפֿירט יאָסל. מיט דער לעצטער — גדעון.

צווישן די לעצטע צוואַנציק האָט זיך געפֿונען די עלטסטע פֿרוי פֿונעם לאַגער. אַ דאַנק טויזנט ניסים איז זי געבליבן לעבן. וואָס און וויאַזוי — האָט קיינער נישט געוווּסט. זי איז צוגעטיילט געוואָרן אַהערצו — איז זי דאָ געווען. קיינער האָט זי נישט גע־

קענט. זי האָט איר נאָמען נישט געדענקט און אויך נישט אירע יאָרן. מען האָט זי געשאַצט ווייט אַריבער די אַכציק. די צרות האָבן ביי איר אָפּגענומען נישט נאָר דעם זכרון, נאָר כמעט אויך דאָס לשון און די מעגלעכקייט צו טראַכטן צו דער זאַך. אויך פיזיש איז זי ווייט נישט געווען מיט אַלעמען. זי האָט געשלעפּטביידע פיס און געגאַנגען ווי אַ מעכאַנישער גולם מיט אַ באַשעדיקטן שפּרינגפעדער. אָט איז זי געגאַנגען צוויי־דריי טריט, און אָט איז זי געבליבן שטיין, אָדער גאָר געמאַכט אַ טריט־צוויי אויף צוריק. מען האָט איר גערופן באָבע. די באָבע גייט. די באָבע שטייט. די באָבע גייט אויף צוריק. די באָבע ליגט. זי איז מער געלעגן, ווי געגאַנגען און געשטאַנען צוזאַמען. לויט ווי מען האָט געשמועסט, איז זי די עלטסטע נישט נאָר אינעם לאַגער, נאָר אויך צווישן גאַנצן שאַרית־הפליטה. האָט דער גאַנצער לאַגער שטאָלצירט דערמיט, וואָס עס איז דווקא צוגעפאַלן אין זיין חלק צו באַזיצן די עלטסטע זקנה צווישן אַלע ניצול־געוואָרענע.

אָבער איצט איז ווייט נישט געווען וואָס צו שטאָלצירן מיט איר. זי איז איצטער גיכער געווען אַ שטער, אַ שטרויכלונג. זי האָט זיך אין די צוגרייטונגען נישט באַטייליקט. זי האָט נישט געוואָלט אַוועקגעבן איר געפּעק באַצייטנס, ווען די לאַסט־אויטאָס פון דזשאָינט, וואָס האָבן געבראַכט שפּייז פאַרן לאַגער, האָבן אין געהיים אַרויסגעפירט דאָס ביסל האָב־און־גוטס פון די לאַגער־יידן.

— ניין — האָט זי זיך פאַרטיידיקט, אַרויפליגנדיק זיך מיטן גאַנצן קערפּער אויף אירע זאַכן — נישט גע־בן.

ווען מען האָט גענומען אויסשטעלן דעם עולם נעבן באַראַק, איז זי געבליבן אין בעט. מען האָט זי געמוזט מיט כוח אַרויסטראָגן. ווען מען האָט זי אַוועקגעשטעלט אין דער ריי, האָט זי זיך געווערט:

— ניין! גע־נוג. גע־נוג ריי־ען. גע־נוג אַ־פּעלן. גענוג!

גדעון האָט ספּעציעל צוגעטיילט צו זיין גרופּע די שטאַרקסטע יונגעלייט, וואָס זאָלן זיך גיכער קאָנען אַן עצה געבן מיט איר. דריי געזונטע יונגען האָבן זי פעסט צוגעהאַלטן און געשלעפּט מיט זיך. זי האָט זיך געוואָרפן פון כעס און געוויינט אויפן קול. ברעקלעך אָפּגעריסענע ווערטער, קוים צו פאַרשטיין, האָבן זי געשטיקט: — גע־נוג גע־שלעפּט. גע־נוג גע־שלאָגן. האָב מורא, מו־רא... און אָפּ־

געהאַקטע זילבן פון נעמען זענען געבליבן שטעקן אין איר קעל;
מסתמא פון קינדער, פון נאָענטע קרובים.

עס איז געווען אַ פּחד, אַז צוליב איר זאָל די לעצטע גרופּע גאָרגישט קאָנען אָפּגיין און אַז דער גאַנצער פּלאַן זאָל צעשטערט ווערן, חלילה. אגב, האָט זיך גראָד דערהערט אַ געדודער און טריט, וואָס זענען געקומען פון דעם קאַנטין־בנין. דער קאָמענדאַנט פונעם לאַגער, דער געלער סקאַטלענדער, האָט זיך איבערגעוועקט. ער האָט אויפגעפּראַלט די טיר מיט אַ זעץ. זיך געוואַקלט. זיך אָנגעקלאַפּט אין דער וואַנט, ביז ער האָט זיך צוגעשלײדערט צום בית־הכסא. דאָרט האָט ער אָפּגעבראָכן, זיך פאַרגאַנגען אין משונהדיקע קולות און נאָך אַ ווייל אַרויס, מיט ברעקלעך קללות אויף די ציטערדיקע ליפּן. גדעון איז גיך צוגעלאָפן צו אים, אָנגענומען ביים אָרעם און געהאָלפן צוריקגיין, צוריקלייגן זיך צווישן די גופים, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויפן דיל.

— בלאַ־די דזשו־או־או — האָט דער געלער סקאָט געשטאַמלט, אויסציענדיק דעם סוף־וואָקאַל, ווי אַ הינטיש געוואָי. און איז איינגעשלאָפן.

גדעון איז גיך צוריקגעלאָפן צו זיין גרופּע, וואָס איז געווען באַשעפטיקט מיט דער אַלטיטשקער. איינער האָט געשטופּט אַ דיק טיכל אין איר מויל אַריין און צוויי האָבן זי געבונדן מיט לאַנגע האַנטוכער, פאַרקנופּט פון פאָרענט ווי אַ שטריק. נישט געהען מער קיין רגע צום פאַרלירן. גדעון האָט מסכים געווען, אַז מען זאָל זי אַרויסטראָגן אַ געבונדענע און מיט אַ פאַרשטאָפּט מויל ביז הינטערן שטעטל. אָבער דאָרטן וועט מען אויפבונדן און מען וועט איר אונטערהעלפן אין גיין, אונטערטראָגן פון צייט צו צייט.

— עס איז אַ צער בעל־חיים, האָט ער געזאָגט. ווען זי וואָלט פאַרשטאַנען דעם זין פון דעם, וואָס געשעט איצטער, וואָלט זי געלאָפן ווי יעדער איינער פון אונדז.

— וואָס וועט שוין דאָס לאַנד האָבן פון איר, פון אַזאַ אַלטער? — האָט איינער פון די שטאַרקע געפרעגט, ווישנדיק זיך דעם שוויס פונעם טראָגן.

— אַז זי האָט דערלעבט ביז איצט, מוז זי דערלעבן צו ארץ־ישראל.

— אָבער זי פאַרשטייט דאָך נישט דעם זין דערפון אַפילו — האָט אַ צווייטער פון די פאַרמאַטערטע טראָגערס אָפּאַנירט.

— אויב זי פאַרשטייט נישט — האָט גדעון געענטפערט — פילט זי עס, הגם זי קען עס נישט אַרויסזאָגן. און עס איז אויך אַן ערך־זאַך פאַר אונדז צו דערבערענגען זי צו די אויסגעבענקטע ברעגן, די עלטסטע צווישן די גערײַטעוועטע, דער אויטענטישס־טער זכר־לחורבן.

ווען זיי זענען צוגעקומען צום ברעג פונעם שניי־פעלד, האָבן זיי זיך צוגעזעצט, בכדי די טראָגערס זאָלן אָפּכאַפּן דעם אָטעם און מען זאָל אויפבינדן די באָבע.

די לבנה האָט זיך געמאַכט אַ וועג צווישן צוויי בערן־וואָלקנס, וואָס האָבן זי כסדר געהאַלטן אין קלעם. זי איז געבליבן שטיין ביים ראַנד פון שניי, צוזאַמען מיט דער גרופּע. און ווייסער געמאַכט דעם שניי־טעפּיך אַרום.

גדעון האָט גענומען אויפבינדן די פאַרוויקלטע האַנטיכער און אַרויסגעצויגן דאָס צונויפגעקנוילטע טיכל, וואָס האָט געשטעקט אינעם מויל פון דער באָבען. איר פּנים איז געווען ווייס און שטאַר און די אויגן פאַרוואָרפן, ווי ביי איינעם וואָס האָט אויסגעגוססט. אַ ציטער, צוזאַמען מיט אַ פּחד, איז אַדורך אַלע זיינע אברים. ער האָט געכאַפּט אַ האַנטפלאַך שניי און גענומען איינרייבן איר שטערן, אי־רע באַקן, שטופּן צווישן די פונאַנדערגעעפנטע ליפּן. דערנאָך האָט ער צוגעשלעפּט איר קאָפּ צום שנייפעלד און גענומען אים אַרומ־לייגן מיט שניי, געמישט מיט שטיקער לבנה, וואָס האָבן זיך גע־וואַלגערט אונטער זיינע הענט. אַנדערע האָבן גענומען איינרייבן אירע פיס, איר בויך און פאַרענט מיט שניי, און באַוועגן מיט אירע שטייפע הענט און אָרעמס ווי מיט פליגלען. זי האָט געעפנט די אויגן. אָפּגעזיפצט, אַ צי געטאָן לופט. אַלע האָבן אָפּגעאָטעמט. זיך איינגעקוקט אין איר. אירע אויגן זענען געווען ברייט צעעפנט און געקוקט גלייך אין דער לבנה, ווי דער הימלדיקער בלענד וואָלט איר נישט געאַרט.

גדעון האָט זיך איבערגעבויגן איבער אירע אויגן און גענומען באַוועגן מיט די ליפּן, ברייט און צעצויגן, ווי מען רעדט צו אַ טויבן, אַ מגושם:

— ארץ־ישראל, ירו־ש־ל־ים. קבר רחל. אַלע אינאיינעם. קיין ירושלים!

די אַלטיטשקע האָט אַראָפּגעלאָזן אויף האַלבוועגס אירע אויגן־דעקלעך, און באַוועגנדיק פֿויל מיט שטייפֿע ליפּן, אַרויסגעלאָזן אָפּ־געהאַקטע זילבן ווי אַ פּאַרשפּעטיקטער באַרג־אָפּהילך: יע־רו־שו־לאַ־יעם. קיי־ווער רו־חל. אַ־לע אײַנ־איי־נעם. קיין יע־רו־שו־לאַ־יעם, לאַ־יעם...

זי האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך דעם שניי. זיך אויפֿגעזעצט. זיך אויפֿגעשטעלט. גענומען גיין. עטלעכע שטאַר־זי האָט זיי אָפּגעשטויסן.

— איך וועל גיין אַליין. קיין ירושלים. קיין ירושלים!

קע הענט האָבן זיך אויסגעצויגן צו איר. געוואָלט זי אונטערהאַלטן.

און געזאָגט האָט זי עס ווי אַלע. נישט פֿאַרהאַקט זיך. און גע־שטעלט האָט זי טריט ווי יעדער איינער. גאָרנישט געהינקט. גאָר־נישט געשלעפּט די פֿיס. גאָרנישט אַהין און אַהער. נאָר אַהין. אַהין, פֿאָרויס. מען האָט זי נישט געקאָנט אָניאָגן.

— אַ נס — האָט אויסגעשריגן דער יונגסטער פֿון דער גרופּע.

— אַ נס — האָבן אַלע אונטערגעכאַפּט.

— דער נס פֿון גאולה — האָט גדעון צוגעגעבן באַכלויפּנדיק.

די לבנה איז נאָכגעלאָפֿן, געלאָפֿן פֿאָרויס, און גענומען זיך שפּרייטן פֿאַר די פֿיס פֿון דער אַלטיטשקער.

זיי האָבן אָנגעיאָגט און פֿאַרבייגעלאָפֿן די גרופּעס, וואָס זענען אַ סך פֿריער פֿון זיי אַרויס. און געדיכט ביים טייכל האָבן זיי זיך באַהאָפּטן מיט דער גרופּע פֿון יאָסלען. מען האָט דער אַלטיטשקער געוואָלט העלפֿן אַדורכגיין דאָס שמאָלע בריקל, זי זאָל אין איר גע־לויף נישט אַריינקייקלען זיך אינעם טייכל. אָבער איידער וואָס, איז זי שוין געווען אויפֿן בריקל.

די וואַסער־כוואַליעס האָבן אויפֿגעכאַפּט דעם הויכן אָפּקלאַנג פֿון אירע גיכע טריט און זיי אַוועקגעטראָגן מיטן שטראָם.

און איידער זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין די לאַסט־אויטאָס, וואָס האָבן געוואַרט ביים ראַנד פֿון וואַלד, האָט גדעון צוזאַמענגע־נומען דעם גאַנצן עולם און זיי דערציילט וועגן נס.

— דאָס איז אַ גוטער סימן — האָט גדעון פֿאַרענדיקט, דאָס ווייזט, אַז די השגחה איז מיט אונדז.

— זי האָט לאַנג געלאָזט וואַרטן אויף זיך, די השגחה — האָט עמיץ געזאָגט איראָניש.

— בעסער שפעטער, ווי קיינמאָל נישט — האָט עמיץ גע־ענטפערט מיט אַ פרומען טאָן.

יאָסל איז צוגעגאַנגען צו אַ לאַסט־אויטאָ און אַרויסגע־שלעפּט פון אַ קאַסטן אַ פלאַש שאַמפּאַן. ער האָט באַפרייט דעם פּראָפּן פון זיין דראַטענעם קלעם און אים אַרויסגעזעצט מיט אַ קנאַל.

— לחיים, יידן, לחיים לכבוד דעם נס! און גענומען אַ טרונק פון פלאַש.

— לחיים. זאָל לעבן די באָבעשי! האָט אַ צווייטער געגעבן אַ שלוק.

גדעון האָט גענומען די פלאַש און דערלאַנגט דער אַלטיטש־קער, צוזאַמען מיט אַ פראַגע:

— ווי רופט מען עס אייך, באָבעשי? לחיים אייך...

די אַלטע האָט גענומען די פלאַש, געגעבן אַ צי פון איר, פאַר־וואַרפנדיק בעת־מעשה די אויגן צו דער לבנה, ווי זי וואָלט אויבן געזוכט די תשובה צו דער געשטעלטער פראַגע.

גדעון האָט אַ שלעפּ געטאָן די פלאַש פון איר מויל, אַריינגע־שטעקט דאָס העלדזל צווישן זיינע ליפּן, און מיט אַ מויל פול מיט שוים אויסגערופן:

— זאָל לעבן גאולה! און דערלאַנגנדיק די פלאַש זיין שכן, צו־געגעבן: מיר וועלן זי רופן פון איצט אָן גאולה.

— זאָל לעבן גאולה! — האָבן אַלע אונטערגעכאַפּט און גע־ריסן זיך צו דער פלאַש.

— זאָל לעבן די גאולה שלימה! — האָבן עטלעכע פרומע מיי־לער אויסגעבעסערט.

און ווען די ערשטע פלאַש איז געוואָרן ליידיק, האָט יאָסל אַרויסגענומען אַ צווייטע, און אַ דריטע, אַ צענטע, און געטיילט צווישן עולם. עס האָבן געקנאַקט אין דער לופטן די אַרויסגעשאָ־סענע פּראָפּנס און געגרייכט מיט אַ זילבערנעם שוים ביז צו דער לבנה אַרויף. דערנאָך איז געקומען די ריי פון די פראַנצויזישע שאַפּערן. אויך זיי האָבן אונטערגעכאַפּט די פריידיקע אויסרופן.

— וויוו לאַ פראַנס! האָט גדעון אויסגערופן און געגעבן אַ סימן אַריינצוגיין אין די אויטאָס.

און וואָסאַמאָל היימישער האָט גענומען ווערן דער פרעמדער וועג, וואָס פירט צו די פאַרבאָטענע, אָבער אייגענע ברעגן.

א י נ ה א ל ט :

די לעצטע שיף	5
אַמאָל איז געווען אַ דאָרף	113
דר. קאָהען־קרעאַנזש	155
גאָר גרויסע כוונות	176
ה ו נ ג ע ר	194
ד ע ר ה י י ל י ק ע ר	199
א י ן ג ע ט אָ	203
ג א ו ל ה	206

„אונדזער קיום"־ביכער

דערשינען ביז איצט:

דר. מ. דוואָרזשעצקי: „הירשקע גליק" (מאָנאָגראַפיע).

מענדל מאַן: „קערנער אין מדבר" (דערציילונגען).

אברהם גאָלאָמב: „אונדזער מאָרגן" (עסיי).

דר. יעקב צינעמאַן: „לעצטע שריפטן".

לייב קורלאַנד: „אויפן וועג צו זיך" (ראָמאַן).

ל. לענעמאַן: „אין אַן אַנדערער וועלט" (זכרונות).

מ. ליטווין: „פראַנצויזישע פּאָעזיע" (איבערזעצונג, עסייען און ביאָגראַפיעס — פון מ. ליטווין).

דערשיינט בקרוב:

מענדל מאַן: „דער שווארצער דעמב" (דערציילונגען).

L. KURLAND

GEOULA

NOUVELLES

« NOTRE EXISTENCE »
*FEDERATION
DES SOCIETES JUIVES
DE FRANCE
PARIS - 1969*

ACHEVE D'IMPRIMER
SUR LES PRESSES
DE L'IMPRIMERIE GELBARD
20, RUE FERDINAND-DUVAL
PARIS-4e * JUIN 1969